STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06257

DER ZAMLER

Yossel Birstein

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאָסל בירשטיין: דער זאַמלער

פֿעברואַר 17, 1985

צו

חברה חוה אַלעקסאַנדער

די ליבהאָבער פֿון ייִדיש

אַ גרוס פֿון ישׂראל

גרשון וויינער

אַרויסגעגעבן דורכן ליטעראַטור־פאָנד
א"נ פון ד"ר שמואל און רבקה הורוויץ
ביי דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים

בהוצאת הקרן ע"ש ד"ר שמואל ורבקה הורביץ
האגודה לתרבות יידיש, ירושלים

Published by the
Dr. SAMUEL and RIVKA HURWICH LITERATURE FUND
YIDDISH CULTURE ASSOCIATION, JERUSALEM

יאָסל בירשטיין

דער זאַמלער

ראָמאַן

פאַרלאַג:
ספרי סימן קריאה
הוצאת הקיבוץ המאוחד
תל־אביב

Yossel Birstein

DER ZAMLER

a novel

ספרי סימן קריאה

רעדאַקטאָר: מנחם פּרי

שער־בלאַט: נורית ענבר־שני

אַלע רעכט געהערן צום מחבר
און צום פֿאַרלאַג הקיבוץ המאוחד

געדרוקט אין ישראל, תשמ״ה
Printed in Israel 1985
דרוקעריי: צור־אות, ירושלים

*

דאָס איז דאָס צענטע בוך וואָס ווערט אַרויסגעגעבן מיט דער סובווענץ פונעם ליטעראַטור־פאָנד א״נ פון ד״ר שמואל און רבקה הורוויץ ז״ל ביי דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים.

לויטן באַשלוס פון דער זשורי, אויסגעקליבן דורך דער פאַרוואַלטונג פונעם ליטעראַטור־פאָנד, איז אין יאָר 1984 צוגעטיילט געוואָרן די סובווענץ צו דעם שרייבער יאָסל בירשטיין פאַרן כתב־יד פון זיין ראָמאַן "דער זאַמלער".

דער ליטעראַטור־פאָנד איז עטאַבלירט צום אָנדענק פונעם געוועזענעם פאַריזצער פון דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים, ד״ר שמואל הורוויץ און זיין פרוי רבקה, כדי צו העלפן יידישע שרייבערס אין ישראל אַרויסצוגעבן זייערע ווערק.

דער ליטעראַטור־פאָנד איז געגרינדעט געוואָרן מיט דער הילף פון יחידים און קערפּערשאַפטן אין קאַנאַדע און ישראל וואו שמואל און רבקה הורוויץ האָבן געשפּילט אַן אָנפירנדיקע ראָלע אינעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אַן אָנערקענונג קומט דעם הסתדרות־קאַמפּיין אין טאָראָנטאָ (קאַנאַדע), דעם פאַראייניקטן ישראל־אַפּיל פון קאַנאַדע און דעם "קרן־געסטעטנער" ביי דער סוכנות אין ירושלים — פאַר זייער אָנטייל אין דעם ליטעראַטור־פאָנד.

ביישטייערונגען אַרויסצוגעבן דאָס בוך פון יאָסל בירשטיין זענען דערהאַלטן געוואָרן פונעם "קרן תל־אביב לספרות ולאמנות ע״ש יהושע רבינוביץ", און "אליעזר פינעס־פאָנד פאַר קולטור און ליטעראַטור".

ביז איצט זענען דערשינען מיט דער סובווענץ פון הורוויץ־פאָנד די פאָלגנדע ביכער:

אין 1977 — "בלוט און וואָפן", דערציילונגען פון מאיר יעלין,
אין 1978 — "דער פּערציקיעריקער מאַן", פּאָעמע פון פּרץ מאַרקיש,
אין 1979 — "שפּאַצירן אין דער נאַכט", לידער פון דוד ספארד,
אין 1980 — "שמעטערלינגען שוועבן", דערציילונגען פון קלמן סעגאַל,
אין 1981 — "מיין וועג אַהיים", מעמואַרן פון אהרון ראָזין,
אין 1982 — "דער חוב פון זכרון", מעמואַרן פון חיים זיידמאַן,
— "גרינער ווינטער", "מאַרקולעשט", לידער און פּאָעמען פון מאיר חרץ,
אין 1983 — "בּיראָבּידזשאַן פון דער נאָענט", זכרונות פון אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַן,
— "אַליין דאָס לעבן", לידער פון רחל בוימוואַל.

יידישע קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים

פאַר העלען און ישראל סילמאַן

אינהאַלט

פרק א: רעגן 9

פרק ב: אין שפּיטאָל 55

פרק ג: שפּעט אין ווינטער 86

פרק ד: זומער 131

פרק ה: בטחון 180

פרק א

רעגן

שמואל סאָלאָמיר איז געשטאָרבן לאַכנדיק אין אונדזער באַנק. הלוי האָט אים אָנגעזאָגט אַ גוטע בשורה וועגן זײַנע אַקציעס איז ער אַרויס מיט אַ געלעכטער. די לוויה איז געווען אין אַ הייסן טאָג. בעטלער לעבן טויער פון בית־עולם האָבן געדרעמלט אין דער היץ און זיך אונטערגעפוילט בעטן נדבות. איינער פון זיי, אַ ברייטער, נידעריק, אין טונקעלע בגדים, אַ פּושקע אין יעדער האַנט, איז אונדז אַנטקעגן געגאַנגען מיט צעשפּרייטע אָרעמס ווי אַ בעל־שמחה וואָס נעמט אויף זײַנע געסט און גערופן חזניש מיט א צעצויגן קול:

— שלום מקוננים!

שמואל סאָלאָמיר איז געקומען צו אונדז אין שטאָט אַרײַן אויפשטעלן אַ מוזיי וואָס ער האָט געבראַכט פון צפת. די הוצאות, גרעסערע ווי ער האָט אין אָנהויב גערעכנט, האָבן אים אַרײַנגעטריבן אין חובות און ער האָט זיך שטאַרק געניייטיקט אין אַ הלוואה. ווען ער איז געקומען צו אונדז פרעגן פאַרוואָס מען האָט אים אָפּגעזאָגט, האָט הלוי אויסגערעכנט די סיבות אויף די פינגער, אים גערופן מיין ליבער הער און געזאָגט ווי אַזוי די באַנק האָט אויף אים געקוקט: אַ מענטש אָן אַ קרוב, אָן אַ פאַך, אָן אַ פּרוטה ביי דער נשמה. אָפילו צוויי זשיראַנטן אויף זשירירן די הלוואה האָט ער נישט געפונען. ווער וועט באַצאָלן דעם חוב אויב ער וועט פּלוצלינג שטאַרבן. אַ באַנק איז נישט קיין צדקה־אַנשטאַלט און שענקט נישט קיין נדבות. הלוי האָט געשאָקלט מיט זײַנע לויזע באַקן. דער פאַרשוין איז אים נישט געפעלן געוואָרן.

סאָלאָמיר איז געוואָרן אַ נאַכטוועכטער אין אַ מושב־זקנים און נאָך אַמאָל

געקומען צו אונדז מען זאָל אים באַרגן געלט אויף צו עפענען אַ לײַ־ביבליאָטעק פון יידישע ביכער. אַ טויזנט לייענער האָט ער גערעכנט, וועלן געבן פּרנסה בשפע און ס'וועט זײַן מיט וואָס אָפּצוצאָלן דעם חוב מיטן פּראָצענט. דאָס עסק, האָט ער דערקלערט, וועט נישט פאָדערן קיין הוצאות מחמת יורשים האָבן ארויסגעוואָרפן אַזעלכע ביכער אין דרויסן אַרויס. נאָך אין צפת איז ער געפאַלן אויף דעם רעיון און אויך ביי אונדז אין שטאָט האָט ער שוין געפּרוווט אַ גיי טאָן איבער הײַזער פון פאַרשטאָרבענע לײַט וואָס האָבן געשטאַמט פון פוילן אָדער פון רוסלאַנד.

הלוי איז געבליבן מיט אַ שאלה: נאָך וואָס דאַרף מען הלוואות אויב די סחורה קאָסט נישט קיין געלט און ווער וועט דאָס צאָלן פאַר לייענען ביכער וואָס וואַלגערן זיך אין די גאַסן. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זײַן שטול, אַ סימן אַז דער שמועס האָט זיך פאַרענדיקט און אָפּגעמאָסטן סאַלאָמירן מיט אַ געדאַנק שפּעטער חוזק צו מאַכן פון זײַן הילוך: אַ פּאַצעטישער קאַפּעליוש מיט צוויי קאָלירטע פעדערן פאַרשטעקט אין שמאָלן געפלאָכ־טענעם באַנד, אַ קאָלטן שיטערע האָר אויפן קאַרק, דער קראַק פון די הויזן נישט דערקנעפּלט, סאַנדאַלן פאַרבונדן מיט שטריק.

— ווו איז דער שׂכל פון דער זאַך — האָט הלוי געוואָלט וויסן.

סאַלאָמיר האָט זיך אונטערגעשמייכלט און אָפּגעענטפערט מיט אַ מינע ווי ער וואָלט פאַרטענהט אַן אַלטע קשיא פאַר זיך אליין:

— שיין וואָלט איך אויסגעזען ווען איך לעב נאָכן שׂכל נאָך.

הלוי האָט זיך מיישב געווען און אים פאַרגעלייגט ער זאָל ברענגען צו אונדז קליענטן וועט אפשר אויך די באַנק זיך איבערטראַכטן און אים געבן אַ הלוואה אָן זשיראַנטן. אָבער סאַלאָמיר איז געווען אַ נײַער תושב בײַ אונדז אין שטאָט און ער האָט נאָך קיינעם נישט געקענט אַ חוץ די מענטשן אין מושב־זקנים.

— פון דאָרט — האָט הלוי זיך אָנגערופן און זיך געפּעטשלט מיט דער האַנט איבערן קאָפּ גלעטנדיק אַ טעלערל פּליך.

— פון דאָרט טאַקע — האָט ער איבערגעחזרט און געלאָזט וויסן סאַלאָ־מירן עטלעכע פּרטים וועגן דעם פּראָיעקט מיט וועלכן ער האָט זיך אַרומ־געטראָגן זינט אַ לענגערע צײַט, צו העלפן אַלטע מענטשן און אויפוועקן אין זיי נײַע אַמביציעס צום לעבן. ער האָט געלייענט וועגן דעם אין אַ בוך

פון איינעם אַ קענאַרד בערנזאָן, אַן אַמעריקאַנער יונגערמאַן, וואָס האָט פאַרלייגט אַן אַקציע־געזעלשאַפט רײַך צו מאַכן פעלקער און יחידים.

— אַרעמע לײַט פעלט די אַמביציע צו ווערן רײַך — האָט ער ציטירט אַ געדאַנק פון יענעמס בוך.

סאָלאָמיר האָט זיך צוריק צוגעזעצט לעבן הלוי טיש. ער איז געווען אַ בעלן זיך פאַרשרײַבן אין אַזאַ געזעלשאַפט. אַלע יאָרן אין צפת האָט ער זיך פאַרנומען מיט רוחניות, געווען אַרײַנגעטאָן אין עניוים שבנפש, איצטער וואָלט נישט אויסגעמאַכט ער זאָל פאַרמאָגן אַ ביסל אייגנס, אַ קליינע, קײַלאַכדיקע סומע, ס׳לעבן אויף דער עלטער זאָל נישט זײַן אַזוי געקוועלט. צוליב דעם איז ער געקומען צו אונדז אין שטאָט אַרײַן אויפשטעלן אַ מוזיי און עפענען אַ ביבליאָטעק פאַר אַלטע לײַט. ער האָט אויסגעפונען אַז אונדזער יישוב איז געוואָרן אַ מקום־מקלט פאַר פענסיאָנערן פון לאַנד און פון חוץ־לארץ. פענסיאָנען און האָטעלן האָב זיך פאַרוואַנדלט אין היימען פאַר זקנים. ווער ס׳האָט זיך געקענט פאַרגינען האָט געוווינט אין אַ פענסיאָן און ווער נישט האָט געדונגען אַ דירהלע אין דער סביבה פון די אַרעמע הײַזער וואָס אַ גביר פון אויסטראַליע האָט אָפּגעקויפט בײַ דער רעגירונג בתנאי ער זאָל נעמען ביליק דירה־געלט. סאָלאָמיר אַליין האָט דאָרט געדונגען בחצי־חינם אַ לענגערן צריף מיט אַ הויף דערנעבן פאַרן מוזיי און די ביבליאָטעק, אַרעמע זקנים זאָלן האָבן וווהין צו גיין, אויף וואָס צו קוק, וואָס צו לייענען און אַזוי אַרום לינדערן זייער אײַנזאַמקייט אויף דער עלטער.

— קענאַרד בערנזאָן איז דער נאָמען ? — האָט ער איבערגעפרעגט און גרייט געווען הערן מער פּרטים וועגן יידישן בחור פון ברוקלין, וועגן די שליחים וואָס ער האָט צעשיקט איבער דער גאָרער וועלט צו פאַרשפּרייטן זײַן געדאַנק און זײַנע אַקציעס. אויך אין ישראל וואָלט מען געקענט מיט דער הילף פון דער בערזע רײַך מאַכן דאָס פאָלק. ס׳איז געגאַנגען אין דעם אַז אויך אַרעמע לײַט זאָלן ווערן אייגנטימער פון פאַרשידענע ווערט־פּאַפּירן און אַזוי אַרום זיך באַפרײַען פון הונגער און פון בויט.

סאָלאָמיר וואָלט גערן געוואָרן קענאַרד בערנזאָנס אַ שליח. ער וועט זיך לאָזן איבער די גאַסן פון שטאָט רעדן מיט דעם און מיט יענעם.

— געווען אַמאָל אַ מאַסנרעדנער — האָט ער אָנגעוויזן אויף זיך איידער ער איז אַרויס פון באַנק.

ס'איז קיין סך צייט נישט אוועק און סאלאָמיר האָט אָנגעהויבן ברענגען צו אונדז קליענטן. ער האָט געוואָרפן אַן אויג אויף זײַן בעל־הבית פון מושב־זקנים, אַ מענטש מיט אַ טבע צו פאַרשטעקן אין נאָרעס בינטלעך געלט; אויף וועגערן דעם אײַנזאָמען גערטנער דאָרטן; אויף דער רײַכער ריטאַ עולמי; אויף אַ שכן, אַ בעל־עגלה. אין אַ ווינטער פאַרנאַכט, אין דרויסן האָט גערעגנט, האָט ער אַרײַנבאַגלייט צו אונדז יהושע רימערן, אַ בייגל־פאַרקויפער אויף די טרעפּ פון קינאָ. אַ ברייטער, נידעריק, אָנגעפּעלצט אין אַ סך קליידער, האָט יענער זיך אַרומגעקוקט מיט חשד איבערן זאַל, נישט געוואָלט אפילו אַז סאלאָמיר זאָל זיך אונטערהערן צו זײַנע ענינים, געקליבן לעבן אונדזערע טישן צווישן הלוין און מיר, זיך צוגעבויגן צו הלוין און געזאָגט:

— זײַ נישט בייז יונגערמאַן, כ'האָב צו פרעגן אַן אינטימע שאלה.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער אַרויסגערוקטער שטול, אָנגעלענט עלנבויגנס אויפן טיש, פאַרשטעלט מיט דער האַנט אַ האַלב מויל און געפרעגט וויפל אַ שטייגער פּראָצענט די באַנק וועט אים צאָלן אויב ער וועט אַרײַנלייגן אויף עטלעכע יאָר אַ גרעסערע סומע געלט. ער האָט נישט געוואָרט ביז הלוי וועט אויסרעכענען דעם גאַנצן אויסוואַל פון שפּאָר־חשבונות און אויף־הויבנדיק דעם קויש מיט בייגל געהייסן טרעפן וואָס דאָרט ליגט באַהאַלטן.

— דו אויך — האָט ער געטײַטלט אויף מיר מיטן גראָבן פינגער.

יהושע רימער האָט געהאַט אַ פלאַטשיקע נאָז און בעזעמלעך האָר זענען אַרויסגעוואַקסן פון זײַנע אויערן. ער האָט אַרויסגעלייגט די בייגל אויפן טיש און אַגגעוויזן אויפן דנאָ, דאָרט אונטער אַ טאָפּעלן דעקל פאַרקנופּט מיט דראָטלעך האָט ער געהאַלטן דאָס געלט. ס'איז געווען אַ גוטער אײַנפאַל ווײַל קיינער האָט אים ביז איצט נישט באַגנבעט. אָבער הלוי האָט נישט געזען אין דעם קיין גרויסע חכמה. ווײַל דורך די יאָרן וואָס דאָס געלט איז דאָרט געבליבן איז עס געפאַלן אין ווערט צוליבן יקרות אין לאַנד. רימער האָט זיך געהאַט זײַן אייגענעם חשבון. ער האָט אומגעריכט זיך אײַנגעברענגט אַ גרעסערע הוצאה און ער האָט זיך געמעגט פאַרגינען אַ שאָדן. דאָס געלט איז טאַקע געפאַלן אָבער די סומע איז געבליבן גאַנץ. ער האָט אַ קוק געטאָן הינטער זיך און צוגערופן סאלאָמירן צום טיש:

— דערצייל אים — האָט ער געזאָגט.

סאַלאָמיר האָט צוגערוקט פאַר זיך אַ שטול און אויפגעקנעפּלט דעם מאַנטל. ס'איז געווען אַמאָל אַ דאַמסקער מאַנטל און ער האָט איבערגעשטעלט די קנעפּ.

אויף רימערן האָט ער זיך אָנגעטראָפן נאָך אין פאַרגאַנגענעם זומער צוליב עפּעס אַ געראָדער אויף דער גאַס. ס'איז געווען אין אַ נאָכמיטאָג־שעה, די זון האָט געברענט און ווען ער איז פאַרבײַ דעם קינאָ איז רימער געזעסן דאָרט אויף די טרעפּ און זיך געמאַכט נישטוויסנדיק וואָס אַרום אים האָט זיך געטאָן. מ'האָט זיך געאַמפּערט, געמסורט, אַ ווײַבל האָט געשריגן וועגן אַ הונט וואָס האָט זיך געיאָוועט לעבן קויש, און אונטערגעהויבן אַ פוס. מ'האָט געשמעקט צו די בייגל, געטײַטלט אויף רימערן אָבער ער האָט קיינעם פון קרענצל פאַרבײַגייערס נישט געענטפערט. ער איז געווען פאַר־נומען מיט איבערלייגן זאַכן פון איין קעשענע אין דער צווייטער, אַ בינטל שנוראָוואָדלעס, אַ פּינקסל, אַ ליכט מיט אַ קנויט אין ביידע עקן, אַ שער, אַ האַרנאָדל, אַ טאַבאַק־שקעטל, אַן אָנגעשפּאָלטן איי. ער האָט געקאָלערט דאָס איי צווישן די דלאָניעס, געטאָן אַ ביס נאָכן מאַכן אַ ברכה און קײַענדיק געשפּיגן דאָס שאָלעכץ פון צווישן די ציין. ער האָט אויפגעהויבן זײַטיק דעם קאָפּ און אַרײַנגעשאָטן אין מויל אַרײַן זאַלץ וואָס ער האָט אַרויסגעקנופּט מיט צוויי פינגער פון טאַבאַק־שקעטל. סאַלאָמיר האָט דעמאָלט אַרײַנגע־וואָרפן עטלעכע מטבעות אין רימערס פּושקע און צום חידוש פון די אויפ־גערעגטע מענטשן לעבן די טרעפּ, זיך אָנידערגעזעצט האַרט לעבן רימערן עסן דעם בייגל וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון קויש. אויך רימער האָט אים אָנגעקוקט פאַרחידושט. מיט אַ בליק איבערן אַקסל, זיך פאַרקוקט אַ רגע לענגער אויף די סאַנדאַלן מיט די שטריק, אויפן שיינעם קאַפּעליוש מיט די פעדערן און נאָך אַ ווײַלע קײַען שפּײַען זיך אונטערגעזיפצט:

— נאָך אַ צרה אויף מײַן קאָפּ.

ער האָט זיך אונטערגעהויבן און פאַרדעקט מיט אַ פאַטשיילע די בייגל אויף אַ סימן אַז ער האָט פאַרמאַכט דאָס געשעפט און אויס מיטן האַנדל. די מענטשן אַרום אים זענען זיך צעגאַנגען. דער דאָרער פאָטאָגראַפיסט איז אָוועק צו זײַן אַפּאַראַט, אַ קעסטל אויף תּוכע דרענגלעך פאַרדעקט מיט אַ שוואַרצן טוך, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אויפן צווייטן עק פון די טרעפּ, און דאָס ווײַבל איז אַריבער צו איר קיאָסק אַקעגן דעם קינאָ. זי האָט נאָך

אַרויסגערעדט פון דאָרט, פון איבערן בופעט, אָבער די גאַס האָט שוין מער נישט געענטפערט. געוועלבער זענען געשטאַנען פאַרשלאָסן מיט פאַרמאַכטע לאָדנס, מיט אַראָפּגעלאָזטע ראָלעטן און צווישן איין פאַרבײַפאָרנדיקן אויטאָ און אַ צווייטן האָט זיך געצויגן אַ לענגערע שטילקײַט. ווען סאָלאָמיר האָט פאַרענדיקט עסן דעם בייגל האָט ער זיך אויפגעשטעלט און אָפּגעשאָקלט די קרישקעס פון זײַן העמד פאַרוואָרפן איבער די הויזן. ער איז שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען אַנדערהאַלבן הײַזער האָט ער געהערט ווי רימער האָט אים נאָכגערופן:

— קויף אַ פּיס, יונגערמאַן, וועסט האָבן מזל!

איידער סאָלאָמיר האָט זיך צוגעזעצט צום טיש האָט ער זיך איבערגעבויגן איבערן קויש אַ קוק צו טאָן אויפן געלט וואָס אַ סימן פון דעם האָט ער ארומגעזוכט אין רימערס שטוב. נאָך יענער באַגעגעניש לעבן קינאָ האָט ער זיך אריינגעכאַפּט צו אים אין אַן אָוונט, אַ קוק טאָן ווי ער לעבט. ער איז אים געקומען אַנזאָגן רימערן וועגן אַן אומזיסטע רײַזע צו זען דאָס לאַנד וואָס די הסתדרות האָט אײַנגעאָרדנט פאַר אָרעמע פּענסיאָנערן פון שטאָט און אים דערציילט עטלעכע מעשיות וועגן גנבות. זאָל רימער זיך דערשרעקן און ברענגען דאָס געלט אין באַנק אַרײַן. אין אַזאַ אָרעם צריפל ווו רימער האָט געוווינט, אַרײַנגעקוועטשט צווישן הײַזער, כאַטעס און קליינע הייף, אַרומגערינגלט מיט קעץ, הינט און בייזע שכנים פון דער אונטערוועלט, איז נישט געווען קיין ספק אַז מען וועט אים באַגנבהנען. סאָלאָמיר האָט מיט־געבראַכט מיט זיך עטלעכע טאָגבלעטער רימער זאָל אליין זען וואָס דאָרט האָט זיך געשריבן וועגן גנבות. ווי אַזוי אַן אַלט פּאָרפאָלק איז דורך אַ נס ניצול געוואָרן פון טויט. די אַלטיטשקע אויפן בילד אין דער צײַטונג איז געזעסן אויף אַ בענקל און געוויינט און איר מאַן דער זקן איז געשטאַנען אויפן בעט און גערופן צו די גנבים "שתהיו בריאים!", זיי זאָלן אים זײַן געזונט און שטאַרק. אַ נס וואָס דער שמש פון שולכל איז אָנגעקומען און געקלאַפּט אין לאָדן רופנדיק יעקב שמחיופן ער זאָל אויפשטיין צו עבודת הבורא, האָבן די גזלנים זיך דערשראָקן, אַנטלאָפן מיטן געלט און גאָלד און געלאָזט דאָס אַלטע פּאָרפאָלק בײַם לעבן.

אָבער נישט אַלע מאָל האָט עס זיך געענדיקט מיט גוטן. און סאָלאָמיר

האָט אים דערציילט וועגן אַן אַלטן בעטלער וואָס האָט אויך אַזוי ווי רימער געלעבט איינער אַליין, אָן משפחה, אָן קיינעם און אים האָט מען דערשטאָכן אויף טויט כאָטש זײַן געלט האָבן די רוצחים נישט געפונען. ערשט ווען די פּאָליציי איז געקומען, צוגענומען דעם קרבן און אויפגעריסן די פּאָדלאָגע האָט מען געפונען באַגראָבן אין דער ערד אַן אַ שיעור נאַכטטעפּ מיט מטבעות. מען האָט אוועקגעזעצט דרײַ פּאָליציילײַט זיי זאָלן איבערציילן וואָס דער בעטלער האָט אָנגעזאַמלט. זיי זענען פאַרמאַטערט געוואָרן ציילנדיק און זיך פאַרפּלאָנטערט אין חשבון אַזוי פיל נאַכטטעפּ האָט דער בעטלער אָנגעשטעלט. צום סוף האָט מען אַרײַנגעשאָטן די מטבעות אין זעק און מען האָט זיי אוועקגעפירט אין באַנק ישראל אַ מאַשין זאָל איבערציילן דאָס געלט.

בײַ רימערן אין שטיבל האָט סאָלאָמיר געזען וואָלט מען נישט באַדאַרפט רײַסן די פּאָדלאָגע. געווען דאָרט געגנוג לויזע פּלאַטעס מיט קופּקעלעך זאַמד צווישן די שפּאַלטן. אויך אויף די ווענט איז געווען וואָס צו זוכן. ליידיק ווײַס, אָן אַ הענגער, אָן אַ בגד, אָן אַ פּאָליצע. אַפילו קיין טשוואָק איז נישט געווען דאָרט בנמצא. ווי רימער וואָלט דאָרט געלעבט אויף דער ווײַל, אַזאַ דורכפאַרנדיק וואָקזאַלכל. אויך ס׳אָנגעשטעלטע מעבל האָט אויסגעזען ווי צופעליק. אַ טיש, צוויי בענקלעך, אַ קופּערט מיט אַ געוועלבט דעקל, אַ בעטל. אין קלענערן קעמערל מיט אַ בײַשטידל אָן אַ טיר איז געווען דער קלאָזעט, דער שפּריץ, דער כיור, די נאַפּטמאַשינקע. אַמאָל האָט דאָרט רימער אויפגעזאָטן אַ טשײַניקל טיי. קיין וואַרעמס האָט ער אין דער היים נישט געקאָכט. ווינטער האָט ער אָנגעוואַרעמט אַ גלאָז מילך. יעדן טאָג געקויפט עסן אין שפּײַזגעוועלבל. ער האָט כמעט נישט געוווינט דאָרט. אַרויס אין די באַגינענס ווען ס׳איז נאָך געווען פינצטער און צוריק געקומען בײַנאַכט. אויף די טרעפּ איז ער אָפּגעזעסן ביז דער קינאָ האָט זיך פאַרמאַכט. ווען די גאַס האָט זיך אויסגעליידיקט און פאַרבײַגייער זענען געוואָרן גאָר שיטערלעך האָט ער גענעצט מיטן צונג אַ שפּיצל פון אַ בלײַפעדער קלענער פון אַ פינגער און אונטערגעצויגן אַ סך־הכל, דעם פּדיון פון טאָג. פון דעם האָט ער געלעבט. דאָס געלט וואָס ער האָט אָפּגענומען ביים דײַטש און געהאַלטן פאַרוויקלט אין קויש, האָט ער נישט אָנגערירט. ער האָט געהאַפּט טאָמער וועט זיך פאַרט אַ מאָל אונטעררוקן אַ ריכטיקער יורש. נאָך דער מלחמה, ווען ער איז געקומען אַהער איינער אַליין און קיין לעבעדיקער פון דער משפחה האָט

זיך נישט אָפּגערופן, האָט ער מורא געקראָגן, ווען זײַן אַסטמע האָט זיך פֿאַרערגערט, טאָמער ער וועט שטאַרבן און ס'וועט זיך נישט געפֿונען אַפֿילו ווער עס זאָל זאָגן נאָך אים אַ קדיש. האָט ער אָנגעהויבן דעמאָלט זאָגן קדיש נאָך זיך אַליין. ער האָט געגנוג אָנגעזאַמלט ביז דער דײַטש האָט אים אויסגעצאָלט דאָס געלט און ער האָט שוין דאָן נישט געדאַרפֿט טראַכטן וועגן אײַנקויפֿן זיך אַ קדיש־זאָגער. ס'וואָלט פֿון דער סומע קיין לירה נישט געבליבן ווײַל אויך אויף קדיש־זאָגערס איז געוואָרן אַ יקרות אין לאַנד.

הלוי האָט געמאַכט פּלאַן לעבן זיך איך זאָל איבערציילן די פּעקלעך באַנקנאָטן אין רימערס אויגן. אויך סאָלאָמיר האָט זיך צוגערוקט נענטער צום טיש. ער האָט נאָכגעקוקט אַ מיידל אויף הויכע אָפּצאָסן וואָס האָט זיך אַרויסגעוויגט פֿון זאַל און נאָך דעם האָט ער אַזוי לענגלעך מיט זעלבן צעצויגענעם בליק געקוקט ווי איך צייל דאָס געלט. ער האָט זיך שוין געשפּירט היימיש בײַ אונדז. ס'איז אים געראָטן ברענגען קליענטן. מיט רימערן האָט זיך עס פֿאַרצויגן ביז אין ווינטער אַרײַן, ביז יענער האָט באַוויליקט קומען הערן פֿון הלוין וועגן דעם יידישן בחור פֿון ברוקלין וואָס האָט זיך אונטערגענומען רײַך מאַכן אָרעמע מענטשן אויף דער וועלט.

— אַז יענער הערט נישט וואָס מען רעדט צו אים — האָט סאָלאָמיר זיך פֿאַרקלאָגט בײַ אונדז אויף רימערן. ס'איז אים אײַנגעפֿאַלן אַז רימער האָט דורך די יאָרן פֿאַרלוירן די אייגנשאַפֿט פֿון הערן. געלעבט אייביגער אַליין און נישט געהאָט מיט וועמען צו כאַפּן אַ שמועס. אַ קונה האָט אַמאָל קויפֿנדיק אַ בייגל צוגעוואָרפֿן אַ שאלה. מער ווי אַנדערהאַלבן שאלות איז שוין געווען צופֿיל פֿאַר רימערן. ס'ווײַבל פֿון קיאָסק, קעגן איבער דעם קינאָ, האָט אין אָנהויב געוואָלט וויסן ווער ער איז און פֿון וואַנען ער שטאַמט. אין אַ הייסן טאָג האָט זי אים מכבד געווען מיט אַ קאַלטן טרינק. אויך דער דאַרער פֿאָטאָגראַפֿיסט מיטן שוואַרצן שניפּסל האָט אַמאָל אַרויסגעשאָסן אַ טוץ ווערטער אויף בולגאַריש און רימער האָט נישט פֿאַרשטאַנען אַ וואָרט. ער האָט אויך נישט געקענט דערגיין אַ טאָלק צי דאָס מיידל וואָס האָט אים יעדן טאָג געבראַנגט אַ טעפּל וואַרמעס, צי איז זי זײַן ווײַב, זײַן טאָכטער, אָדער סתם אַ פּרוצה. איין מאָל איז דער בולגאַר אים געקומען צו חלום. אָנגעשטעלט דאָס קעסטל מיטן שוואַרצן טוך, זיך פֿאַרנייגט פֿאַר רימערן ווי

פאַר אַ מאַכטיקן אַדון־גדול, אַט אַזוי־אַ מיטן קאָפּ ביז די קני און געמאַכט מיט דער האַנט אַ ברייטע וואַרע:

— אַ פאָטאָגראַפּיע, אדוני? — האָט ער אים געפרעגט.

יהושע רימער האָט נישט געהאַט קיין אַמביציעס צו מאַכן זיך פאָטאָ־גראַפּיעס. אַנדערע זאַכן זענען אים געלעגן אויפן קאָפּ. גלייך פון בעט האָט ער זיך געלאָזט אין די באַגינענס צו דער בעקעריי נאָך סחורה און אַהיימ־קומענדיק ביינאַכט האָט ער אַפּגעזוכט דאָס געלעגער. ער איז געווען שטאַרק פאַרנומען און ער האָט זיך אויך באַדאַרפט אַליין באַדינען. אויסוואַשן אַ העמד. פאַרריכטן אַ זאָק. אַנקלאַפּן אַ נייע פּאַדעשווע אויף אַ שוך. צוליב דעם האָט ער נישט אויפגענומען אורחים אין שטוב. ס׳איז אים נישט געבליבן קיין צייט פאַר געסט און פאַר פאָטאָגראַפּיעס. דער בולגאַר האָט נישט פאַרשטאַנען קיין יידיש וואָרט אַניט וואָלט ער אים שוין פון לאַנג געזאָגט: זיי מיר נישט קיין חכם און קום מיר נישט צו חלום.

סאַלאַמירס וויזיט איז אים אויך נישט געווען צו ניחא. טרינקען אַ טעפּל טיי צוזאַמען, מהיכא־תיתי, אַבער וואָס איז דאָ צו רעדן אַזוי פיל וועגן וועגט. רימער האָט זיך קיין מאָל נישט פאַרקוקט אויף דער פאַרב און ס׳זאָל אים איינפאַלן גאָר אַז ווייסער קאַלך וואַרפט אַן מעלאַנכאָליע. ס׳איז אים אויך נישט אַנגעשטאַנען סאַלאַמירס טובה צו ברענגען אַהער בילדער פון זיין מוזיי אויף צו באַדעקן די ווענט. ער האָט נישט באַדאַרפט קיין באַדעקטע ווענט. אַמאָל אין דער היים איז געהאַנגען אויף דער וואַנט אַ בילד פון חתן־כלה, עפּעס אַ פעטער אַ פייערלעשער, אַ מאיר־בעל־נס פושקע אַבער ס׳איז דאָך פון דעם אַלעמען געוואָרן אַ תל־עולם און ס׳איז נישט געבליבן קיין זכר. די אומזיסטע רייזע מיט ׳אגד׳ איז שוין יאָ געווען אַ רעיון. ער האָט שוין פון לאַנג געקלערט זיך אַרויסכאַפּן פון שטאָט, געבן אַ פאָר דאָ, אַ פאָר ערגעץ אַנדערש און זיך אַרומקוקן. אפשר וועט זיך אונטעררוקן אַ פרנסה אויף דער פרישער לופט. די גאַס לעבן קינאָ האָט נישט געטויגט פאַר זיין אַסטמע. ס׳האָט ווי געטאָן ווען דער הוסט האָט אים אַנגעכאַפּט. ס׳איבעריקע וועגן וועלכן סאַלאַמיר האָט זיך צערעדט יענעם אָוונט ביי אים אין שטוב איז נישט געווען פאַר אים קיין נייס. גנבות, אַקציעס, ווייבער. גנבות זענען דאָ אומעטום און וועגן דער בערזע האָט רימער געהערט נאָך

אין לאָדזש. די גאַס האָט גערעדט. אויך דאָ, לעבן די טרעפּ פון קינאָ האָט זיך איין מאָל געקאַכט מיט דעם, נאָר ער האָט קיין צימעס דערפון נישט געמאַכט. ווען אַ זיווג, וואָלט ער אפשר חתונה געהאַט מיטן ווײַבל פון קיאָסק ווען זי וואָלט אין אַנהויב אַנגעטײַט אַ ריכטיקן סימן. זי האָט געמומען אַ רומענער וואָס שפּעטער איז ער קראַנק געוואָרן און זי האָט געהאַרעוועט פאַר אים. דערפאַר האָט זי זיך אַלע מאָל אַראָפּגעשריגן פון האַרץ. אויך אַנדערע סיבות האָבן נישט געפעלט. די מעשה מיטן הונט. דער הונט איז אים דווקא געפעלן געוואָרן. אַ געשטעל פון אַ חיה, אַ וואָלפישע פעל מיט אַ ווײדל פּריציש פאַרקאַמט. ווען ער כאַפּט נישט אַ דרעמל דעמאָלט וואָלט ער אים פאַריאָגט. ער האָט אים פאַרטריבן פון קויש. אויך אָן אים זענען דאָ גענוג צרות אויף דער וועלט. פון לעבן אַליין קען מען משוגע ווערן.

דער זאַל האָט זיך אויסגעליידיקט. אַ פּקיד האָט פאַרלאָשן דעם לאָמפּ איבער זײַן טיש און זיך אַרויסגעלאָזט מיט דער הינטערטיר. דער שומר האָט זיך אַרומגעדרייט מיט אַ שליסל אויף אַ פינגער. דער קאַסירער האָט געוווּנקען איך זאָל שוין צוברענגען רימערס געלט אײַנגעלייגט אין פּעקלעך געקרײַצט איינס איבערן אַנדערן. רימערן איז נישט געפעלן געוואָרן מײַן ציילן. ער האָט געמיינט אַז איך האָב עס געמאַכט צו שנעל. ער אַליין פלעגט אויך אַמאָל איבערציילן אַ פּעקל געלט אָבער ס'האָט בײַ אים געדויערט אַ גאַנצן אוונט. אין אַ קאַלטער ווינטערנאַכט, שלאָפן האָט זיך נישט געשלאָפן, דער דאַך האָט געגעצט, פײַכטע פלעקן אין די ווינקלען, אויף דער נשמה קאַלע־מוטנע, האָט ער פאַרשטאָפּט מיט וואַטע די שפּאַרונעס פון לאָדן, דער דרויסן זאָל נישט זען וואָס בײַ אים טוט זיך, צוגערוקט דעם נאַפטלאָמפּ נאָענט צו דער פלייצע, אויפגעדראָטלט דאָס טאָפּעלע דעקל פון קויש און אַרויס־גענומען אַ פּעקל באַנקנאָטן צו פאַרברענגען די צײַט. גראָד יענעם אָוונט ווען סאַלאָמיר איז אַרײַנגעפאַלן צו אים אין שטוב אַרײַן איז ער געזעסן לעבן טיש און אונטערגעצויגן דעם סך־הכל פון אַ זײַטל קדישים. די ערשטע טעג האָט ער געהאַלטן דעם חשבון אויפן קאָפּ, שפּעטער האָט ער געקויפט אַ העפט און פאַרשריבן. סאַלאָמיר האָט אים דעמאָלס געוויזן ווי אַזוי צו מאַכן רובריקעס ציפערן זאָלן זיך נישט אַרײַנפּלאָנטערן איינער אין צווייטן אָבער רימער איז אים אויך די טובה מוחל געווען. איז וואָס אַז דער חשבון וועט נישט אַרויסקומען אַזוי אַקוראַט און ס'וועט זיך פאַרוואַלגערן אין הימל

אַן איבעריקער קדיש, קיין שאָדן וועט עס נישט ברענגען און ס׳וועט דאָרט אויך נישט פאַרלוירן גיין.

רימער האָט נאָכגעקוקט מיט עגמת־נפש ווי איך האָב אַוועק געטראָגן דאָס געלט צו דער קאַסע.

— אָבי עס שטימט — האָט הלוי זיך אָנגערופן אים צו באַרואיקן. רימער האָט געוויקלט די קבלה פאַרן געלט און חרטה באַקומען אויפן גאַנצן עסק. אויך די קבלה האָט אים נישט אָנגעהויבן געפעלן צו ווערן. אַ דין אשר־יצר־פּאַפּירל דאָס אַלץ וואָס עס איז אים פאַרבליבן פון געלט. ווען נישט סאָלאָמיר וואָלט עס נאָך געלעגן בײַ אים אין קויש און ער וואָלט נישט באַדאַרפט אַרומגיין מיט טרויעריקע געדאַנקען וועגן אָנהויבן אַ נײַ לעבן. ער וואָלט זיך נישט באַדאַרפט שרעקן וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. ער איז אָפּגעזעסן אויף די טרעפּ פון קינאָ אַ סך יאָרן, אַלע האָבן אים שוין געקענט, מען האָט געוווּסט ווער ער איז און איצט וועט ער זיך דאַרפן מיט דעם שיידן. דאָ איז ער זיך געווען בעל־הבית, אַ מענטש פאַר זיך אַליין און דאָרט וועט ער זײַן אַ פרעמדער. ער זאָל נאָר נישט צוריקבענקען צו די טרעפּ און צו די בייגל. ער האָט גענומען דעם קויש און געקוקט אויף סאָלאָמירן ווי ער וואָלט אים געזען דאָס ערשטע מאָל:

— די נסיעה האָט דאָס אַלץ אָנגעמאַכט — האָט ער געזאָגט.

די אומזיסטע רײַזע אויפן חשבון פון דער הסתדרות. ווען מען איז געפאָרן אַ דרײַפערטל טאָג מיטן אגד־אויטאָבוס זען שיפן אין פאָרט, קוקן פון אַ באַרג אויפן ים און מען איז געגאַנגען שפּאַצירן אין אַ שיינעם גאָרטן וואָס האָט געהערט צו אַ פאָלק מיט אַ פרעמדער רעליגיע. מיטאָג האָט מען געגעסן אין אַ קיבוץ. פון דער גאַנצער רײַזע איז רימערן געבליבן אין זכרון דער שטאָטישער בית־עולם. באַלד פון ערשטן בליק האָט ער געזען אַז עס וועט טויגן פאַר זײַן אַסטמע. פריש, גרין, שטיל. מען האָט זיך פאַרהאַלטן צוליב אַ לוויה איז מען אַראָפּ זיך אַרומקוקן. רימער איז דאָרט קיין מאָל נישט געווען. ער האָט נישט געהאַט קיין צײַט גיין אויף לוויות און אויך נישט געקענט אַזעלכע וואָס זענען געשטאָרבן. ער האָט זיך צעשמועסט מיטן בעטלער לעבן טויער און יענער האָט אים געזאָגט אַז מען קען האָבן פּרנסה. ס׳איז נישט ווי דער בית־עולם אין תל־אביב, נישט צו פאַרגלייכן, אָבער אַ זעקס־זיבן לוויות האָט מען געקענט אָנרופן אַ גוטן טאָג. ס׳האָבן זיך אויך

געמאַכט שטילערע טעג: אַ שלושים, אַ יאָרצײַט סתם אַ לוויהלע וואָס איז אָנגעקומען, געטאָן אַ פּיפּס און זיך אָפּגעטראָגן נישט איבערלאָזנדיק קיין פּרוטה. נאָך אין אויטאָבוס, אויפן וועג אַהיים, האָט רימער זיך אָנפּאַרטרויט פאַר סאַלאָמירן אַז ייִנגלווײַז איז ער געווען אַ משורר בײַ אַ חזן און ס'וואָלט געווען אַן עסק ער זאָל זיך נעמען אַפּריכטן לוויות. דער געדאַנק האָט נישט אויסגעזען קרום אין סאַלאָמירס אויגן. אַז עס איז געקומען צו דעם איז ער אפילו געווען אַ מומחה אין דער זאַך. גאַנצע טעג האָט ער אַמאָל פאַרבראַכט אויף די בית־עולמס אין צפת, אין דער אומגעגנט, זוכנדיק שטיינער און מצבות פאַר זײַן מוזיי. בית־עולמס פון אַלע רעליגיעס. דאָס אַריבערפירן די שטיינער האָט אים אָפּגעקאָסט אַ פאַרמעגן.

רימער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף אַרויסצוגיין. די קבלה וואָס הלוי האָט אים געהייסן אָפּהיטן האָט ער אַרײַנגעשטופּט אין מאַנטל־קעשענע. פון דאָרט איז אים נאָך קיין זאַך נישט פאַרלוירן געגאַנגען. דער קויש אין זײַן האַנט איז געוואָרן גרינגער. ער האָט געקוקט ווי דער קאַסירער האָט צוגענומען דאָס געלט און עס פאַרשטופּט אין דער אײַזערנער קאַסע. די גאַנצע האַנט האָט יענער אַרײַנגערוקט, טיף ביז איבערן עלנבויגן. אויך מיר האָט רימער באַטראַכט, ווען איך בין צוריק געקומען צום טיש, מיט אַ נישט היגן בליק.

— עפּעס האָט ער געמאַכט פון דעם קײַ און שפּײַ — האָט ער זיך באַקלאָגט און זיך אַרויסגעלאָזט אין דריסן אַרויס. ס'איז געבליבן נאָך אים אויפן טיש דאָס געלע פּאַקפּאַפּיר אין וועלכן דאָס געלט איז געלעגן פאַרוויקלט. בעתן אויפרוימען האָט הלוי באַמערקט אַן אויפשריפט. איטלעכעס פּעקל האָט געהאַט אַ נאָמען.

— דער שניי.

— די געשוואָלענע פּיס.

— דער דײַטש.

אויך סאַלאָמיר האָט זיך צוגעבויגן און איבערגעלייענט:

— די האַלצהעקער.

— דאָס אויפגעהאַנגענע ייִנגל.

סאַלאָמיר האָט צונויפגעלייגט די פּאַפּירן אויף צו נעמען עס מיט זיך אַהיים. ער איז געווען אַ זאַמלער און ס'וועט טויגן פאַר זײַן מוזיי. אויך ער

האָט אַמאָל אָפּגענומען דײַטשיש געלט און זײַן צווייט ווײַב האָט עס פֿאַר־
תּכליעוועט. שיינע־רחל האָט זי געהייסן. זי האָט נישט געוואָלט ווינען
מיט אים און אַנטלאָפֿן פֿון צפֿת. ער האָט איר געוואָרנט זי זאָל זיך נישט
חברן דאָרט מיט די מאָלערס, אַלע הפקר־יונגען. איינער פֿון זיי האָט איר
פֿאַרפֿירט.

— אַ האַרטער נוס — האָט ער זיך אָנגערופֿן צו הלוין אַנוויַיזנדיק אויף
דער טיר ווו רימער איז אַרויס אין דרויסן. רימער האָט זיך געקווענקלט
אינוועסטירן דאָס געלט אין אַקציעס און צום סוף געהייסן ס׳זאָל ליגן
דערווײַל אין באַנק ביז ער וועט זיך מיישב זײַן. ער קען נאָך ביז מאָרגן
חרטה האָבן און עס צוריק אַרויסנעמען האָט הלוי זיך אָנגערופֿן און געטראַכט
אַז עס וואָלט געווען אַ יושר מען זאָל וואָס שנעלער קויפֿן פֿאַרן געלט
קענאַרד בערנזאָנס פּאַפּירן. ביז איצט האָט עס געשימלט אין קויש און
געפֿאַלן אין ווערט, וועט מען אים ווײַזן דעם אָרעמען בייגל־פֿאַרקויפֿער
וואָס מען קען אויפֿטאָן מיט געלט. ס׳זענען געווען גאָר גוטע אויסזיכטן אַז
דער קורס פֿון קענאַרד בערנזאָנס פּאַפּירן וועט זיך הייבן זייער שטאַרק און
הלוי האָט פֿאַרויסגעזען אַ גרויסע צוקונפֿט פֿאַר דער געזעלשאַפֿט. ער האָט
באַוווּנדערט דעם בחור פֿון ברוקלין וואָס, אין דער צווייטער וועלט־מלחמה,
האָט ער געקעמפֿט אויף די שלאַכטפֿעלדער פֿון אייראָפּע, און נאָך דער
באַפֿרײַאונג, ווען ער איז אַהיימגעקומען, אין משך פֿון אַ צוויי צענדליק יאָר,
אפֿשר עפּעס מער, אויפֿגעשטעלט אַן אימפּעריע וואָס האָט אַרומגענומען
אַ טוץ לענדער. הלוי האָט געשטרעבט צו ווערן קענאַרד בערנזאָנס פֿאַר־
שטייער אין ישראל. ער האָט געלייענט זײַנע ביכער און געדענקט די עצות
וואָס דער גאון אין פֿינאַנצן האָט אָנגעזאָגט זײַנע שליחים איידער זיי האָבן
זיך אַרויסגעלאָזט איבער שטעט און לענדער פֿאַרשפּרייטן זײַנע אַקציעס.

— פֿרעגט צי מען וויל ווערן רײַך — האָט הלוי אויסגערופֿן מיט אַ קלאַפּ
אין טיש. דאָס האָט ער זיי אָנגעזאָגט. דאָ און דאָרט האָט אַ פּקיד אָנגעשטעלט
אַ שאלהדיקן בליק. איינער פֿון זיי האָט פֿאַרלאָשן דעם לאָמפּ איבערן טיש
און ער האָט זיך געאײַלט צו דער הינטערטיר. אָבער ער האָט זיך פֿאַרהאַלטן
לעבן אונדז און הלוי האָט אים אָפּגעגעבן מזל־טוב ווײַל זײַן נאָמען איז
דערמאָנט געוואָרן אין די פּרעסע־באַריכטן פֿון דער בערזע אין תּל־אָביב.
ער האָט אים גערופֿן ברוך אַנאַרכין און געזאָגט אַז ער וועט נאָך ווערן

באַרימט אין לאַנד. אויף אים האָט הלוי אָנגעווענדט קענאַרד בערנזאָנס עצה ווי אַזוי אויפצוּוועקן אין מענטשן אַ חשק נאָך עשירות.

ס'איז געווען אין אַ פרימאָרגן, איידער די באַנק האָט געעפנט אירע טירן פאַר קהל, איז ברוך אַנאַרכין צוגעקומען פרעגן הלוין אויב ער האָט געזען ווער עס האָט צעבראָכן אַ קליין קאַקטוס־בלימל וואָס ער האָט יאָרן אָפּגעהיטן אין אַ וואַזאָנדל אויפן ברעג פון זײַן טיש. הלוי האָט נישט ליב געהאַט מען זאָל אים שטערן אין די פרימאָרגנס ווען ער איז געווען אַרײַנגעטאָן אין די בערזע־באַריכטן פון פאַרגאַנגענעם טאָג. ווײַל ער איז נישט געווען סתם אַ לייענער, זיין האַנט האָט געציטערט און אויך זײַן בליק, מיט שפּאַנונג, ווען ער האָט איבערגעמישט אַ בלאַט. דער מסחר אויף דער בערזע איז געווען זײַן ברויט, האָט ער געזאָגט, זײַן גײַסטיק שפּייז, ס'האָט אים אָנגע־פילט מיט חשק צום לעבן. בעתן לייענען די באַריכטן האָט ער געלאַכט, זיך געקראַצט אין בויך, געשנײַצט די נאָז, געביסן אַ ליפּ, אַ נאָגל, שווער געאָטעמט, געבלאָזן די באַקן, זיך געפּעטשלט אין קאָפּ, געקלאַפּט מיט אַ פויסט אין טיש אַזש דער טעלעפאָן האָט זיך אונטערגעקלונגען. ער איז שוין גאָרנישט געווען גלײַכגילטיק צו די אַקציעס. זיך געהאַט דאָרט זײַנע ליבעס, קריגערײַען, אַנטוישונגען. ער האָט געשמייכלט, זיך געבייזערט, געוואָרפן אין אומחן, זיך איבערגעבעטן. ער האָט געוווּסט ווי אַזוי זיי פירן זיך דאָרט אויף. אַן אַקציע וואָס איז זיך געלעגן אַ גאַנץ יאָר ווי אַ מײַזל אין אַ נאָרע און נישט געלאָזט הערן פון זיך קיין פּיפּס. סתם פּאַרעווע אַקציעס, נישט אַהער, נישט אַהין וואָס אַליין האָבן זיי זיך קיין מאָל נישט אָנגעזען און זיך געלאָזט מיטשלעפּן אַרויף און אַראָפּ מיט די וועלכע האָבן געגעבן דעם טאָן, זיך געשטויסן און געוואָרפן, אָנגעמאַכט אַ רעש, אָנגעשפּאָנט די לופט. הלוי האָט געקענט די געשיכטע פון איטלעכן סאָרט פּאַפּיר אויף דער בערזע. געדענקט דעם עבר, פאָרויסגעזען די צוקונפט, געוווּסט מער פּרטים וועגן דער מינדסטער אַקציע ווי וועגן ברוך אַנאַרכינען מיט וועלכן ער האָט אָפּגעאַרבעט אַ סך יאָרן אין דער זעלבער באַנק. וואָס האָט ער געוווּסט וועגן אים. אַז ער האָט זיך פאַרנומען מיט לאַנגווײַליקע און פאַרפּלאָנטערטע חשבונות. געצערטלט און געגלעט מיט אַ פינגער די דינע שפּיזלעך פון קאַקטוסל אויף זײַן טיש באַלד ווי ער איז אַרײַנגעקומען אין באַנק, אַניט האָט ער זיך נישט געטאָרט צוזעצן צו דער אַרבעט. אַנאַרכין האָט זיך געמאַכט

קאַלטע שפּריצן אויך אין די ווינטער באַגינענס. צוויי מאָל אַ וואָך איז ער געגאַנגען אין קינאָ. איין מאָל צוזאַמען מיטן ווײַב. ער האָט געשפּילט אין שאָך, אויסגעלייענט צוויי צײַטונגען אַ טאָג. מיט אַ פאַרקלעמט פּנים איז ער געשטאַנען לעבן הלוין און אין זײַנע גרויסע, צוזאַמענגענומענע הענט האָבן די דרײַ חלקים פון צובראָכענעם קאַקטוסל זיך געוואַלגערט אויף אַ בערגעלע ערד. ס׳איז געווען אַ צער אַ קוק צו טאָן אויפן אַלטן פּקיד וואָס האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע זאָרגן ווי זיך אַוועקשטעלן אין אַ פראָסטן פרימאָרגן באַקלאָגן אַ צעבראָכן צמחל און שטערן מענטשן אין זייער אַרבעט. הלוי וואָלט אַרויסגערוקט אַ שופלאָד פון זײַן טיש אַנאַרכין זאָל זען ווי אָנגעפילט ער איז מיט אומגעענטפערטע בריוו, מיט נישט אויסגעלייזטע מלוכה-צעטלען, מיט נישט אָפּגעשניטענע קופּאָנען. ער האָט אַרויסגערוקט איין שופלאָד, אַ צווייטן און געוויזן אַנאַרכינען מיט וויפל אַרבעט מיר זענען געווען פאַרוואָרפן. אַלע אונדזערע שופלאָדן זענען געווען אָנגעפילט מיט ענלעכע דאָקומענטן און מיר האָבן זיך באַדאַרפט מיט זיי מטפל זײַן. כמעט יעדן פאַרנאַכט האָט הלוי זיך אָפּגעשמועסט מיט מיר אַז אויף צו מאָרגנס, ווי נאָר מיר וועלן אַרײַנקומען אין באַנק, וועט מען זיך דאָס ערשטע נעמען צו די שופלאָדן, אויסקאָרטירן וואָס מען דאַרף און אָפּרייניקן אַ ביסל פּאַפּירן. ס׳האָט זיך געמאַכט אַז מיר האָבן יאָ אַמאָל אַרויסגערוקט אַ שופלאָד, אונטער־געהויבן מיט אַ פינגער אַן עק פון אַ פּאַפּירל, אַרונטערגעקוקט אַן חשק, איבערגעלייענט אַ שורה פון אַ בריוו, אַ טאַפּ געטאָן אַ ווערטצעטל מיט קופּאָנען און אַן אויסצורעדן אַ וואָרט באַשטימט אָפּצולייגן אַלץ אויף מאָרגן, צוריק פאַררוקט דעם שופלאָד און הלוי רײַבנדיק די הענט האָט זיך גענומען לייענען די באַריכטן פון דער בערזע. בעתן לייענען האָט ער געטאָן פאַר־שידענע פעולות מיט איין מאָל. אויסגעשטרעקט די פיס אונטערן טיש, בלינדערהייט — אַ האַנט צום טרײַבל ווי ער וואָלט געהערט אין קאָפּ אַ קלינגען פון טעלעפאָן. ער האָט גאָרנישט געהערט אין אָנהויב וואָס אַנאַרכין האָט פון אים געוואָלט. ביז ער איז צוגעקומען צו הלוין איז שוין אַנאַרכין געהאַט פאַרבײַגעגאַנגען אַנדערע טישן און איטלעכן באַאַמטן האָט ער געפרעגט:

— ווער האָט צעבראָכן מײַן קאַקטוס?

הלוי האָט זיך אונטערגעהויבן מיט אַ פאַדריסלעך פּנים פאַרצוואָרפן

אַנאַרכינען און אים לערנען מוסר אָבער אין דער לעצטער סעקונדע האָט ער זיך צוגעבויגן צו אַנאַרכינס גרויסע הענט וואָס האָבן געציטערט ווי אַ לעבעדיק נפשל וואָלט זיך אין זיי געצאַפּלט, אַרײַנגעשטעקט אײנעם נאָכן אַנדערן די דרײַ חלקים אין בערגעלע ערד, אַ זאָג געטאָן עפּעס וועגן דער טבע פון אַ קאַקטוס וואָס איז מסוגל צו וואַקסן אויך צעבראָכענערהייט און געפרעגט:

— ברוך אַנאַרכין, אפשר וואָלסטו געוואָלט ווערן רײַך?

ביידע האָבן זיי זיך אַנידערגעזעצט, איינער קעגן איבער דעם אַנדערן, זיך אונטערגעשמייכלט ווי זיי וואָלטן שוין לאַנג געוואַרט אויף דער שעה און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע לעקציע וועגן דעם מסחר מיט אַקציעס אויף דער בערזע.

— אַמביציעס צו לעבן, אדוני, אַמביציעס צו לעבן — האָט אים הלוי געזאָגט.

*

סאַלאַמיר האָט אַרויסגערוקט אַ שטול אַנאַרכין זאָל זיך זעצן. ער איז אויך געווען אַ בעלן צו הערן מיט וואָס יענער איז זוכה געווען אַז זײַן נאָמען זאָל אַרײַן אין די בלעטער. ער אַליין האָט אויך אַמאָל געהאַט אָפּגעדרוקט עפּעס אין אַ בלאַט אונטער זײַן אייגענעם נאָמען. אַ הספד אויפן טויט פון אַ יוגנטפרײַנד. מען האָט דווקא געלויבט זײַן סטיל. אַנאַרכין האָט נישט באַמערקט די אַרויסגערוקטע שטול. ער איז געגאַנגען הין און צוריק און פאַרוויכערט פרישן טאַבאַק אין זײַן ליולקע. זײַן קאָפּ איז געווען אָפּגעגאָלט און אויך אויף זײַן פּנים האָט זיך נישט אָנגעזען קיין האָר. זײַן נאָמען איז דערמאָנט געוואָרן אין שייַכות מיט אַ פּריז וואָס ער האָט געוווּנען אין אַ קאָנקורס. די בערזע אין תל־אביב האָט צעשיקט אַנקעטעס איבערן לאַנד מען זאָל אויספילן וועלכע אַקציעס וועלן אין משך פון איין יאָר אַרײַנטראָגן די גרעסטע פאַרדינסטן. ס׳איז געווען הלויס אײַנפאַל צו הייבן אַזוי אַרום דעם פּרעסטיזש פון דער בערזע און צוציען מענטשן צום מסחר. די כוונה איז געווען אַ טאָפּלטע, אויך אָרעמע מענטשן און סטודענטן וואָס האָבן נישט געהאַט קיין געלט זאָלן אַרײַן אין שפּיל און פירן צײַטווײַליק דעם חשבון

אויף פּאַפּיר. אַנאַרכין האָט געוואָרט אָפּצונעמען אַ לעבנס־פֿאַרזיכערונג ווען ער וועט אַרויס אויף פּענסיע, כדי צו האַנדלען מיט אמתע אַקציעס, אָבער דער ווייל האָט ער געקויפֿט, פֿאַרקויפֿט און פֿאַרשריבן רווחים. ווען ער וועט אַרויס אויף פּענסיע וועט ער זײַן אַ מומחה און וויסן ווי אַזוי צו מאַכן געלט. ער האָט געלעבט מיטן געדאַנק אַז ער וועט ניתעשר ווערן אין דער צוקונפֿט. אויפֿגעפֿירט האָט ער זיך ווי ער וואָלט שוין רײַך געווען. געקוקט אויף מענטשן מיט אַ בליק איבערן אַקסל, הנאה געהאַט פֿון אַרויס־געבלאָזענעם רויך און פֿון הלויס שבחים.

ס'איז געווען אַנאַרכין וואָס האָט אויסגעפּרוווט מײַנע קענטשאַפֿטן דעם ערשטן טאָג אין באַנק. ער האָט מיך אָוועקגעזעצט איבער אַ בויגן מיט חשבונות און געוויזן ווי אַזוי אַנצודרייען דאָס הענטל פֿון דער רעכן־מאַשינקע. כ'האָב נישט פֿאַרשטאַנען די פֿאַרפּלאָנטערטע חשבונות און ווען איך האָב געדרוקט די קנעפּלעך און געדרייט דאָס הענטל האָט זיך די מאַשין פֿאַרהאַקט. עטלעכע שעה בין איך אָפּגעזעסן און געזוכט אַרום זיך אַ היימיש פּנים. ווען הלוי איז צוגעקומען מיר פֿרעגן צי איך וואָלט געקענט אָפּקאָפּירן פֿאַר אים אַ בריוול אויף דער שרײַבמאַשין האָט ער אים דערציילט אַז איך האָב געלעבט אין אַ קיבוץ און קען נישט חשבונען. ער האָט שוין געוווּסט מײַן ביאָגראַפֿיע. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז עטלעכע יאָר זענען מיר אפֿילו געווען שכנים אויף דער וועלט. ער — אין סינגאַפּור, איך — אין אויסטראַליע. מיר האָבן אויך אָפּגעפֿונען אַ שותּפֿותדיקן באַקאַנטן פֿון יענע צײַטן, איינעם אַ סער דייוויד סטעפֿאַרד, אַ מיניסטער אין דער סינגאַפּורער רעגירונג. איך האָב זיך דורכגעשריבן מיט יענעם וועגן אַדרעסן פֿון יידישע זעלנער אין יענע קאַנטן, אַנאַרכין האָט געדאַוונט מיט אים יעדן שבת אין דער זעלבער שול. יענער שותּפֿותדיקער פֿרײַנד האָט אַרײַנגעבראַכט אַ היימישקייט צווישן אונדז ביידן און ווען איך האָב אויף צו מאָרגנס, אויפֿן וועג צו דער אַרבעט, זיך אָנגעטראָפֿן אין אויטאָבוס אויף אַנאַרכינען, ווי ער איז געזעסן מיט אַ צעשפּרייטע צײַטונג אויף די קני, צוויי פֿלעצער הינטערן שאָפֿער, האָב איך זיך געפֿרייט וואָס עס איז אונדז באַשערט געוואָרן זײַן אויך שכנים אין דער זעלבער שטאָט. נאָך איידער איך האָב אויסגעשטרעקט צום שאָפֿער דאָס געלט פֿאַרן בילעט האָב איך זיך באַגריסט צו אַנאַרכינען און געוווּנקען מיט אַ סימן ער זאָל האַלטן פֿאַר מיר זײַן פֿרײַען פּלאַץ לעבן זיך. נאָר

אַנאַרכין האָט נישט געענטפערט אויף מײַן באַגריסונג. ער האָט אויפגעהויבן די צעשפּרייטע צײַטונג מיט ביידע הענט און פאַרשטעלט זײַן פּנים. כ׳האָב זיך פאַרבײַגעשאַרט, אויסגעדרייט מיטן רוקן און אויסגעזוכט אַ פּלאַץ מיט אַ פענצטער אויף אַרויסצוקוקן אין דרויסן. פון יענע טעג פאַרנדיק צו דער אַרבעט אין פאַרבליבן אין מײַן זכרון אַן אַלטער באַלקאָן פון אַ ליידיק הויז מיט פאַרקלאַפּטע פענצטער און אַ בעטלערין וואָס איך פלעג איר שענקען אַ נדבה. זי פלעגט מיר דערקענען לויט מײַן שאָטן. זי איז געזעסן אויפן טראָטואַר מיט אויסגעצויגענע פיס לעבן אַ בלינדער וואַנט און ווען איך האָב זיך פאַרבײַגעאײַלט אין באַנק אַרײַן איז נאָך די זון געווען נידעריק און מײַן שאָטן — לאַנג. מיר האָבן זיך צוגעוווינט, אַנאַרכין און איך, קוקן איינער אויפן אַנדערן אין אויטאָבוס און זיך נישט זען. ערשט ווען מיר האָבן זיך אָנגעטראָפן בײַ דער הינטערטיר פון דער באַנק האָבן מיר זיך באַגריסט. אַמאָל פלעג איך זײַן דער ערשטער צו רופן זײַן נאָמען און אַמאָל פלעגט ער מיר פאַרלויפן דעם וועג און ציען, זומער — זײַן שטרוי־הוט, ווינטער — אַ פוטערנע היטל, ענלעך אויף אַ מין שטרײַמל פון אַ מאָדע אין האָלאַנד אין זיבעצטן יאָרהונדערט. ער האָט שטודירט די געשיכטע פון דאָזיקן לאַנד, דאָס וויגל פון דער בערזע אויף דער וועלט, און אויך אויפגע־האַנגען אין שטוב אַן אַלטע מאַפּע פון אַמסטערדאַם וואָס האָט פאַרנומען אַ גאַנצע וואַנט.

דער זאַל איז שוין געווען כמעט אויסגעליידיקט און אויך טונקל איבער אַ סך טישן. אויך דער קאַסירער איז אַוועק. אַנאַרכין האָט געוויזן אַ בויגן מיט חשבונות, זײַנע פאַרדינסטן דעם טאָג אויף דער בערזע און מודיע געווען אַז אינגיכן וועט ער פאַרצייכנען זײַן ערשטן מיליאָן.

— און קענאַרד בערנזאָנס אַקציעס ווילסטו נאָך אַלץ נישט איינהאַנד־לען ? — האָט הלוי געפרעגט. ער האָט אָנגערופן די פּאַפּירן מיט ראשי־תיבות, קב״א און פאַרויסגעזאָגט אַז זיי וועלן אין גיכן ווערן אַ שלאָגער אויף די בערזעס אין דער וועלט. אַנאַרכין האָט אַרויסגעלאָזט זייער פּאַמעלעך אַ פול מויל מיט רויך און געזאָגט אַז ער וועט זיך נישט לאָזן פאַרפירן כדי ער זאָל נישט נכשל ווערן ווען ער וועט אָנהויבן האַנדלען אויף אַן אמת מיט זײַן אייגן געלט. אין אָנהויב ווען ער האָט זיך געלערנט דעם מסחר

מיט די אַקציעס האָט ער געפּאַלגט הלוין און אָנגענומען זיינע עצות. ער איז נישט געווען דער איינציקער וואָס איז נאָכגעגאַנגען הלוין בלינדערהייט אינעם מסחר אויף דער בערזע. מיר האָבן געהאַט אַ קליענטין, אַ מיידל בלאָנד און שיין, מיט אָפּגעשוירענע האָר ווי אַ יינגל, וואָס האָט נישט איין מאָל אויסגעדרוקט איר חשק נאָכצוגיין הלוין בלינדערהייט אויף דער בערזע. וואָס ער וועט טאָן וועט זי טאָן, וואָס ער וועט דאָרט קויפן וועט זי קויפן. הלוי האָט זיך געפּעטשלט אין פליק, זיינע ווייסלען זענען גרעסער געוואָרן ווען ער האָט עס געהערט, און איין מאָל האָט ער געזאָגט דעם שיינעם מיידל: צי בין איך דען משה רבינו וואָס מען זאָל מיר נאָכגיין בלינד? יענער האָט געפירט דאָס פאָלק קיין כנען און איך וועל פירן מיינע קליענטן צו דער בערזע קיין תל־אביב? פון דעסטוועגן איז אים די זאַך געבליבן שטעקן אין קאָפּ און ס'איז אים שוין גאָרנישט אַזוי ניחא געווען וואָס אַנאַרכין האָט זיך אָנגעהויבן אַרומטראָגן מיט זיינע אייגענע דעות, געוואָרן זעלבסט־שטענדיק און זיך געגאַנגען זיין אייגענעם דרך צו דער בערזע.

אַנאַרכין האָט נישט געהאַלטן פון קענאַרד בערנזאָן. יענער איז נאָך נישט געווען פאַר אים גענוג ראַיעל. ער האָט טאַקע אויפגעשטעלט אַן אימפּעריע וואָס האָט אַרויסגעוויזן ענערגיע, דערפינדערשקייט, אַ נייעם אימפּעט אָבער די צוקונפט פון דער געזעלשאַפט איז נאָך געווען פאַרהוילן אין אַ נעפּל. ס'איז אים אויך נישט געפעלן געוואָרן יענעמס מנהגים. ווען די בלעטער האָבן געשריבן האָט קענאַרד בערנזאָן זיך אויפגעפירט ווי אַ יונגער צעלאָ־זענער פּרינץ. אַנדערע האָבן געטייטלט אויף אים ווי ער וואָלט געווען פאַר זיי אַ משיח. גענומען און צעשיקט שליחים איבער אַלע לענדער צו פאַר־שפּרייטן זיינע אַקציעס און אידייען און אַליין האָט ער זיך געלעבט אין דער שווייץ אַרומגערינגלט מיט שיינע יונגפרויען און ראַסאָווע רייטפערד. אויך אַנאַרכין האָט זיין יוגנט פאַרבראַכט אין פּאַריז. ער האָט דאָרט געשפּילט אין שאַך. ער האָט זיך פאַרהאַלטן לעבן טיש, זיך איינגעבויגן און אַריינ־געקוקט אייגעם נאָכן אַנדערן, הלוין און סאַלאַמירן אין פּנים אַריין, געפרעגט אויב זיינע ווערטער זענען נישט ריכטיק און נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער זיך אַרויסגעאײַלט אין דרויסן אַרויס. ער האָט געהאַט וואָס צו טאָן אין דער היים. ער האָט געפירט אַ טאָגבוך פון די ווערטפּאַפּירן מיט וועלכע ער האָט געהאַנדלט אויף דער בערזע. ער האָט פאַרשריבן אַלע פּרטים,

ירידות און עליות, געצייכנט דיאַגראַמען און הלוי, וואָס האָט שוין איין מאָל ביי אַ געלעגנהייט געהאַט דורכגעקוקט איין באַנד, האָט געזאָגט וועגן אַנאַרכינען אַז אויב ער וועט מתמיד זיין מיט די טאָגביכער אַ תקופה פון אַ צוואַנציק יאָר וועט אַרויסקומען אַ ווערק פון גרויס חשיבות.

בלויז מיר דריי זענען פאַרבליבן אין באַנק. אַ שטילקייט האָט זיך אַריינ־געגנבֿהט אין זאַל און פאַרבליבן ווען אַנאַרכין איז אַוועק. ס'האָט זיך געהערט דער רעגן אויף די שויבן. ס'איז שוין געווען צייט צו גיין אַהיים. הלוי האָט נאָך באַדאַרפט קויפן אויפן וועג אַ הון אויף שבת און באַזוכן אַ קראַנקן קליענט אין שפּיטאָל, אָבער מיר האָבן געוואַרט אויף דער רייכער ריטאַ עולמי. זי איז שוין געווען ביי אונדז און דורך סאָלאָמירן געשיקט זאָגן אַז זי וועט דאָס מאָל קומען איינע אַליין און קויפן אַן איר מאַנס וויסן קענאַרד בערנזאָנס אָקציעס. דערפאַר האָט סאָלאָמיר נישט מיטבאַגלייט יהושע רימערן און געבליבן מיט אונדז וואַרטן אויף איר. ער האָט דערציילט אַז די עולמים האָבן איבערגעלאָזט אַ שיינע שטוב אין דער געגנט פון תל־אביב און דאָ אין מושב־זקנים האָבן זיי אָפּגעדונגען אַ באַזונדער הייזל אויפן הויף. צוליב דוד עולמיס קראַנקהייט זענען זיי געקומען אַהער. ער איז אַלע יאָרן געווען אַן אונטערנעמער און צוזאַמען מיט זיינע זין געבויט הייזער אין לאַנד. צו זעכציק יאָר האָט ער געזאָגט געזעגנט, זאָלן די זין ממשיך זיין, און ער וועט זיך זעצן לערנען תורה. ער האָט זיך אָנגעהאַרעוועט אין לעבן, געווען אַן אָרעם יינגל, אַ האַלבער יתום, זיך דערשלאָגן צו עפּעס זינט די מדינה איז אַנשטאַנען, תמיד געווען פאַריאָגט, געמאַכט געלט און נישט געהאַט קיין צייט צו אָטעמען, וועט ער זיך נעמען צו אַביסל רוחניות פאַר דער נשמה וועגן. אָבער ס'האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים אַ מרה־שחורה. פאַרלוירן דעם חשק צו טאָן עפּעס אָדער אַריינקוקן אין אַ ספר. גאַנצע טעג איז ער אָפּגע־זעסן אויף אַ שטול און זיך געוויגט הין און צוריק. מען האָט אים געפירט שפּאַצירן צום שערער, אָדער קויפן אַ מלבוש, איז ער געגאַנגען. אַ פינצטער־ניש האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין זיין בליק און ס'איז נישט געווען צו דער־קענען אויב ער הערט זיך איין צו זיינע אייגענע מחשבות אָדער ער זינקט אין אַ תוהו־ובוהו. סימנים פון דער מעלאַנכאָליע האָבן זיך אָנגעזען נאָך פריער נאָר מען האָט שלעכט פאַרשטאַנען זייער באַטייט. למשל די טעג ווען ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין שטאָטישן פּאַרק זוכנדיק מיט וועמען

צו רעדן אַ וואָרט. ער האָט אויסגעשריבן אַ טשעק האָט זיך ווער אָפּגעפּונען אויסהערן וואָס ער זאָגט. ביז די זין האָבן זיך געכאַפּט אַז דער טאַטע שרײַבט טשעקן האָט ער שוין געהאַט מיט וועמען צו רעדן. מען האָט צוגענומען דאָס טשעקביכל און אָנגעדונגען אַ קראַנקן־שוועסטער זי זאָל זיך מיט אים מטפּל זײַן עטלעכע שעה אין טאָג. ער האָט זיך גלײַך פֿאַרליבט אינעם יונגן מיידל און געוואָלט מיט איר חתונה האָבן. מען האָט דאָס מיידל אָפּגעשאַפּט און אים האָט מען געפֿירט צו דאָקטוירים. אַ פּסיכיאַטער האָט פֿאַרגעלייגט אַ נסיעה קיין אויסלאַנד. אין פּאַדוא, אַ שטעטל אין איטאַליע, האָט ריטאַ עולמי זיך דערמאָנט אַז דאָרט האָט געלעבט און געשטאָרבן איר מאַנס אַ קוזינע און זיי זענען אַוועק אויפֿן בית־עולם אַ קוק טאָן אויפֿן קבר. דאָרט האָט ריטאַ עולמי באַמערקט אין איר מאַן עפּעס אַן אינטערעס צו פֿאַרריכטן און אָפּפּרישן די פֿאַרלאָזענע מצבה. זיי האָבן זיך פֿאַרהאַלטן עטלעכע טעג און געמאַכט פֿאָטאָגראַפֿיעס צו ווײַזן אין דער היים ווי אַזוי דער קבר האָט אויסגעזען פֿאַרן אָפּפּרישן און נאָך דעם. ווען די זין האָבן געהערט אַז אַ מצבה פֿון עפּעס אַ קרובה האָט פֿאַרטריבן דעם טאַטנס מרה־שחורה האָט מען אויסגעזוכט קברים פֿון פֿאַרשטאָרבענע קרובים און די עולמיס זענען נאָך אַמאָל געפֿאָרן קיין אייראָפּע. פֿון דער צווייטער רײַזע איז שוין עולמי צוריק געקומען מיט אַ נײַעם חשק צום לעבן: אָפּפּרישן און פֿאַרריכטן פֿאַרלאָזענע מצבות אויף יידישע בית־עלמינס וואָס זענען געניזוקט געוואָרן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

— אָט איז זי — האָט סאָלאָמיר זיך אָנגערופֿן און געטײַטלט צום פֿענסטער הינטער הלויס רוקן, ווו ריטאַ עולמי האָט אַרײַנגעקוקט און כדי בעסער צו זען אָפּגעווישט מיט דער הענטשקע אויף איר האַנט, רעגנטראָפּנס פֿון דער פֿאַרהויכטער שויב. הלוי איז איר אַקעגנגעגאַנגען אויפֿשליסן די טיר. אויב זי איז געקומען קויפֿן קב״א פּאַפּירן, האָט ער געזאָגט, וואָלט ער געמעגט פֿאַרשרײַבן הײַנט אַ מזלדיקן טאָג אין באַנק. פֿריער רימער, איצטער זי. אָבער סאָלאָמיר האָט אים נישט פֿאַרזיכערט צי זי איז דאָס מאָל געקומען רעדן תכלית. מיט די עולמיס האָט ער אין אָנהויב זיך געהאַלטן פֿון דער־ווײַטנס. די מעלאַנכאָליע האָט אים געשראָקן. לויט אים איז אויסגעקומען אַז די דאָזיקע מחלה איז זייער אָנשטעקנדיק. אויך שיינע־רחל זײַן ווײַב האָט געליטן פֿון אַ מרה־שחורה. וויפֿל מאָל זי פֿלעגט זיך פֿאַרשליסן הינטער

אַ טיר און טעג נאָכאַנאַנד קיין וואָרט נישט געלאָזט הערן פון זיך. אים אַליין איז אין אַזעלכע טעג נישט געווען צו פריילעך. ווי אַנגעשטעקט פון דער קראַנקהייט איז ער אויך אַרומגעגאַנגען מיט דער נאָז צו דער ערד. ער האָט געקענט ברענגען נאָך אַ ביישפּיל. פון זיינס אַן אַמאָליקן שכן אין צפת וואָס אויסערלעך האָט ער געמאַכט דעם רושם פון אַ גאַנצן פּאַצעט, געפּוצטע שטיוול, אונטערגעפּאַרבטע וואַנצעס, קאָלירטע קראַוואַטן, אָבער אינעווייניק, אַ פינצטערער מרה־שחורהניק. ס'איז נישט אויסגעגאַנגען קיין טאָג ער זאָל נישט אָפּוואַרטן סאָלאָמירן יעדן פרימאָרגן ביי זיין שוועל אַנצוזאָגן אַז היינט איז די וועלט נאָך ערגער געוואָרן. סאָלאָמיר האָט אים אויסגעמיטן. מיט מעלאַנכאָליקער האָט ער זיך געהאַלטן פון דערווייטנס. מיט דוד עולמי האָט שוין מסתמא געהאַלטן גוט שלעכט אויב ער האָט געדאַרפט אָנקומען צו אַזאַ מין טועכץ פאַר אַ רפואה, אַז באַניייען אַלטע מצבות זאָל פאַרטרייבן אַ מעלאַנכאָליע.

ריטא עולמי האָט איבערגעלאָזט איר צעעפנטן שירעם לעבן דער טיר. זי האָט אויפגעקנעפּלט איר פוטערנעם מאַנטל און איידער זי האָט זיך אַנידער־געזעצט לעבן הלוין האָט זי זיך אַרומגעקוקט איבערן ליידיקן פאַרטונקלטן זאַל, צופרידן וואָס קיינער איז שוין מער דאָ נישט געווען און אירע זין און איר מאַן וועלן נישט וויסן וועגן דעם נייעם עול וואָס זי האָט אויף זיך גענומען: מאַכן וואָס שנעלער געלט כדי צו דעקן איר מאַנס הוצאות. זי האָט אַרויסגענומען פון איר טאַש אַן אַלבום מיט בילדער הלוי זאָל אַריינ־קוקן וועט עס איר איינשפּאָרן איבעריקע רייד. הלוי האָט זיך פאַרקוקט אויף דער ערשטער זייט אונטערהאַלטנדיק מיט אַ האַנט דעם אויסגעבעטן טאַוול. נאָך דעם האָט ער פאַמעלעך איבערגעמישט אַ בלאַט. וואָס וויטער האָט ער געמישט שנעלער און ווען ער איז צוגעקומען צום סוף האָט ער אָנגע־הויבן פון אָנהויב רעדנדיק צו זיך אַז אפשר האָט ער עפּעס פאַרזען. באַלד האָט ער פאַרמאַכט דעם אַלבום און געזאָגט:

— בלויז קברים.

ער האָט אויסגעצויגן די פיס אונטערן טיש, זיך אָנגעשפּאַרט אין דעם אַנלען פון דער שטול, אַזוי אַז ער איז געבליבן זיצן באַלכסונדיק, פאַרלייגט די הענט אויף זיין היפשן בויך און אָנגעשטעלט זיין בליק אויף ריטאַ עולמי. זי האָט געהאַט אַ לענגלעך פּנים מיט איינגעפאַלענע באַקן. אירע האָר

געפּאַרבט אויף ווײַס האָבן זיך געשאָטנט אויף בלוי. זי האָט אַ נעם געטאָן דעם אַלבום צו זיך. דאָרטן זענען געווען פֿאָטאָגראַפֿיעס אויך פֿון די לעצטע נסיעות. די ידיעה האָט זיך פֿאַרשפּרייט צווישן לאַנדסלײַט, שכנים, סתם יידן און מען איז געקומען מיט צעטלען, מיט אַדרעסן בעטן מען זאָל אַרײַנפֿאָרן ערגעץ אין אַ שטעטל אַ קוק טאָן אויף אַ קבר פֿון אַ נאָענטן און אויב מען דאַרף, פֿאַרריכטן דעם שטיין. מען האָט זיך משתתף געווען אָבער ס'האָט נישט געדעקט די הוצאות, שוין אָפּגערעדט וועגן רווחים. דוד עולמין איז גאָרנישט אָנגעגאַנגען דאָס געלט. ער האָט אָנגעזאַמלט גענוג עשירות אין לעבן און ער האָט זיך געקענט פֿאַרגינען די ראָלע וואָס ער האָט אויף זיך גענומען. ער האָט געזען אין דעם אַ שליחות און מיטן זעלבן אימפּעט ווי ער פֿלעגט בויען אַמאָל הײַזער האָט ער איצט געזאַמלט אַדרעסן, פֿאַרצייכנט נעמען, פֿאַרשריבן פּרטים וועגן די פֿאַרשטאָרבענע. לעבעדיקע מענטשן האָבן אים געלאַנגווײַליקט, וועגן די טויטע האָט ער געוואָלט וויסן איטלעכן פּרט. גאַנצע געשיכטעס זענען געלעגן באַהאַלטן אונטער מצבות. און ווי אַ בײַשפּיל האָט ריטאַ עולמי, צוריק עפֿענענדיק דעם אַלבום געהייסן הלוין זיך אײַנקוקן אין די צוויי ערשטע בילדער פֿון דער קוזינעס מצבה אין פּאַדואַ, ווי אַזוי דער קבר האָט אויסגעזען פֿריער און ווי אַזוי שפּעטער. די קוזינע האָט צוריק אויפֿגעלעבט אין דער משפּחה. ווער האָט אַמאָל דערמאָנט איר נאָמען? געשטאָרבן — פֿאַרגעסן. איצט האָט מען זיך דערמאָנט אַז זי איז געווען אַ מיידל — אַ טײַוול. ליבע אַוואַנטורעס. אַנטלאָפֿן קיין איטאַליע. אַ ליבע מיט אַ גוי — אַ קאָמוניסט. אַ שיכור. ס'האָבן זיך אָפּגעפֿונען אירע בריוו און מען האָט באַוווּנדערט איר קאַליגראַפֿישע האַנטשריפֿט. דוד עולמי האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אירס אַ בילד וואָס אַ קרוב האָט אים צוגעשיקט. ער איז אויך נישט געווען גלײַכגילטיק צו איר אין זײַן יוגנט און זי איז אים נאָך אַלץ געלעגן אויפֿן זינען. איצט האָט שוין הלוי זיך פֿאַרקוקט אויף דער מצבה פֿון דער קוזינע נאָר ריטאַ עולמי איז געוואָרן אומגעדולדיק, געזאָגט אַז סך־הכל איז יענע געווען אַ פֿאַרשײַטע נפֿקא, איבערגעמישט עטלעכע בלעטער און אַנגעוויזן אויפֿן קבר פֿון אַ רב אין דער משפּחה מיטן זעלבן נאָמען ווי עולמי: משה דוד וועלטמאַן. יענער איז אין זײַן צײַט באַטראַכט געוואָרן ווי אַ גאון, אָנגערופֿן געוואָרן גדול־הדור און פֿון די כתבים וואָס האָבן זיך אָפּגעפֿונען און פֿון די פּרטים שבבעל־פּה צווישן

קרובים, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז יענער האָט טאַקע גענומען אויף זיך אויפטאָן איבערמענטשלעכע מעשים. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן למשל מיט דער אַמביציע אַראָפּברענגען ביי זיין לעבן משיחן אויף דער וועלט. אויך אויף דער עלטער איז זיין רצון נישט געוואָרן אָפּגעשוואַכט. חתונה געהאַט פיר מאָל, געשטאָרבן אַ זקן מופלג און פאַרן טויט האָט ער באַשווירן זיין פערט ווייב, אַ יונגע יתומה, זי זאָל פאַרבלייבן אַן אלמנה איר גאַנץ לעבן, אַ פרעמדער זכר זאָל פון איר נישט הנאה האָבן.

— מיין ליבע פרוי — האָט הלוי זיך אָנגערופן. ער האָט איר געהאַט עפּעס וואָס צו זאָגן. זי האָט זיך געמעגט שפּירן גליקלעך; רייך, עלעגאַנט, אַ מאַן — אַן אויפטוער, רייזעס איבער אייראָפּע צוויי דריי מאָל אין יאָר, וואָס נאָך האָט אַ מענטש זיך געקענט ווינטשן אין אונדזער דור.

— כ׳בין נישט ראָטשילד — האָט ריטאַ עולמי אים איבערגעריסן מיט אַ פאַרדריסלעכע מינע. ווייל די נסיעות האָבן געריסן שטיקער פון קרן. זי האָט געמיינט אַז נאָך אַ דריי פיר רייזען וועט עם איבערגיין. ס׳וועט נמאס ווערן איר מאַן דאָס פּלאָדזשען איבער אַלטע פאַרוואַקסענע בית־עולמס און ער וועט זיך אויסזוכן אַ ביליקער פאַרנעמעניש. דער ענין מיט די מצבות איז געווען פאַר איר אַ צו גרויסער לוקסוס. זיי האָבן דאָך נישט אָנגעזאַמלט אַ פאַרמעגן כדי עס איצט אַריינצובראָקן אין די בית־עולמס פון אייראָפּע. ס׳יידישע פאָלק האָט דאָרט גענוג אָנגעווירן. ווער עס האָט געהערט פון זיין טועכץ האָט אים געלויבט אָבער הינטער זיין פּלייצע האָט מען דאָך אָפּגעלאַכט פון איר מאַן. גענוג וואָס ער האָט אָפּגעטאָן איין נאַרישקייט אין לעבן, איבערגעלאָזט אַ גייענדיקע מלוכה אין אַנדערע הענט און זיך גענומען אָפּהיטן אויף זיין חשבון אַ פאַרשטאָרבענע וועלט. זי האָט געוואָלט צוריק וווינען אין תל־אביב. איר שטוב איז דאָך געווען אַ מאָל אַ שטוב. ס׳האָט זיך דאָרט שטענדיק עפּעס געטאָן. מען האָט קיין מאָל נישט געגעסן אַליין. די סמעטענע פון לאַנד האָט זיך געשפּירט ביי איר היימיש. און געסט פון אויס־לאַנד. נאָר עולמי האָט נישט געוואָלט הערן מער פון עולם־הזהדיקע תענוגים. נאָך יעדער נסיעה האָט ער געפּלאַנט אַ צווייטע. זיך פאַרנומען מיט אַרויסגעבן די כתבים פון רב, געהאַלטן רעפעראַטן. זיך געגרייט האַלטן אַ רעדע אויך אין מושב־זקנים. ווער וועט אים דאָרטן אויסהערן? זאָל ער רעדן וועגן פאַרדינען געלט וועט מען שוין יאָ אַנשטעלן אַן אויער.

— ווער איז קענאַרד בערנזאָן? — האָט זי מיט אַ מאָל געפרעגט. זי האָט געהערט עפּעס וועגן אים אויף די מסיבות אין איר שטוב נאָך איידער איר מאַן איז קראַנק געוואָרן. דעמאָלט האָט זי זיך נישט פאַראינטערעסירט מיט דעם. ס'איז געווען אַ פאַרדינער אין שטוב. איצט האָט זי גענומען אויף זיך דעם עול צו דעקן די הוצאות פון אַלע נסיעות. זי האָט אַרויסגענומען עטלעכע פּעקלעך באַנקנאָטן פון איר טאַש און אַרײַנגעלייגט אַהין דעם אַלבום. נאָכן איבערציילן דאָס געלט האָט סאָלאָמיר איר מיטבאַגלייט אַהיים. הלוי האָט זיי צוגעפירט צו דער טיר. ריטאַ עולמי האָט נאָך אַ מאָל איבער־געחזרט אַז וועגן דעם מסחר טאָר קיינער נישט וויסן און אַוודאי נישט איר מאַן.

— וועגן וואָס געגנוי וועט ער דאָרט רעדן אין מושב־זקנים? — האָב איך געהערט הלוין פרעגן. ער האָט זיך צוריק געקערט צום טיש מיט אַ צופרידן פּנים. דאָס געלט האָט מען אַרײַנגעלייגט אינעם אײַזערנעם אַלמערל לעבן אונדזערע טישן. מיר האָבן זיך שוין אויך לאַנג נישט געזאַמט. בלויז דאָס קליינע נאָכטלעמפּל לעבן דער קאַסע איז געבליבן לײַכטן. אויפן וועג צו דער הינטערטיר האָב איך געוואָלט וויסן וואָס ריטאַ עולמי האָט געענטפערט הלוין.

— ער וועט דאָרט רעדן אין מושב־זקנים וועגן דעם מצב פון יידישע בית־עלמינס אין אייראָפּע — האָט הלוי געזאָגט און מיר געבעטן אים דערמאָנען באַלד אין דער פרי, ווען מיר וועלן קומען אין באַנק אַרײַן, צו באַשטעלן פאַרן געלט קענאַרד בערנזאָנס אַקציעס.

איידער מיר זענען דערגאַנגען צו דער טיר איז אָנגעקומען די עוזרת. זי האָט אָנגעצונדן אַלע לאָמפּן און אַרײַן אין אַ קעמערל טוישן די קליידער כדי זיך נעמען רייניקן די באַנק. אין דרויסן האָט דער דראָבנער רעגן זיך אָנגעזען אין די ליכטיקע שויבן פון בנין. אַ ווינט האָט אַ פּאַטש געטאָן שטאַרקערע טראָפּנס אין פּנים אַרײַן. די יאַטקע איז געווען אויף אַ זײַטיקער גאַס, אַ מהלך וועג פון דאַנען אָבער דער קצב, אונדזערס אַ קליענט, האָט פאַרקויפט ביליקער ווי ערגעץ אַנדערש. הלוי איז נישט אויסגעקומען מיט זײַן שכירות און ס'האָט אים זייער אָפּט געפעלט צום חודש. ער האָט געהאַט אַ שטוב אויסצוהאַלטן, אַ זון מיט אַ טאָכטער אין די הויכשולן און דניאלה זײַן ווײַב האָט נישט פאַרדינט קיין געלט. פון דעם וואָס ער האָט אַהיים־

געבראַכט האָט מען געלעבט בצמצום. זי האָט אים נישט פאַרגעוואָרפן אַז עס איז ווייניק כאָטש פאַר מיר האָט זי זיך איין מאָל יאָ געחידושט הלמאי אַנדערע מאַכט ער רײַך און זיך אַליין האָט ער נישט אינזינען. זי האָט נישט געפונען קיין ריכטיקן ענטפער אויף דעם און צום סוף האָט זי זיך אויפֿגעהערט פאַרלאָזן אויף אים און גענומען דעם גורל אין אירע אייגענע הענט. זי האָט אײַנגעקויפט מלוכהשע לאָטעריע־צעטלען גילטיק אויף לאַנגע יאָרן און יעדעס מאָל נאָך אַ ציאונג איז זי געקומען אין באַנק אַרײַן זיך נאָכפרעגן אויב אירס אַ צעטל איז שוין אַרויס מיטן גרויסן געווינס. זי האָט אַלע מאָל געטראָגן טונקעלע בגדים און מיט איר שטרענג פּנים און די האָר פאַרצויגן אויף הינטן אין אַ גרעק האָט זי אויסגעזען ווי אַ פּירשפּרעכערין — כולו מוסר.

— זיי קומען איר צו חלום, די צעטלען — האָט הלוי מיר איין מאָל געזאָגט. ער האָט זיך אונטערגעשמייכלט הינטער איר פּלייצע און מוחל געווען איר פאַרגלייבטקייט אינעם בלינדן גורל. ער אַליין איז געווען אַ חסיד פון קלאָרן שכל, פון פּראַקטישע מעשים. קענאַרד בערנזאָן, דער גאון פון פינאַנצן איז געווען זײַן מוסטער. ער האָט אים געשריבן אַ בריוו און זיך אָנגעפרעגט אויב די ידיעות אַז ער פּלאַנט קומען אויף אַ וויזיט קיין ישראל זענען ריכטיק. הלוי האָט אין בריוו דערמאָנט מיט אַ רמז דאָס פּינטעלע ייד און אַז דאָס פאָלק אין ישראל וואַרט אויף אַזעלכן ווי ער, און דאַרף אים נייטיק האָבן. מען וועט אים אויפנעמען מיט אָפענע הענט. אויב קענאַרד בערנזאָן וועט קומען, האָט הלוי מיר געזאָגט, וועט ער אַ שמועס טאָן מיט אים וועגן דער פאַרשטייערשאַפט פון דער געזעלשאַפט אין לאַנד. ער וועט אים מרמז זײַן אַז ער איז גרייט זײַן אַ קאַנדידאַט אויפן אמת און אים דערציילן ווי אַזוי ער פאַרשפּרייט זײַנע אידייען און אַקציעס.

— זיי צאָלן שכירות אין דאָלאַרן — האָט הלוי געזאָגט און אַ שפּרײַז געטאָן אַן אַ זײַט אויסצומײַדן אַ לוזשיקל רעגן אויפן טראָטואַר. די שכירות פון אַזאַ פּאָסטן וועלן זײַן אפשר פיר מאָל אַזוי גרויס ווי אין באַנק, האָט ער אויסגערעכנט. ער וועט דעמאָלט מעגן זאָגן וועגן זיך אַז ער האָט עפּעס דערגרייכט אין לעבן. אַ גאַר ווײַטער מהלך פון די יאָרן ווען ער איז געקומען אין לאַנד און זײַן פּרנסה איז געווען פאַרברענען אַלט און צעריסן געלט אין באַנק ישראל. אַנגעטאָן אין אַ ווײַסן כאַלאַט האָט ער אונטער דער השגחה

פון פרעמדע אויגן געוואָרפן אין אויוון אַרײַן פּעקלעך אָפּגענוצטע באַנקנאָטן. די מלאכה האָט שוין גאַרנישט געשטימט מיט זײַן כאַראַקטער. געברענט געלט און אין שטוב האָט אויסגעפּעלט אַ לירה. אויב ער וועט באַקומען דעם קב״א אמת וועט אויך דניאלה אויפלעבן. ער וועט זי נעמען אויף אַ שפּאַציר קיין חוץ־לאָרץ. גענוג מיט די נאַרישע חלומות, וועט ער איר זאָגן.

די יאַטקע איז געשטאַנען צווישן נידעריקע שטיבער. אינווייניק האָבן מיר אָפּגעשאָקלט דעם רעגן פון אונדזערע שליאַפּעס. הלוי האָט אַראָפּגעשטעלט דאָס קיישל. דער אויפגעשטעלטער קאָלנער פון זײַן מאַנטל וואָס ער האָט איצט פאַרלייגט, איז געווען נאַס און אָפּגעריבן בײַ די קאַנטן. ער וועט באַקומען דעם אמת, האָט ער מיר געזאָגט אויפן וועג, וועט ער זיך קויפן אַ נײַעם. פון האָקנס אויף די ווענט זענען אַראָפּגעהאַנגען אָפּגעפּליקטע הינער. אָפּגעפּליקטע עופות האָבן זיך אָנגעזען אויך דורכן גלאָז אין אײַז־קאַסטן. די קאַנטן פון דער שויב זענען געווען אָנגעפּרוירן ווי באַשאָטן מיט שניי. אַ ווײַבל מיט אַ דערע אויפן קאָפּ אין ברוין־באַבלימטע קליידער, וואָס נידעריקער אַלץ ברייטער, האָט אויסגעטאַפּט אַן אָפּגעפּליקטע הון. דער קצב הינטערן לאַדנטיש, אין אַ פאַרטעך באַפּלעקט מיט בלוט, האָט זיך געגרוסט צו אונדז און געוואָרט אויף איר ענטפער:

— טוב, גברת ? — האָט ער איר אונטערגעיאָגט.

ס׳ווײַבל האָט זיך נישט געאײַלט און זיך געהייסן אַראָפּדערלאַנגען פון די ווענט און אויך פון אײַזקאַסטן אַרויס, איינס נאָכן אַנדערן עופות צום באַטאַפּן. דער קצב האָט געשמייכלט אין פאַרלעגנהייט, געבעטן ביי אונדז געדולד ביז ער וועט זיך באַפרייען פון קונה. ער האָט געהייסן פּנחסיק און הלוין האָט ער גערופן ״אדון באַנק״ מחמת ער איז שוין נישט געווען בײַ אונדז אַ לענגערע צײַט און פאַרגעסן זײַן נאָמען.

— ס׳ווײַב איז מיר שוין צוריק געקומען — האָט ער אונדז מודיע געווען ווײַל צוליב איר איז ער געוואָרן אונדזערס אַ קליענט. זי איז אַנטלאָפן פון אים, איז ער אַרײַנגעקומען צו אונדז זיך נאָכפרעגן וועגן דעם מסחר אויף דער בערזע ; ער האָט געוואָלט קויפן אַקציעס און פאַרלירן געלט. זי וועט הערן אַז ער פאַרשפּילט זייער פאַרמעגן וועט זי זיך איבערקלערן און אַהיימ־קומען. הלוי האָט געקויפט פאַר זײַן געלט קענאַרד בערנזאַנס פּאַפּירן. אָבער יענע האָבן זיך געהויבן אין ווערט. האָט פּנחסיק געהייסן פאַרקויפן די סחורה

און איינהאַנדלען ספּעקולאַטיווע פּאַפּירן. אויך דאָס מאָל זענען די פּאַפּירן געשטיגן און דאָס געלט האָט זיך אפילו שנעל פאַרטאָפּלט. דער קצב איז געוואָרן בייז און צופרידן, ביידן צוזאמען. אָבער ער איז נישט געקומען צו אונדז מיט דער כוונה אָנצוטאָן זײַן ווײַב הנאות. ער האָט געוואָלט זי זאָל זיצן אין דער היים און אַרויסהעלפן מיט פּרנסה. הלוי האָט אים דעמאָלט איינגעקויפט פאַרן גאַנצן געלט אַזעלכע פּאַפּירן וואָס זייער גאַנץ עקזיסטענץ איז געווען מוטל־בספק, זייער קורס איז געווען הויך און זיי זענען נישט ווערט געווען דאָס פּאַפּיר אויף וועלכן זיי זענען געווען געדרוקט. הלוי האָט אים דערקלערט די ריזיקע דערפון, אז די דאָזיקע פּאַפּירן האָבן צוגע־זאָגט גרויסע גליקן, ניקל, נאַפט, גאָלד, אָבער אין דער אמתן זענען זיי געווען פוסטע חלומות. אויך די פּאַפּירן האָבן זיך געהויבן אין ווערט. פּנחסיק האָט פאַרלוירן זײַן געדולד, אַלץ פאַרקויפט און זיך מער נישט באַוויזן בײַ אונדז.

דער קצב האָט אַראָפּגענומען נאָך הינער פון די האָקנס, דאָס ווײַבל האָט זיי אויסגעטאָפּט און קיין איינע איז איר נישט געפעלן געוואָרן.

—עפּעס דערלאַנגט ער מיר עופות פון קאָנצענטראַציע־לאַגער — האָט זי געזאָגט און זי האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסקײַקלען אין דרויסן אַרויס. זי איז געשטאַנען אין דער טיר האָט דער קצב איר נאָכגעשריגן:

— פּעטסווילט איר? אין תחת, גברת!

אויף אַ רגע האָט דאָס ווײַבל אויסגעזען ווי אַ ברוינע קוואָקע וואָס האָט נאָך געהאָט אויף זיך אַלע פעדערן. זי איז אויך געווען אונדזערס אַ קליענטין. זי האָט געהייסן גאולה און צוזאַמען מיט איר מאַן צבי מינץ, אַ הויכער, דאַרער שאַפער מיט אַן אומרואיקן קנאָפּ אין זײַן גאַרגל, האָבן זיי געקויפט בײַ אונדז קב״א פּאַפּירן און מען האָט פאַרשריבן אז אייגער אַן דעם אַנדערנס וויסן זאָל נישט טאָרן פאַרקויפן און אַרויסנעמען דאָס געלט. זי האָט אונדז אויסגעזאָגט פאַרוואָס זי האָט נישט געטרויט איר מאַן. אַז ער האָט פאַרפירט אַ לינקע ליבע. געזאָגט האָט זי עס מיט די ווערטער:

— ער האָט זיך אײַנגעקויפט אַ נײַ שטיק פליש.

דער קצב האָט באַזײַטיקט אַלע הינער און דאָס עוף וואָס הלוי האָט אויסגעקליבן האָט ער געהאַלטן איבער אַ פלעמל פון אַ ספּירט־מאַשינקע אָפּצובערענען די בלויע שטעקלעך־פעדערן אויף דער הויט. ער האָט געהאַלטן

די הון אויסגעצויגן, אין איין האַנט דאָס קעפּל, אין דער צווייטער די פיס, און אונדז דערציילט אַז ער האָט זיך דורכגעשמועסט מיט זײַן ווײַב, איצטער. נאָכן אײַנפירן שלום־בית, אַז אויב מען קען פאַרדינען געלט אויף דער בערזע און מאַכן לײַכטע רווחים דערצו, נאָך וואָס זשע דאַרפן זיי האָבן די יאַטקע. נאָך וואָס דאַרף ער האָבן צו טאָן מיט פעטע ווײַבער און געשאָכטענע הינער. מען וועט פאַרקויפן די יאַטקע און זיך לעבן ווי פּריצים. ער האָט אײַנגעלייגט די הון, קאָפּ צו די פיס, צוגעוואָרפן גראַטיס אַ פויסט מיט גרויע לעבערלעך און פאַרוויקלט אַלץ צוזאַמען אין אַ צײַטונג.

— מען שפּילט נאָך אויף דער בערזע? — האָט ער געפרעגט און ס'איז אים געוועזן אַ שאָד וואָס יענע פאַפירן, די וואָס האָבן אים אַרײַנגעבראַכט אַזעלכע שנעלע רווחים, די פוסטע חלומות, וואָס די דאָזיקע אַקציעס קען מען שוין נישט קויפן אויף דער בערזע ווײַל זיי זענען אונטערגעגאַנגען, באַנקראָטירט. נאָך גוט וואָס עס זענען געבליבן אַנדערע אויף זייער אָרט. ער האָט געהערט עפּעס פון אַזאַ נאָמען ווי קענאַרד בערנזאָן און ער וועט אינגיכן אַרײַנקומען צו אונדז מיט געלט. ער האָט געווישט די פאַרפלעקטע פינגער פאַרנט אויף זײַן פאַרטעך. זײַן פּנים איז געוועזן קײַלאַכדיק און גלאַטיק און ס'האָט אַ ביסל אונטערגעגלאַנצט ווי ער וואָלט אויך זײַן אייגענע הויט דורכגעפירט איבערן בלויען פלעמל פון דער ספּירט־מאַשינקע.

דער רעגן האָט אָנגעהאַלטן אין דרויסן. ראַוועס בײַ די זײַטן האָבן זיך אָנגעפילט מיט וואַסער. מיר האָבן אַ שפּרײַז געטאָן מיט אַ האַלבן שפּרינג, בעתן אַריבער גיין די גאַס. הלוי האָט מיר געהייסן אינזינען האָבן דעם קצב און זײַן ווײַב, טאָמער זיי וועלן קומען און ער וועט זײַן פאַרנומען זאָל איך געדענקען וואָס צו קויפן פאַר זייער געלט. וואָס מער קב"א פאַפּירן מיר וועלן פאַרקויפן אַלץ אַ גרעסערן שאַנס וועט ער האָבן צו באַקומען קענאַרד בערנזאָנס פאַרשטייערשאַפט אין לאַנד. ער האָט שוין געכאַפּט אַ שמועס מיט איינעם פון די הויפּט דירעקטאָרן אין דער צענטראַלע פון אונדזער באַנק אין תל־אביב און יענער האָט אים מרמז געוועזן אַז ווען די צײַט וועט קומען און די קב"א געזעלשאַפט וועט אים אויפנעמען ווי זייערס אַ פאַרשטייער אין לאַנד, וועט די באַנק אים נישט לייגן קיין אבני־נגף אויפן וועג צו זײַן קאַריערע. מען וועט אים אויסבאָרגן אויף עטלעכע יאָר. ס'וועט זיך

לוינען אויך דער באַנק האָבן אַן אייגענעם מענטש אין קענאַרד בערנ׳אַנס אימפעריע.

אויף דער גאַס האָט זיך צעקלונגען דער גלאָק פון נאַפט־פאַרטיילער. יעקב נאַדל דער בעל־עגלה איז אַרײַנגעפאָרן מיט פערד־און־וואָגן. ער איז געזעסן אויף אַ הויכער קעלניע אונטער אַ דעכל פון זאַקלײַוונט. אַן אָפּגעריסענער עק פון דעכל האָט געפּאַטשט אין ווינט. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן אונדז אָנצוקוקן אין שוואַכן ליכט וואָס האָט זיך געוואָרפן פון ווײַטן גאַס־לאָמפּ און נישט אויפגעהערט קלינגען מיטן גלאָק. עפּעס האָט ער אַ זאָג געטאָן וואָס מיר האָבן פאַרהערט. סאָלאָמיר האָט נאָך אין זומער אים געבראַכט צו אונדז אין באַנק אַרײַן ער זאָל קויפן קב״א פּאַפּירן. זומער האָט נאַדל פאַרקויפט פרוכט און גרינסן אין די גאַסן, אָבער אויך דעמאָלט האָט זיך געשפּירט פון אים דער ריח פון נאַפט. ער איז געזעסן דעמאָלט קעגן איבער הלוין, געזוכט אין די קעשענעס, אַרויסגעצויגן אַן אַלטן, צערי־בענעם און גרויסן הונדערט־דאָלאַר באַנקנאָט און געזאָגט אַז ער האַלט בלויז פון אַזעלכע פּאַפּירן. ער אַליין האָט נישט געקענט לייענען און שרײַבן אָבער ער האָט געוווסט וואָס אויפן גרינעם דאָלאַר איז געווען פאַרצייכנט אַז די אַמעריקאַנער ממשלה איז זיך מתחייב אויסצוצאָלן, ווער עס וועט ברענגען צו זיי דאָס פּאַפּירל, דאָלאַר פאַר דאָלאַר אין גאָלד. ער האָט נישט געגלויבט וואָס הלוי האָט אים געזאָגט אַז די אַמעריקאַנער ממשלה האָט שוין פון לאַנג מבטל געמאַכט דאָס דאָזיקע געזעץ, ווײַל אַמעריקע איז נישט רוסלאַנד, האָט נאַדל געטענהט און דאָרט איז אַ וואָרט — אַ וואָרט. דער באַנקנאָט איז געווען זייער דין, ערטערווײַז מיט דורכזעעוודיקע פלעקן און ער האָט אים געבראַכט מיט זיך טאָקע פון רוסלאַנד ווו ער האָט אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געהאַנדלט מיט פערד.

אינמיטן גאַס איז נאָכגעגאַנגען דעם וואָגן אַן אַראַבישער בחור אויף צו צאַפּן פון פעסל דאָס נאַפט און פאַרטיילן אין די הײַזער. ער איז געווען פיטש־נאַס און געטאַפּטשעט, מיט באָרוועסע פיס פאַרשטעקט אין שקראַבעס, אין די ריטשעקעלעך רעגן. ער האָט אונדז באַמערקט און אויסגערופן, איבער־שרײַענדיק די קולות פון גלאָק און פון די דרײַ בלעכענע באַנקעס וואָס האָבן געקלאַפּט צווישן די אונטערשטע רעדער:

— שלום אדון הלוי!

— שלום אדון נעאַראַני!

—מה נשמע? — האָבן זיי בײדע געפרעגט און איינער נאָכן אַנדערן האָט געענטפערט.

— באַנק!

— נאַפט!

נאָכגייענדיק פון הינטן דעם וואָגן האָט בײַ אַחמעד נעאַראַנין זיך געשאָקלט דער קאָפּ אַזוי ווי בײַם פערד פון פאָרנט. איין מאָל אין חודש האָט נעאַראַני געבראַכט צו אונדז אַ טשעק באַפּלעקט מיט נאַפט וואָס נאָדל זײַן בעל־הבית האָט אים אויסגעצאָלט פאַר דער אַרבעט, געחתמעט מיט דרײַ צלמלעך. ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל אַרײַנגעקומען צו אונדז מיט אַזאַ טשעק און מען האָט אים נישט געוואָלט אויסצאָלן דאָס געלט ווײַל דאָס נאַפט האָט פאַר־פעטסט דאָס געשריפט און מען האָט נישט געקענט איבערלייענען אַן אות, האָט הלוי אים גענומען אונטער זײַן השגחה, אַנגעצונדן דעם לאָמפּ אויף זײַן טיש, צוגעלייגט דעם טשעק צו ליכטיקן גלאָז, דעשיפרירט דאָס שרײַבעכץ, די האַנטשריפט פּום נאָדלס ווײַב, און געהייסן דעם קאַסירער אויסצאָלן דעם באַטרעף. אַחמעד נעאַראַני האָט זיך פאַרקליבן מיטן געלט אין אַ ווינקל, זיך אַראָפּגעזעצט אויפן מזרח־שטייגער און נישט אויפגעהערט ציילן. ער האָט אַלץ איבערגעציילט האָט ער אַנגעהויבן אויפסנײַ. נאָך אַ שעה און אפשר מער האָט הלוי זיך מטריח געווען, זיך אויפגעהויבן פון זײַן פּלאַץ, צווישן איין קליענט און אַ צווייטן, און צוגעגאַנגען צום ווינקל פרעגן נעאַראַנין וואָס עס איז געשען, צי עס שטימט אָדער נישט. געשטימט האָט עס, אָבער נעאַראַני האָט נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט וואָס עס איז אַ טשעק און ס׳איז אים געווען אַ חידוש פון וואַנען די באַנק האָט געוווּסט וויפל זײַן בעל־הבית האָט אים באַדאַרפט אָפּצאָלן פאַר אַ חודש אַרבעט. ער איז געווען דאַר אוןביינערדיק. אונטער זײַן נאָז האָט זיך אַנגעזען אַ דין האָרעלע וואָנצעס. זײַנע הויזן זענען געווען אויף אים צו קורץ. די באָרוועסע פיס זענען געווען בלוי און אַנגעפרוירן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אַרײַנגעשטעקט הלוין אין דער האַנט אַרײַן אַ האַלבע לירה טרחה־געלט. הלוי האָט אים צוגעפירט צו דער טיר און אים אָפּגעגעבן די מתנה.

דעם צווייטן חודש האָט שוין נעאַראַני געבראַכט דעם באַפּלעקטן טשעק גלײַך צו הלוין. דאָס מאָל האָט הלוי אַראָפּגענומען אַ צענטל פון דער סומע

און געעפנט נעאַראַניין אַ קאַנטאַ, ער זאָל שפּאָרן און קויפן אַקציעס, קענאַרד בערנזאַנס פּאַפּירן.

— להיות עשיר — האָט הלוי איבערגעחזרט פאַר אים און אים געפּעטשלט אויף אַן אַקסל ביז עס איז געוואָרן אַ אַ פּזמון און אַלע מאָל ווען אַחמעד נעאַראַני האָט געבראַכט אַ טשעק האָט ער זיך געשטעלט לעבן הלויס טיש אַ ביסל שעמעוודיק און פאַרט שוין היימישלעך און ביידע האָבן זיי גערופן אויף אויף אַראַביש:

— אַקון רהעאַני! — ווערן רײַך.

אַ פלוצלינגער ווינט האָט אויף אַ רגע פאַריאָגט פון אונדז דעם רעגן. אַ וואָלקן האָט זיך צעריסן און אַ שטערן האָט אַ קוק געטאָן און פאַרשווונדן געוואָרן. פון עק גאַס האָט זיך נאָך געהערט דער קלאַנג פון יעקב נאַדלס גלאָק. הלוי האָט אָנגעהויבן עפּעס זאָגן. אַ געמורמל האָט זיך געהערט פון ערגעץ אינעווייניק אין אים אָבער ס׳איז צו קיין קלאָרע ווערטער נישט דערגאַנגען. מיר האָבן ביידע געשוויגן. טייל פון זײַנע אייגנשאַפטן זענען מיר שוין געווען גאַנץ קענטלעך. זײַנע בייזע און גוטע מינוטן. אָנגעכמורעטע שטימונגען און די געמיטליכע שעהען ווען איך האָב שפּאַצירט לעבן אים איבער די גאַסן פון שטאָט און זיך צוגעהערט צו זײַנע פּלענער וועגן דער צוקונפט. דאָס האָט הלוי געפּועלט איך זאָל בלײַבן אַרבעטן אין באַנק. ס׳האָט געהאָלפן דערצו מײַן אַפּזײַן אין קיבוץ אַ סך יאָרן ווײַל ער האָט זיך געניטיקט אין אַ חלוצישן עלעמענט, האָר ער געזאָגט, וואָס זאָל אים העלפן פאַרשפּרייטן צווישן פאָלק דעם געדאַנק וועגן דער בערזע און אויפוועקן אין קליענטן אַ שאַרפערן חוש צום האַנדל מיט אַקציעס. די בערזע אין תל־אביב איז, לויט זײַן מיינונג, נאָך געווען אַ קרקע־בתולה, ער האָט מיר געלערנט די סודות פון מסחר, דעם אונטערשייד פון אַ צעטל מיט קופּאָנען און אַזוינס וואָס האָט נישט קיין קופּאָנען. ער אַליין האָט אַ מאָל אויסגעפּאַרשט דעם ענין און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז לויט דעם סאָרט צעטלען, מיט קופּאָנען אָדער אָן דעם, קען מען זיך שאַפן אַ באַגריף וועגן דער פּסיכיק פון פאָלק און וועגן דער מדרגה פון דער ווירטשאַפט און אינדוסטריע אין לאַנד. ער האָט מיר באַקענט מיט די הלכות אויף וועלכע עס זענען באַזירט געווען די פאַרשידענע ווערטצעטלען וואָס ממשלות אין ישראל האָבן אַרויפ־

געצוווּנגען אויפֿן פֿאָלק זינט דעם אויפֿקום פֿון דער מדינה. ווי נאָר אַ פֿרײַע שעה אין באַנק האָב איך געזוכט אייגנטימער פֿון אַזעלכע אָבליגאַציעס וואָס גאַנצע פּעק זענען געלעגן אין אַן אײַזערן אַלמערל לעבן אונדזערע טישן. טייל פֿון די בעלי־הצעטלען האָבן אין משך פֿון די יאָרן אויסגעוואַנדערט פֿון לאַנד, אַנדערע זענען געשטאָרבן. איין מאָל אויף אַ לוויה פֿון אַ קליענט האָט הלוי אויפֿן בית־עולם מיר אַנגעוויזן דאָ און דאָרט אַ נאָמען אויף אַ מצבה און געזאָגט אַז יענעמס אָבליגאַציעס ליגן בײַ אונדז אינעם אײַזערנעם שענקל. האָט זיך אָפּגעפֿונען אַ פּריערדיקער אַדרעס פֿון אַזאַ נפֿטר האָב איך אים אָוועקגעשיקט אַ בריוול ער זאָל קומען אָפּנעמען דעם באַטרעף פֿון זײַן צעטל וואָס די רעגירונג האָט שוין פֿון לאַנג אויסגעלייזט. מחמת מיר האָבן נישט געוווּסט ווער עס זענען דעם נפֿטרס געזעצלעכע יורשים האָב איך אויפֿן קאָנווערט אָנגעשריבן זײַן נאָמען און אויך צוגעגעבן די ראשי־תיבֿות ז״ל. דאָס בריוול וואָס הלוי האָט מיר געהייסן אָפּקלאַפּן אויף דער שרײַב־מאַשין, מײַן ערשטן טאָג אין באַנק, ווען איך האָב נישט פֿאַרשטאַנען ברוך אַנאַרכינס חשבונות, איז געווען אַדרעסירט צו אַ.אַ איינעם אַ נפֿטר. לכּבֿוד אַ ד״ר יצחק ברנע ז״ל. די גאַס, דער נומער, די געגנט פֿון שטאָט. מיט דער צײַט האָב איך זיך אויסגעלערנט דעם נוסח פֿון אויסווייניק. מען האָט זיי אַלע געבעטן אַרײַנקומען צו אונדז בײַ דער ערשטער געלעגנהײַט אין שײַכות מיט אַ ווערטצעטל וואָס האָט זיך גערופֿן 3.¼ פּראָצענט מלווה מלחמה שנת תש״ח.

מיר זענען אַרײַן אין דער ברייטער גאַס ווו די געשעפֿטן זענען געווען, און אַ דאַך איבערן טראָטואַר האָט זיך געצויגן לענגאויס די בנינים. ס׳איז שוין נישט געווען ווײַט צו דער סטאַנציע אויף צו נעמען דעם אויטאָבוס אין שפּיטאָל אַרײַן. גאַנץ אָפֿט פֿלעגט אונדז אויסקומען גיין צו קליענטן רעדן וועגן בערזע־ענינים. איין מאָל בין איך מיטגעגאַנגען מיט הלוין אין אַ שטוב אַרײַן רעדן מיט אַ קליענט, וואָס האָט שוין געהאַלטן בײַם שטאַרבן, וועגן דעם מצבֿ פֿון זײַנע אַקציעס כּדי אויפֿצומונטערן אַ ביסל זײַן געמיט. ער איז געווען זייער אַ רײַכער מענטש. אינעם גרויסן סאַלאָן ווו אַ טייל פֿון דער משפּחה איז געווען פֿאַרזאַמלט האָט מען אַרײַנגעפֿירט דעם אַלטן טאַטן אויף אַ ליגבעטל מיט רעדלעך און איינער פֿון די זין, דער בכור, האָט

אויסגערופן פארן חולה די נעמען פון די געסט. דעם זקנס פנים איז געווען געל און איינגעזונקען. זיינע אויגן פארגלעזט. מען האט אונטערגעוואַרט ביז ער וועט קומען צו זיך און ווען ס'האט זיך דערהערט אַ קליינער קרעכץ, אַזאַ ווימפּער ווי אַ מענטש וואָס וויינט אין חלום האט דער זון זיך אַראָפּ־געבויגן צום חולה און מיטגעטיילט וואָס יענער האט געזאָגט. מען זאָל אים מוחל זיין וואָס עס קומט אים אויס אויפצונעמען אורחים אין אַזאַ מצב און ער האט אַלעמען געבעטן זיך מאַכן באַקוועם. מען האט זיך אויסגעזעצט אין די ווייכע פאָטעלן. דער סאַלאָן איז געווען רייך מעבלירט. יעדעס שטיק מעבל האט זיך געוואַרפן יחידיש אין די אויגן. דער פליגל פון גרויסן שוואַרצן קלאַוויר איז געשטאַנען אָפן. אויף אַ קופּערנעם שטענדער דערביי האט זיך ארויפגעטורעמט אַ דיק, וואַקסן ליכט מיט אַ געלן גלאַנץ. אַ טעפּעך מיט אַ יאַפּאַניש געמעל האט פאַרנומען אַ גאַנצע וואַנט. ס'האט זיך דאָרט אַנגעזען אַ ווייטער האָריזאָנט מיט אַ וואַלד און אַ ים. קעגן איבער, דורכן אָפענעם פענצטער, האט זיך אַנגעזען די רחבות פון גאָרטן וואָס האט זיך געצויגן משופּעדיק צו אַ וועלדל, און ווייטער אין האָריזאָנט, נידעריקער פאַר די שפּיצן פון די ביימער, האט זיך אַנגעזען דער ים. מען האט אַריינגעפירט אויף אַ טישל מיט רעדלעך עטלעכע גרויסע רייסטערס, אפשר אַ מעטער די ברייט און די לענג. דער בכור האט אויפגעעפנט אַ טאַוול מען זאָל זען די דיקע שיכט פון די בויגנס פּאַפּיר וואָס זענען געווען אַנגעצויגן אויף אַ שנורל פאַרבונדן מיט אַ שלייף, און ער האט דערציילט אַז דער טאַטע האט אַלע יאָרן פאַרשריבן מיט אַ קלאָרער האַנט די געשיכטע פון די אַקציעס וואָס ער האט געקויפט, דעם פּראָצענט וואָס זיי האָבן געצאָלט, די יערלעכע באַנוסן און רווחים. אפילו קראַנקערהייט, ביז די לעצטע טעג איז ער געזעסן עטלעכע שעה יעדן טאָג און געצייכנט די טאַבעלעס. און דער זון האט אויפגעהויבן דעם צעעפנטן רייסטער און זיך געדרייט מיט אים אויף רעכטס און אויף לינקס אַלע זאָלן זען די גלייכע ווירען, די רובריקן אונטערגעצייכנט מיט טינט פון פאַרשידענע קאָלירן, די קלאָרע ציפערן. דער זון האט גערימט דעם טאַטנס זכרון. ווען יענער איז געווען נאָך גאָר יונג, נאָך אין האַמבורג, האט ער שוין דאָרטן אַרויסגעוויזן גרויסע פעיקייטן צו מסחר. און ער איז טאַקע געוואָרן אַן עושר. היטלער האט אַלץ צוגערויבט. נאָענט פאַר דער מלחמה, איז דער טאַטע אַרויס פון דייטשלאַנד און געלאָפן מיט עטלעכע

בריליאַנטלעך איבער כינע ביז ער איז געקומען קיין ישראל און דאָ ווידער אָנגעזאַמלט עשירות. דער זון האָט אָוועקגעלייגט דעם רײַסטער און געזאָגט אַז נאָך אַ צענדליק אַזעלכע בענד אויסגעפּולט מיט ציפערן זענען געשטאַנען אינעם גלעזערנעם ספרים־שענקל אין טאַטנס אַרבעט־צימער, אָפּן פאַר יעדן איינעם וואָס וועט זיי וועלן שטודירן. אויפן טאָוול איז געווען פאַרצייכנט מיט גרויסע אותיות דער נאָמען: ווילי שטיינער־אַבני.

ווען ווילי שטיינער־אַבני איז געווען געזונט און ער פלעגט אַרײַנקומען אין באַנק אַרײַן, האָט ער זיך באַצויגן מיט דרך־ארץ צום מינדסטן פּקיד. אַ הויכער, אַ ביסל אונטערגעבויגן, גיכער אויס איידלקייט ווי הכנעה, פלעגט ער שווײַגן מיט אַ שמייכל. איין מאָל ווען הלוי איז געווען פאַרנומען האָט אבני זיך צוגעזעצט לעבן מיר פרעגן וואָס עס הערט זיך עפּעס נײַעס. כ'האָב זיך דערשפּירט זייער שטאָלץ מיט זײַן שאלה און אים געענטפערט וואָס איך האָב אַ טאָג פריער געלייענט אין דער צײַטונג, אַז מען רעדט וועגן שלום מיט די אַראַבער און די אַקציעס אין לאַנד וועלן זיך הייבן.

— צו שפּעט — איז געווען זײַן ענטפער און ער האָט נישט קלאָר געמאַכט וואָס מען האָט פאַרשפּעטיקט: דעם שלום אין לאַנד, דאָס יאָגעניש צו קויפן אַקציעס אויף דער בערזע, אָדער גאָרביידן צוזאַמען.

ווילי שטיינער־אַבני האָט זיך אָנגעהויבן איבערקערן פון איין זײַט אויף דער צווייטער. ס'האָט זיך אָנגעזען זײַנס אַ באַרוועסער פוס וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון אונטערן צודעק. די פּיזשאַמע האָט זיך אַרויפגערוקט ביז איבער דער ליטקע. ער האָט אונטערגעהויבן אַן אַקסל און געפירט זײַן קאָפּ זייער פּאַמעלעך זיך ארומצוקוקן איבערן סאַלאָן. זײַנע אויגן זענען פאַרבליבן פאַרגלעזט ווי פריער. מיט אַן אָנגעשפּאַלטן קול האָט ער געפרעגט:

— אַדון הלוי, וואָס הערט זיך עפּעס מיט מײַנע אַקציעס?

די פאַרזאַמלטע אין שטוב האָבן פרײַער אָפּגעאָטעמט. צוליב דעם האָט די משפחה גערופן הלוין ער זאָל אָנרעגן דעם טאַטן צו זאָגן אַ וואָרט און אים אַרויסציען פון ייאוש. ווײַל ער איז אָפּגעלעגן טעג און ס'איז אים מער גאָרנישט אָנגעגאַנגען. די דאָקטוירים האָבן געהויבן די הענט און געהייסן זיך פאַרלאָזן אויף גאָט. ער האָט באַדאַרפט רחמים, האָבן זיי געזאָגט. איצט האָט טאַקע אַן אָנזאָג פון אַ לעבן זיך אויפגעוועקט אין די פאַרנעפּלטע אויגן

און דער עלטערער זון האָט אַנגענומען הלוין בײַם אָרעם און אים צוגעפירט צום חולה ער זאָל אויסטוישן מיט אים אַ וואָרט. אויך ווער פון די אַנדערע פאַרזאַמלטע אין שטוב, אַ צוועלף־דרײַצן מענטשן, האָבן צוגעגעבן הלוין קוראַזש. אָבער הלוי האָט נישט באַדאַרפט מען זאָל אים מוטיקן. אַז עס איז געקומען צו רייד וועגן אַקציעס האָט ער אַליין אויך אויפגעלעבט. ער האָט זיך צוגעבויגן צום בעט און אַזוי ווי פריער דער עלטסטער זון, געזוכט עפּעס אַ פּלאַץ אויף אַרײַנצורעדן. ער האָט זיך פאַרהאַלטן לעבן אויער פון חולה און אַרײַנגערופן:

— טוב מאוד, טוב מאוד!

ווילי שטיינער־אַבני האָט אַ צאַפּל געטאָן, זײַן קאָפּ איז אַראָפּגעפאַלן צום קישן און ער איז געבליבן ליגן פאַרשטאַרט. הלוי איז געווען צופרידן. ער איז צוריק געגאַנגען צו זײַן פּלאַץ, זיך אַרײַנגעזעצט אין פאָטעל און אַ זופּ געטאָן פון טעפל קאַווע וואָס מען האָט אים פריער דערלאַנגט. ער האָט מיט די שפּיצן פינגער אַ וויש געטאָן אַרום די ליפּן טאָמער איז דאָרט פאַרבליבן אַ קרישקע פון קעזקוכן וואָס ער האָט טועם געווען און ער האָט זיך פאַרנויגט אַהער און אַהין אַפּדאַנקענדיק פאַר די פרײַנדלעכע בליקן. דער עלטערער זון האָט זיך דערנענטערט צום בעטל, געמאַכט נאָך אַ רגע אַ סימן אַז דער טאַטע האָט אײַנגעדרעמלט און מען האָט אים אַרויסגעפירט פון סאַלאָן. מען האָט אויך אַרויסגעשטופּט דאָס טישל אויף וועלכן די גרויסע רײַסטערס זענען געלעגן. מען האָט געטרונקען קאַווע, צוגעביסן קיכלעך, געטוישט פּלעצער, פאַרפירט שטילע שמועסן אין פאַרלעך און אין גרופּעס. מען האָט גערעדט וועגן אַ נסיעה קיין אויסלאַנד, אַ מיידל האָט איבערגעחזרט דעם נאָמען פון אַ האָטעל אין האַמבורג, דעם פּרײַז פון אַ קלייד, עמעצער האָט געגעבן אַנווײַזונגען ווי אַזוי צו באַקן אַ לעקעך, ביז דער עלטערער זון איז אַרײַנגעקומען און אָנגעזאָגט די בשורה אַז דער טאַטע איז ניפטר געוואָרן.

נאָך דער שבעה איז אָנגעקומען צו אונדז אַ בריוו פון דער משפּחה און אַ קאַפּיע איז געשיקט געוואָרן צו דער הויפּטצענטראַלע אין תל־אביב, אין וועלכן מען האָט געלויבט הלוין און אים געדאַנקט פאַרן וויזיט. אין בריוו האָט זיך געשריבן ווער דער פאָטער איז געווען. אַז ער האָט צונויפגעבראַכט שרידים פון דער פאַרצווײַגטער משפּחה קיין ישראל און זיי געגעבן אַ צוקונפט. אַז ער האָט געהאַט נחת פון קינדער, אייניקלעך, אוראייניקלעך

און עס איז זיי אַלע געווען אַ צער וואָס אין טיפֿן עלטער, נאָך אַ לאַנג לעבן פֿון גרויסע אויפֿטועכצן, זאָל ער דאַרפֿן זײַנע לעצטע טעג זײַן פֿאַרזונקען אין מעלאַנכאָליע און אויסגיין אין טרויער. אָבער הלוי איז געקומען, אויפֿגע־וועקט אין אים אַן אינטערעס צו דער בערזע, אים אַרויסגעצויגן פֿון דער מרה־שחורה און דאָס לעצטע וואָרט וואָס ווילי אבני־שטיינער האָט געהערט בעת ער האָט אויסגעהויכט זײַן נשמה און אַוועק אויפֿן עולם־האמת, איז געווען הלויס אויפֿרוף: טוב מאוד! טוב מאוד!

*

לעבן דער סטאַנציע, אונטער אַ בלעכן דעכל האָבן עטלעכע מענטשן געוואַרט אויפֿן זעלבן אויטאָבוס און מיר האָבן זיך אויך אַרונטערגעשטופּט ווײַל ס'האָט נאָך אַלץ גערעגנט. הלוי האָט אַראָפּגעשטעלט זײַן קיישל מיט דער הון און געזוכט עפּעס אַ דאָקומענט אין זײַן טעקע. ער האָט זיך צוגעבויגן און געזאָגט אַז מען וועט אַרײַנקומען אין שפּיטאָל אַרײַן וועט מען אָנשטעלן אַ פֿריילעך פּנים כּדי חיים ציפּורי זאָל נישט דערקענען אויף אונדז דעם אמת. שוין אַ לענגערע צײַט ווי מיר האָבן אונטערגעהאַנדלט מיט אים וועגן אינוועסטירן געלט אין קענאַרד בערנזאָנס פּאַפּירן. סאָלאָמיר האָט אים עטלעכע מאָל מיטבאַגלייט אין באַנק אַרײַן שמועסן מיט הלוין וועגן בערזע ענינים און אויך זײַן ווײַב, שושנה ציפּורי, איז געווען פֿאַראינטערעסירט איר מאַן זאָל עפּענען אַ קאָנטאָ און זיך אָפּגעוווינען פֿון זײַן טבע צו פֿאַרשטעקן געלט אין פֿאַרשידענע נאָרעס אין שטוב אָדער זיך אַרומטראָגן מיט דעם אויפֿן לײַב. פֿאַר די לעצטע יאָרן איז געוואָרן אַ סכּנה אַרומצוגיין מיט מזומנס צוליב די רויבערײַען אין סאַמע טאָגליכט וואָס האָבן זיך געמערט אין לאַנד און איטלעכעס מאָל ווען ער איז אַרויס פֿון שטוב איז איר אײַנגעפֿאַלן דאָס האַרץ טאָמער עס וועט זיך טרעפֿן מיט אים אַן אומגליק. דעם טאָג ווען ער איז מסכּים געווען ווערן אונדזער קליענט און ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט פֿון שטוב מיט מזומן געלט קויפֿן בײַ אונדז קב״א פּאַפּירן, איז ער, געשלאָגן מיט אַ פּלוצעמדיקער מחלה, געפֿאַלן אויפֿן וועג, פֿאַרבײַגייערס האָבן זיך מיט אים מטפּל געווען ביז מען האָט אים אַוועקגעפֿירט אין שפּיטאָל אַרײַן.

שושנה ציפּורי איז נאָך דעם אַרײַנגעפֿאַלן אַ צעחושטע צו אונדז אין באַנק

אַרײַן, אויספּרעגן און איבערגעבן פּרטים, און זיך אָן עצה האַלטן מיט הלוין. ווערדליק איר חשבון האָט חיים ציפּורי געהאַט בײַ זיך מזומן געלט אַ קײַלאַכדיקע סומע וואָס איז אַרײַן אין די זעקסער ציפּערן און ווען זי איז געקומען צו לויפן הענדעם־פּענדעם אין שפּיטאָל אַרײַן און מען האָט איר אָפּגעגעבן זײַן בינטל בגדים מיט די ווערטפולע זאַכן וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך; ס'האַנטזייגערל, צוויי רינגלעך, די גאָלדענע ספּינקעס און אויך די עטלעכע פּעקלעך באַנקנאָטן וואָס מען האָט געפונען אויף אים, האָט זי עס אויפן אָרט איבערגעציילט און ס'איז נישט דערגאַנגען אפילו צו אַ פערטל פון דער סומע וואָס ער האָט מיט זיך ארומגעטראָגן. וועמען צו פרעגן וועגן איבעריקן געלט איז נישט געווען. זי וואָלט חושד געווען אַז ווער אויפן וועג האָט עס בײַ אים אַרויסגעגנבהט, ווי דאָס האַרץ האָט איר פאַרויסגעזאָגט אַז אַזוי וועט אַ מאָל געשען, אָבער זי האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון מרעיש־עולם זײַן דאָרט אין שפּיטאָל צוליב זײַן טבע צו פאַרשטעקן געלט אין נאָרעס. פרעגן איר מאַן האָט זי נישט געקענט. געזונטערהייט האָט ער נישט אויס־געזאָגט דעם אמת און איצט האָט ער אויסגעזען אינגאַנצן אויס מענטש. זי האָט אים געטראָפן ליגן אויף אַ בעטל אין קאָרידאָר פון שפּיטאָל אָן אַ העמד, אינגאַנצן נאַקעט, מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיט אָן אָפן מויל און אָן לשון. קיין פענצטער איז דאָרט נישט געווען און דאָס עלעקטרישע לעמפּל האָט אין מיטן טאָג באַשײַנט זײַן געל פּנים און זײַנע פאַלשע ציין אויפן קאַמאָדל צוקאָפּנס דאָס בעט. פונדעסטוועגן האָט זי זיך נישט אײַנגעהאַלטן, געשריגן אין קאָרידאָר און אים אַרײַנגעפרעגט אין פּנים אַרײַן איין מאָל און נאָך אַ מאָל:

—ווו איז דאָס איבעריקע געלט?

שושנה ציפּורי האָט געהאַט אַ הייזעריקע שטימע וואָס האָט זיך ערטער־ווײַז געבערעקלט. ס'האָבן נישט געהאָלפן הלויס רמזים זי זאָל רעדן שטילער צוליב אַנדערע קליענטן אַרום אונדזערע טישן און אין גאַנצן זאָל. זי האָט איבערגעחזרט ווי אַזוי זי האָט דאָרט אין שפּיטאָל אַרײַנגעשריגן איר מאַן אין פּנים אַרײַן וועגן געלט. זי איז נישט אײַנגעזעסן רויִק אויף דער שטול, נישט אויסגעהערט תשובות און געזאָגט אַז זי וועט קיין מאָל נישט וועלן פאַרשטיין אַזאַ טבע, די טבע פון איר מאַן צו פאַרשטעקן געלט. פון זינט זי האָט אים דערקענט האָט ער געהאַט אַ תאווה צו געלט און געליטן פון

צופיל פאַנטאַזיעס. ער האָט באַהאַלטן געלט אין אַ נאַרע און ווען ער האָט עס אַרויסגענומען פון דאָרט נאָך אַ שטיקל צײַט, פאַנטאַזירט אַז ער האָט עס געפונען. זי וואָלט אים פאַרגינט די הנאה ווען נישט די סכנות אַז אַ פרעמדער וועט עס געפונען און עס צונעמען פאַר זיך. זי האָט דאָך געהאַט עפּעס אַ ביסל מענטשן אין איר הויז. נישט סתּם מענטשן נאָר זקנים. און פון תּמיד אָן איז דאָך באַוווּסט געוועזן אומעטום אויף דער וועלט וועגן דער טבע פון זקנים אַרומצופּאַדיען דאָ און דאָרט און זיך פּלאָנטערן אויף פּלעצער וווּ מען דאַרף זיי נישט צו האָבן. סאַלאָמיר גופא, באַלד נאָך דעם ווי ער איז געוואָרן שומר־לילה, האָט דערטאַפּט אַזאַ מין נאַרע מיט געלט. זי האָט שיעור נישט אָוועקגעחלשט ווען ער האָט עס איר אָפּגעגעבן. נאָך גוט וואָס ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן ערלעכער מאַן. אַן אַנדערער אויף זײַן פּלאַץ וואָלט דאָך געמאַכט אַ שוויַיג. זי האָט אים אָפּגעצאָלט פאַר זײַן ערלעכ־קייט, אים אָנפאַרטרויט איר סוד און געבעטן ער זאָל אויך אויף ווײַטער האַלטן אַן אויג אויף איר מאַן. זי האָט אים אַרומגעפירט איבערן הויז אָנווײַזן די באַהעלטעניש ווו איר מאַן האָט ליב געהאַט צו פאַרשטעקן געלט. אַוודאי האָט זי געוווּסט אַלע זײַנע נאַרעס אָבער זי האָט דאָס געלט נישט אָנגערירט טאָמער ער וועט זיך אויסזוכן אַ נײַ און אומבאַקאַנט פּלאַץ. אַזוי איז איר געווען לײַכטער צו האַלטן אַ חשבון און פירן אַ קאָנטראָל. פון מאָל צו מאָל האָט זי אַ קוק געטאָן אינעם אויסגעהוילטן פאַרצעלײַענעם הונט, אינעם טויבנשלאָק אין הויף אויפן בוים, גרין מיט שפּינוועבס. אומזיסט האָט זי אַלע יאָרן געבעטן בײַ אים ער זאָל גיין אין באַנק אַרײַן עפענען אַ קאָנטאָ און אויפהערן פאַנטאַזירן. איצט האָט דער שלימזל איר אָנגעיאָגט. זי האָט געזוכט אין דער היים ווען זי איז צוריק געקומען פון שפּיטאָל מיט זײַן פּעקל קליידער אָבער אָן הצלחה.

הלוי האָט איר געהייסן ווײַטער זוכן און אין עטלעכע טעג אַרום איז זי טאַקע געקומען אונדז אָנזאָגן אַז אין וואַנטזייגער האָט זיך אָפּגעפונען נאָך אַ פערטל פון דער סומע. דאָס האָט איר געגעבן קוראַזש, זי האָט פאַרשריבן איר מאַנס אַלע באַהאַלטענע פּלעצער און דורכגענישטערט דאָס הויז. זי האָט מיטגענומען די רשימה אין שפּיטאָל אַרײַן, אים אַ פרעג טאָן וועגן איבעריקן געלט. חיים ציפּורי איז שוין נישט געלעגן אין קאָרידאָר, מען האָט אים אַריבערגעפירט אין אַ קלענערן צימער מיט אַ פענצטער צום ים און

ער האָט זיך שוין אויך געשפּירט אַ ביסל בעסער אָבער דאָס לשון האָט ער נישט צוריק באַקומען. זי האָט געהאַלטן די רשימה פאַר זײַנע אויגן, געפירט זײַנס אַ פינגער אַראָפּ און אַרויף, און געהאַפּט אומזיסט ער זאָל זיך דערמאָנען אָדער אָנגעבן אַ סימן ווו ער האָט באַהאַלטן דאָס איבעריקע געלט. די רשימה האָט זי געבראַכט צו אונדז אין באַנק אַרײַן הלוי זאָל אים מבקר־חולה זײַן און דרך־אגב אַ פרעג טאָן וועגן געלט אפשר וועט ער עפּעס בײַ אים פועלן.

— ס׳וועט זיך לוינען — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ רמז אַז אויב הלוי וועט מצליח זײַן וועט זי פאַרן אָפּגעפונענעם געלט קויפן קענאַרד בערנזאַנס אַקציעס.

עטלעכע וואָכן איז די רשימה אָפּגעלעגן אויף הלויס טיש. אין דער פרי האָט מען זיך פאַרגענומען גיין דעם טאָג אין שפּיטאָל אַרײַן, פאַרנאַכט נאָך דער אַרבעט האָט מען אָפּגעלייגט דעם וויזיט אויף מאָרגן. שושנה ציפּורי האָט אים פון מאָל צו מאָל אונטערגעיאָגט דורכן טעלעפאָן, מורה האָבנדיק אַז מען וועט דאָס געלט אַרויסגנבֿעגען אויב מען וועט וואַרטן צו לאַנג, אָדער עפּעס ערגערס וועט געשען מיט איר מאַן, ער וועט פאַרלירן זײַן זכרון. ער האָט זיך שוין געשפּירט אַ סך בעסער. געגאַנגען שטײַף און געשלעפּט אַ פוס. אַ הויקערל אויף זײַן אַקסל האָט זיך אויסגעגלײַכט, האָט שושנה ציפּורי דערציילט. אָבער מיטן לשון וואָס ער האָט צוריק באַקומען איז נישט געווען צו פריילעך. ער האָט געשטאַמלט און גערעדט נישט צו דער זאַך. אַז עס איז געקומען צום איבעריקן געלט האָט ער געשוויגן ווי פריער.

דער רעגן האָט געקלאַפּט אויפן בלעכענעם דעכל אונטערן וועלכן מיר האָבן געוואַרט אויפן אויטאָבוס. דער ווינט האָט אַרונטערגעיאָגט דעם רעגן אויך אונטערן דאַך און מיר האָבן זיך צונויפגעדרוקט ענגער כדי נישט צו ווערן באַנעצט. הלוי האָט געזוכט אין זײַן טעקע שושנה ציפּוריס רשימה. איך האָב צוגעהאַלטן פאַר אים די פאַפּירן וואָס ער האָט פון דאָרט אַרויס־גענומען; בריוו און אַנדערע דאָקומענטן. ער האָט אויך אין זײַנע קעשענעס די רשימה נישט געפונען און גערעכנט אַז זי איז על פּי טעות פאַרבליבן אין באַנק. מיר וואָלטן געקענט צונויפשטעלן אַ נײַע, פאַרנדיק אין אויטאָבוס, מחמת מער ווי איין מאָל איז אונדז אויסגעקומען זיך פאַרקוקן אַ רגע אויפן

בויגן פּאַפּיר און ס'האָט זיך הלוין פֿאַרגעדענקט, אויך מיר, עטלעכע פּלעצער ווו חיים ציפּורי האָט געהאַט אַ טבע צו פֿאַרשטעקן געלט.

— דער צעבראָכענער נאַפֿטלאָמפּ.

— דאָס קעסטל פֿון נאַפֿטאַלין.

— דער העגנגלײַכטער אין שפּײַכלער.

הלוי האָט זיי אויסגערופֿן. איך האָב אויך צוגעגעבן:

— דער אַלטער שטעקשוך.

— די זילבערנע ירושה־פּושקע.

צו דער פֿולער רשימה איז עס נישט געקומען. צוויי זײַטן מיט נעמען זענען געווען דאָרט פֿאַרשריבן. שושנה ציפּורי האָט זיך אַפֿילו באַרימט, ווען הלוי האָט זיך געחידושט אויף דער גרויסער צאָל פּלעצער, אַז איר הויז קען נישט פֿאַרגליכן ווערן צו עפּעס אַן אָרעמאַנסקע שטיבל, בײַ איר איז געווען ווו צו באַהאַלטן געלט. באַלד ווי מיר זענען אַרויס פֿון אונטערן דעכל איז אַנגעפֿאָרן דער אויטאָבוס אָבער מיר האָבן זיך געלאָזט צוריק אין באַנק אַרײַן נאָך דער רשימה.

אויפֿן ראָג גאַס אונטערן דאַך, האָט אונדז אָפּגעשטעלט דער גערטנער פֿון מושב־זקנים. ער האָט געהייסן פּאָול וועגער און ער האָט זיך געפֿרעגט אויב ווער פֿון אונדז וואָלט געקענט קריגן בײַ וועמען אַ פּאָר אָפּגענוצטע שיך פֿאַר אים ווײַל די וועלכע ער האָט געטראָגן, די איינציקע וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט, זענען אינגאַנצן צעשעדיקט געוואָרן אַרבעטנדיק בײַ די ציפּוריס אין גאָרטן אין די לעצטע רעגנדיקע טעג. ער האָט אויפֿגעהויבן אַ פֿוס נאָך אַ פֿוס מיר זאָלן זען ווי צעווייקט זיי זענען און אויך זײַנע זאָקן זענען געווען דורכגענעצט ער האָט געבעטן סאָלאָמירן נאָר יענער האָט זיך עפּעס נישט געאײַלט. הלוי האָט באַקוקט נישט בלויז די שיך נאָר אויך דעם גאַנצן וועגערן. זײַן אַלט און אײַנגעדאַרט פּנים מיט אַ שווערער נאָז אַנגערויטלט אויף דער גאַנצער לענג און בעת ער האָט גערעדט האָט זיך באַוויזן פֿון מאָל צו מאָל און צוריק פֿאַרשווונדן געוואָרן אַן איינציקער צאָן אין זײַן מויל. זײַן לשון איז געווען דײַטש מיט אַ צונויפֿמיש פֿון ענגלישע ווערטער ווײַל העברעיש האָט ער זיך נישט אויסגעלערנט. ער האָט געשטאַמט פֿון פֿראַנקפֿורט און דאָרט געענדיקט אַ דאָקטאָראַט אויף כעמיע. דאָס אַלץ האָבן מיר שוין געוווסט וועגן אים. סאָלאָמיר האָט אונדז אויך דערציילט

אַז פּאָר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז וועגערן געלונגען צו אַנטלויפן פון דײַטשלאַנד און ער איז מגולגל געוואָרן אַזש אין אויסטראַליע. פון דאָרט איז ער געקומען, ווען ס'איז אויפגעקומען די יידישע מדינה, זײַן אַ חלוץ אין אַ קיבוץ. ער האָט זיך דאָרט אויסגעקריגט מיט אַלעמען, אין משך פון אַ קורצער צײַט, און צוריק געפאָרן קיין דײַטשלאַנד לעבן פון דער פּענסיע און די פאַרגיטיקונג־געלטער. ווען ער האָט געהערט אַז דאָס לעבנס־מיטל איז ביליקער אין ישראל איז ער צוריק געקומען, געדונגען אַ צימערל אין דער געגנט פון די אָרעמע הײַזער, און געוואָרן אַ גערטנער בײַ די ציפּוריס אין מושב־זקנים. שושנה ציפּורי האָט זיך אין אַנהויב געקרומט און נישט געוואָלט האָבן בײַ זיך אַ דאָקטאָר, אַ גערטנער, אָבער סאָלאָמיר האָט זיך אַרײַנגעמישט און איר צוגערעדט זי זאָל לאָזן וועגערן זיך אַרומדרייען מיט אַ גראָבליע אין איר גאָרטן.

ווען סאָלאָמיר האָט אים געבראַכט צו אונדז אין באַנק אַרײַן הלוי זאָל אַ שמועס טאָן מיט אים מכוח אינוועסטירן געלט אין קענאַרד בערנזאָנס פּאַפּירן, האָט ער דערציילט אַז וועגער האָט געלעבט גאַנץ אָפּגעזונדערט און קיין מאָל נישט חתונה געהאַט. דאָ אין לאַנד האָט זיך אָפּגעפונען עפּעס אַ ווײַטער קרוב וואָס אפשר זיבן טויטע האָבן געקייקלט צווישן זיי די קרובהשאַפט. וועגער האָט איבערגעוויזן צו אונדז זײַן געלט וואָס ער האָט געהאַלטן אין אַ דײַטשע באַנק, ער האָט געעפנט אַ קאָנטאָ אויף מאַרקן אָבער אַקציעס האָט ער זיך אָפּגעזאָגט קויפן.

וועגער האָט צוגעמאָסטן זײַן שיך צו מײַנעם מיר זאָלן זען די מאָס. ער האָט געהאַט עפּעס אַזעלכע גרויסע פיס. אויך מיט הלוין האָט ער זיך געמאָסטן. הלוין האָט פאַרדראָסן אויף וועגערן הלמאי ער האָט זיך אײַנגע־עקשנט און נישט געוואָלט קויפן קב"א פּאַפּירן. בלויז פון די רווחים וואָס קענאַרד בערנזאָנס אַקציעס וואָלטן אים אַרײַנגעבראַכט וואָלט ער זיך געלעבט ווי אַ גראַף און ער וואָלט נישט באַדאַרפט בעטלען אַ פּאָר אָפּגענוצטע שיך. ער וואָלט זיך געקויפט אַ פּאָר נײַע. אַ גאַנצן טוץ. אויך אַן אמתן ווינטער־מאַנטל און נישט אַרומגיין אין אַן אָפּגעריבענעם זעלנערשן שינעל. ער וואָלט זיך אויך פאַרגינט אַרײַנשטעלן אַ צאָן אין מויל מען זאָל פאַרשטיין וואָס ער רעדט.

— ער האָט דאָך געלט — האָט ער צוגעגעבן.

אויך ווען מיר האָבן שוין געהאַט איבערגעלאָזט וועגערן הינטער זיך האָט הלוי זיך נאָך אַלץ נישט באַרואיקט. אַזאַ איינעם האָט קענאַרד בערנזאָן געמיינט ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט אין זײַן בוך דעם געדאַנק אַז אָרעמע לײַט האָבן נישט די אַמביציע צו ווערן רײַך. מענטשן האָבן זיך נאָך נישט אויסגעלערנט ליב האָבן געלט אויף אַ ריכטיקן שטייגער. די ריכטיקע ליבע צו געלט איז נאָך נישט באַשאַפן געוואָרן, אויף דעם האָט קענאַרד בערנזאָן זיך געקלאָגט אין זײַנע שריפטן.

ס'איז מיר אײַנגעפאַלן אַז סאָלאָמיר האָט איבערגעטריבן מיט זײַנע מעשיות וועגן וועגערן אַז אויף זיך אַליין קאַרגט ער אויסגעבן אַ פרוטה און ער קען נישט אַרויסלאָזן קיין מאַרק פון האַנט. שוין עטלעכע מאָל האָט וועגער געהייסן אין באַנק וועקסלען מאַרקן פון זײַן חשבון און אויסשרײַבן טשעקן אויף גרויסע סומעס פאַר נויטבאַדערפטיקע אינסטיטוציעס.

— ער איז קאַרג און וויל נישט ווערן רײַך — האָט הלוי געזאָגט ווען מיר זענען אַריבער אַ גאַס. אַן אויטאָ האָט זיך פאַרבײַגעיאָגט און געשפּריצט מיט בלאָטיק וואַסער ביזן טראָטואַר. פריער האָבן אונדז די לאָמפּן אַ בלענד געטאָן אין די אויגן. נישט מיט חידוש האָט עס הלוי געזאָגט נאָר ווי צו פאַרצייכענען אין געדאַנק ער זאָל אַ בלעטער טאָן אין קענאַרד בערנזאָנס שריפטן. אויף אַזאַ פאַל האָט ער זיך דאָרטן ביז איצט נישט אָנגעטראָפן.

— מע וועט אים שאַפן אַ פּאָר שיך — האָט הלוי ממשיך געווען, מרמז זײַענדיק אַז סאָלאָמיר אָדער איך זאָל זיך נאָכפרעגן בײַ אַ באַקאַנטן וואָס טראָגט גרויסע שיך. בעסער וואָלט געווען אַ פּאָר גומענע שטיוול אַזעלכע וואָס מען טראָגט אין די דערפער און אין די קיבוצים. איך האָב דאָך געלעבט אַ מאָל אין אַ קיבוץ, אפשר איז מיר פאַרבליבן אַ ידיד וואָס קען פאַראיבעריקן אַזאַ מתנה.

— און דער דאָקטאָר וועט קויפן קב"א אַקציעס — האָט ער צוגעגעבן ווען מיר זענען שוין געשטאַנען לעבן דער באַנק און געריבן בײַ דער טיר אונדזערע שיך אויף דער ראָגאָזשע.

אינעווייניק איז נאָך געווען ליכטיק. ס'האָט אַ שלאָג געטאָן דער ריח פון פאַרלעגן פּאַפּיר. די עוזרת האָט אַריבערגעקוקט צו אונדז מיט חשד, געפּאַכעט מיט אַ האַנט און באַפוילן מיר זאָלן אַרויסגיין. די באַנק האָט זיך שוין פון לאַנג געשלאָסן און נישט אויפגענומען קיין קהל.

— גבּרת רחל! גבֿרת רחל! — האָט הלוי גערופֿן זי זאָל זיך נישט שרעקן און אונדז דערקענען. רחל אוחנה האָט זיך צוגעאײַלט צו אונדז, געבליבן שטיין אַ צעשטרײַטע לעבן הלוין, אָנגעלענט אָן אַ קאַנט פֿון טיש דעם שטעקן מיטן גומענעם ווישער און מיט אויפֿגעהויבענע הענט, צעעפֿנט ווי צום בענטשן, איז זי צוגעפֿאַלן צו זײַן ברוסט און זיך צעלאַכט. זי איז געווען נידעריק מיט אַ סך לײַב אויף זיך און הלוי האָט גערעדט צו איר פּאַמעלעך ווי צו אַ קינד.

— און געלט האָסטו אָפּגעשפּאָרט הײַנטיקן חודש?

רחל האָט זיך אַראָפּגעבויגן, אַרײַנגעשטופּט איין אַ זאַק איר האַנט, טיף ביזן עלנבויגן, און אַרויסגעצויגן פֿון דאָרטן באַנקנאָטן איינעם נאָכן אַנדערן טייל פֿאַרוויקלט אין רעדלעך אָבער צוגעפּלאַטשיקט אָן אַ חלל. אויך פֿון איר בוזעם האָט זי אַרויסגענומען אַ ביסל פּאַפּירן געלט. זי האָט נישט געוואָלט עס זאָל בלײַבן בײַ איר איבער נאַכט, טאָמער וועט איר זון, דער ליידיקגייער, עס צונעמען.

— קח את הכסף — האָט זי איבערגעחזרט איין מאָל און נאָך אַ מאָל און געשטופּט בכוח די לירות הלוין אין די הענט אַרײַן. כ׳האָב אויסגעטאָן דעם מאַנטל, אַראָפּגענומען די צוויי שטולן וואָס זענען געשטאַנען אויף מײַן טיש איבערגעקערט מיט די פֿיס אין דער הייך, און געמאַכט פּלאַץ אויף אויסצו־שרײַבן די קבלה פֿאַרן געלט.

הלוי האָט איר אויסגעלערנט שפּאָרן געלט אויף צו קויפֿן קענאַרד בערנזאָנס פּאַפּירן. ווען ער האָט זי איין מאָל צוגערופֿן און געפֿרעגט אויב זי האָט חשק צו ווערן רײַך, האָט זי זיך צעוויינט, ווי הלוי וואָלט מיט זײַן שאלה אָנגערירט אָן אַלטע ווונד. פֿאַר איין וועגס האָט זי שוין אויך געוויינט אויף די אַנדערע צרות אין איר לעבן. אַ זון אין תּפֿיסה, אַ טאָכטער אָן שׂכל. איר מאַן, משה, האָט זיך נאָך אַלץ אַרומגעשלעפּט איבער הייף און הײַזער. זאַמלט שמאַטעס און ווערט בלינד. הלוי האָט איר פֿאַרוועגט וויינען. ער האָט איר דערלאַנגט זײַן טיכל זי זאָל האָבן מיט וואָס אָפּצווישן די טרערן און זיך האַלטן שטאַרק. קיינער האָט זי נישט געלאָזט וויינען. נישט אין באַנק, נישט אין דער היים, אין ערגעץ נישט. אויף דער לוויה פֿון איר עלטער־באָבע האָט זי געוויינט פּראַנק און פֿרײַ. נאָך דאָרט אין מאַראָקאָ,

האָט מען געזאָגט אַז זי איז שוין אַלט אפשר הונדערט יאָר. ווען זי איז יאָרן שפּעטער געשטאָרבן האָט רחל אוחנה זיך אויסגעוויינט אומגעשטערט. דעמאָלט האָט זי איַינגעזען אַז אויב וויינען איז אויפן בית־עולם, דאָרט וועט מען זיך אויף איר נישט בייזערן. זי האָט אָנגעהויבן גיין אויף לוויות. אויך זי האָט געהאַט אַ נוצן פון דעם וואָס אַלטע לײַט פון איבערן גאַנצן לאַנד און אויך פון חוץ־לארץ זענען געקומען לעבן אין אונדזער שטאָט מען איז געשטאָרבן יעדן טאָג. לוויות האָבן איר נישט געפעלט. די צרה איז געווען וואָס זי האָט נישט געקענט לייענען די אָנגעקלעפּטע מודעות אויף ווענט, בודקעס, אויף ביימער אין די גאַסן. די מודעות האָט זי דערקענט לויטן שוואַרצן רעמל אָבער ווער עס איז געשטאָרבן, ווען איז די לוויה און אויף וועלכן פּלאַץ מען דאַרף וואַרטן, האָט זי נישט פאַרשטאַנען דאָס געשריפט. און "אגד" האָט דאָך צוגעשטעלט צו יעדער לוויה אַן אויטאָבוס מיט אַ פרײַען פאָר הין און צוריק. זי האָט באַדאַרפט אָפּשטעלן אַ פאַרבײַ־גייער אים פרעגן וואָס דאָרט איז געשריבן און נישט אַלע מאָל איז דער ענטפער געווען ריכטיק. זי האָט זיך אויך אַ ביסל געשעמט צו פרעגן.

איך האָב אַרײַנגעשטעקט די פעדער רחלהן אין דער האַנט אַרײַן זי זאָל זיך אונטערשרײַבן אויף דער קבלה. זי האָט געחתמהט איר פולן נאָמען. הלוי האָט זיך צוגעבויגן און איבערגעלייענט:

— רחל אוחנה — גרויסע פּירקאַנטיקע אותיות איינער נאָכן אַנדערן. ער האָט גענומען דאָס פּאַפּירל, אַרויפגעשטעלט אַ פוס אויף אַ שטול, פאַרגעסן נאָך וואָס מיר זענען צוריק געקומען אַהער, און ער האָט אָנגעהויבן אויס־רעכענען אירע שבחים. ווי אַזוי די באַנק האָט זי געשיקט אין אַן אולפּן, אַז זי איז דאָרטן אָפּגעגאַנגען אַ יאָר צײַט און אפשר לענגער אָבער אויסלערנען זיך פאַרצייכענען אַן אות האָט זי זיך נישט אויסגעלערנט. ערשט ווען רחל אוחנה האָט באַדאַרפט דאָס העברעישע לשון צוליב לוויות זי זאָל זיך קענען אויסוויינען איר האַרץ אומגעצוימט און אומבאַגרענעצט האָט זי זיך אויסגע־לערנט שרײַבן און לייענען די העברעישע אותיות. נאָך דעם ווי רחל אוחנה האָט זיך אויסגעלערנט איבערלייענען אַ צוגעקלעפּטן פּלאַקאַט מיט אַ שוואַרץ רעמל האָט זי שוין אויך נישט מורא געהאַט צו ווערן רײַך און יעדן חודש האָט זי אַראָפּגענומען עפּעס פון איר פאַרדינסט און עס צוגעטראָגן הלוין מיט אַ היימיש געלעכטער.

הלוי האָט געפונען די רשימה אין טישקעסטל. ער האָט איבערגעוויקלט די הון אין אַלטע צײַטונגען פון דער בערזע אין תל־אביב, ווײַל דעם קצבס פּאַפּיר איז נאָס געוואָרן אויפן וועג, און מיר זענען אַרויס פון באַנק צו פֿאָרן אין שפּיטאָל אַרײַן.

פרק ב

אין שפּיטאָל

אין אויטאָבוס האָבן מיר געטראָפן שמואל סאָלאָמירן. נאָך אַן אויסטויש פון עטלעכע ווערטער זענען מיר אַראָפּ צו די לעצטע פּלעצער.

— ווער איז די דאַמע לעבן אים ? — האָט הלוי געפרעגט.

כ׳האָב אויסגעטאָן דעם מאַנטל און זיך אַנידערגעזעצט לעבן פענצטער.

— דבורה מישורי. פון אַ קיבוץ.

— זי האָט געלט ?

סאָלאָמיר איז געקומען אין באַנק אַריַין רעדן וועגן דבורה מישורי, נאָר הלוי איז געווען פאַרנומען און ער האָט אים אָפּגעשיקט צו מיר. הערנדיק אַז איך האָב אויך אַ מאָל געלעבט אין אַ קיבוץ האָט ער מיך געשענקט זיַין וויזיט־קאַרטל, איך זאָל אים קומען זען און פאַר איין וועגס כאַפּן אַ בליק אויף זיַין מוזיי.

ווען איך בין געקומען איז ער געשלאָפן אין אַ שטיינערנער טרוגע פון די רוימישע ציַיטן, וואָס איז געשטאַנען אין הויף, הינטער זיַין צריף. די טיר צום צריף איז געווען פאַרלייגט מיט אַ פּרעגט. דאָס צינגל פון שלאָס האָט געשטעקט אין דרויסן. אַלע פענצטער זענען געווען פאַרשטעלט מיט טאָוולען פון גרויסע צעעפנטע קאַרטאָנען. דורך אַן אָפּגעדעקטן ווינקל פון אַ שויב האָט זיך אָנגעזען אויף דער פּאָדלאָגע אַ בערגל ביכער אויסגעמישט מיט אַנטועכץ. אין דרויסן האָבן זיך געוואַלגערט אַלטע שטיינער, צעבראָכענע פיגורן, טעפּ, שטיקער זיַילן, צוויי טרעפּ פון מירמלשטיין, אַנגעשפּאַלטענע קרוגן פון ליים. אַ נידעריקע טיר, אויבן האַלב־רונדיק, די ברעטער באַשלאָגן מיט פרעגטן און פאַרזשאַווערטע שרויפן, איז געשטאַנען אָנגעלענט אין אַ בוים. דער נאָמען שיינע־רחל איז געווען דאָרטן אויסגעקריַצט מיט גרויסע

אותיות. אַ צווײַג פון בוים האָט אונטערגעהויבן דעם בלעכענעם דאַך פון גאַניק. אַ געזעמל מצבות האָבן זיך אָנגעלענט אײנע אין דער אַנדערער. אויף אײן מצבה זענען געווען אויסגעקריצט הענט פון אַ כהן. דער הויף איז געווען באַוואַקסטן מיט ווילדגראָז.

שמואל סאַלאַמיר האָט דאָס אַלץ געבראַכט פון צפת. ס׳איז נישט געווען קײן אַרײַנפאָר אַהער און מען האָט אָפּגעלײגט די צוויי גרויסע לאַסטאויטאָס מיט שטײנער אויף דער גאַס, אַ צוויי הונדערט מעטער פון הויף. דער נאַפּט־פּאַרטײלער, נאַדל דער בעל־עגלה, האָט אויסגעבאַרגט אַחמעד נעאַראַנין אויף צו שלעפּן די שטײנער. נאַדל איז געווען סאַלאַמירס שכן, זײערע הײף האָבן זיך געגרענעצט. נעאַראַני האָט אויסגעזוכט אַ גלאַטיקע בלעך, אויסגע־האַקט אין אײן זײַט צוויי לעכער, דורכגעצויגן אַ גראָבן שטריק, זיך אײַנגע־שפּאַנט און געשלעפּט. ביז דער זומער איז אַוועק און דער ווינטער איז געקומען האָט ער אָפּגערײניקט די גאַס. סאַלאַמיר האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן נאַדלען מעקלגעלט און נעאַראַנין פאַר דער אַרבעט. ער איז געקומען צו אונדז בעטן אַ הלוואה. מיטן געלט פון דער הלוואה האָט ער געקויפט די קב״א־אַקציעס און זיי בײדן האָט ער לויט הלויס עצה באַצאָלט מיט אָפּגעלײגטע טשעקן. הלוי האָט אים דערקלערט, אַז ביז די ערשטע צאָלונגען װעלן זיך אָנהויבן, וועט דאָס געלט פון דער הלוואה דערווײַל אַרבעטן, די אַקציעס וועלן זיך הײבן, דער חוב וועט זײַן אָפּגעצאָלט און סאַלאַמיר וועט בלײַבן מיט אַ גרעסערן קרן ווי פריער.

סאַלאַמיר האָט געלויבט אונדזער באַנק פאַר דער עצה. קום און זע, האָט ער מיר אײן מאָל געזאָגט, באַגלײטנדיק דעם חשבון מיט אַן אַלטן ניגון: די שטײנער זענען אײַנגעזאַמלט אין הויף, יעקב נאַדל דער בעל־עגלה האָט צום עסק נישט דערלײגט, אַחמעד נעאַראַני וועט ווערן אַ בעל־בית פון אַקציעס, ער אַלײן, סאַלאַמיר, איז שוין געוואָרן אַן אַקציאָנער און דאָס אַלץ אָן אַרײַנצולײגן אײן אָפּגעריבענעם גראָש אין געשעפט. ער האָט געזען אין דעם אַן אויסדרוק פון מאָדערנע צײַטן. אַ פרײַערע וועלט. אַ מאָדערן לאַנד. אַמאָליקע דורות האָט מען וועגן דעם נישט געוווּסט. געקליבן אַ פעניג צו אַ פעניג און אָפּגעפינצטערט די יאָרן. ער וואָלט שוין געקענט פאַרקויפן די פּאַפּירלעך, אָפּצאָלן די חובות און אַרויס מיט רווח, נאָר עס זענען אים אַ שאָד געווען די פּאַרדינסטן אין דער צוקונפט.

אויפֿן וועג צו סאַלאָמירן איז מיר אַרויס פֿון זינען אַז ער איז אויפֿגעוואַקסן אין די נעכט און געשלאָפֿן אין די פֿרימאָרגנס. ער איז געלעגן אין אַ באַבלימטן שלאָפֿראָק, צוגעדעקט ביזן בויך מיט עטלעכע גרויע, שאַרסטקע קאַצן. די וואַרעמע זון האָט פֿון קילן ווינטער־טאָג געמאַכט אַן אָנהייב פֿרילינג. די שייַן איז אַרייַנגעפֿאַלן קאָסע אין געלעגער מיט אַ שאַרפֿן גרענעץ צווישן ליכט און שאָטן. זייַן פּנים איז געווען גלאַטיק ראַזירט. זינט ער האָט זיך געטראָפֿן מיט דבורה מישורין האָט ער געלייגט אַכט אויף זייַן אויסזען. באַקענט מיט איר האָט ער זיך אויף דער נסיעה מיט די פּענסיאָנערן, בעת מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אין קיבוץ עסן מיטאָג. ס׳איז אים געפֿעלן געוואָרן דער אופֿן ווי אַזוי זי האָט מיט אַ סערוועטקע אָפּגעווישט אַ שטיקל פֿלאָץ לעבן איר טעלער, זייַן וויזיט־קאַרטל וואָס זי האָט דאָרט אַנידערגעלייגט זאָל זיך נישט אייַנשמוצן און זי האָט געלייענט, דער טיש זאָל הערן, זייַן פֿולן נאָמען: ״דאָקטאָר שמואל־בער סאַלאָמיר״.

ער האָט אונטערגעזאָגט פּרטים: שטודירט אין בערלין. באַזוכט אין יענע צייַטן מוזייען און קונסט־גאַלעריעס. ער האָט פֿאַרבעטן דבורה מישורין קומען זען זייַן אייגענעם מוזיי. דבורה האָט געהאַט חשק צו שפּאַצירן אַ מאָל אין אַ שיינער גאַלעריע פֿון בילדער. ס׳לעבן איז נישט געווען צו פֿריילעך. זינט איר מאַן איז געשטאָרבן איז די שטוב געוואָרן פּוסט. דרייַ טעג אין דער וואָך האָט זי געאַרבעט אין קיך, דרייַ טעג — אין דער ביבליאָטעק. ס׳איז געווען אומעטיק אויף ביידע פּלעצער. בייַ די קעסלען און בייַ די ביכער. ס׳האָט זי נישט פֿאַרדראָסן אויפֿן טאָג וואָס איז אָוועק און זי האָט מער נישט געבענקט נאָכן מאָרגן. ווען זי איז אַרייַן אין חדר־האוכל און באַמערקט אַ נייַ פּנים אין אַ פֿראַסטן וואָכנטאָג האָט עס זי אַ צי געטאָן צום טיש.

נאָכן עסן האָט זי געוויזן סאַלאָמירן די ווירטשאַפֿט. דער אַרייַנפֿאָר אין הויף איז סאַלאָמירן גאָר געפֿעלן געוואָרן, פֿעלדער פֿאַרן אויג. קי אויף דער פּאַשע. סעדער לענגאויס דעם שאָסיי. דער שיינער חדר־האוכל האָט אים אַ ביסל אַנטוישט. אויב ער האָט אַ מאָל געכאָוועט דעם געדאַנק וועגן פֿאַרלאָזן די שטאָט מיט איר געטומל און גיין זוכן אין קיבוץ די פֿרייד פֿון האַרע־פּאַשנעם לעבן, האָט די רייַכקייט אין חדר־האוכל אים אויסגעזען פֿרעמד. אויפֿגעריסן די אויגן. ער האָט זיך געשפּירט אָפּגענאַרט. דאָס עשירות האָט נישט געשטימט מיט זייַן באַגריף וועגן דעם לעבן פֿון אַ חלוץ. כאָטש די

מאַלערײַען אויף די ווענט זענען אים יאָ געפעלן געוואָרן. אויך דאָס מיידל וואָס האָט געשטופּט אַ קעסל מיט הייסער זופּ. ער האָט זיך פאַרקוקט אויפן לאַנגן צאָפּ וואָס האָט זיך געלאַשטשעט צום האַלדז און דער עק האָט זיך געוויקלט אין אַ לאָק אויף איר ברוסט. פאַר דבורה מישורין האָט ער עטלעכע מאָל געצויגן זײַן שײנעם קאַפּעליוש מיט די פעדערן.

דערווײַלע האָבן די פּענסיאָנערן זיך שוין אַרויסגעלאָזט פון דעם קליינעם בית־המדרש, ווו זיי האָבן געגעסן אַ כשרן מיטאָג. אויך סאַלאָמיר איז אין אָנהייב אַרײַן אַהין מיט זיי צוזאַמען, נאָר ער האָט זיך דערשפּירט שלעכט צווישן אַזוי פיל זקנים. ס'האָט אים פאַרפעלט אָטעם, איז ער אַרויס פון דער אָרעמער געבײַדע און אַרײַן אין שיינעם חדר־האוכל. דער גערודער פון די יונגע מענטשן, דער געקלאַנג פון די כלים, די הייסע קאַרטאָפל, פריש און אָפּגעשיילט. דבורה מישורי, ס'האָט אים אויפגעפרישט און געגעבן חשק צום לעבן. די פּענסיאָנערן האָט ער באַגלייט אין שליחות פון אַ באַנק, אויסגעפינען ווער פון זיי ס'האָט ליגן באַהאַלטן געלט. די באַנק האָט זיך געניטיקט אין קליענטן. ער אַליין האָט זיך געניטיקט אין ייִדישע ביכער. דבורה מישורי האָט צוגעזאָגט אײַנשאַפן פולע פּאַליצעס מיט יידישע ביכער. בחינם. קיבוצים, האָט זי געהערט, האָבן אָנגעהויבן אַרויסוואַרפן ווענט מיט ייִדישע ביכער. זי אַליין האָט אַרויסגעוואָרפן ייִדישע ביכער פון ביבליאָטעק. ס'איז נישט געווען ווער עס זאָל זיי לייענען און זיי האָבן סתם פאַרנומען פּלאַץ. דבורה מישורי איז מקנא געווען סאַלאָמירן: פילפאַכיקע מעשים, אַ קאַלירפול לעבן:

— ביכער, בענק, בילדער.

— נו, איך בין דאָך אַן אומרויִקע נשמה, — האָט סאַלאָמיר זיך פאַרענט־פערט און צוגעזאָגט קומען אַ צווייט מאָל, אָן די פּענסיאָנערן.

ווען ער האָט געהערט אַז דבורה איז צוויי מאָל אַ וואָך געפאָרן אין שטאָט אַרײַן שפּילן אין קאָרטן האָט ער אויסגעפונען דעם אַדרעס און זי אָפּגעוואַרט פאַרן הויז. אויב קאָרטן — איז פאַראַן געלט, האָט ער גערעכנט. אַרום צוועלף בײַ נאַכט, ווען זי האָט זיך באַוויזן אין דרויסן אַ פאַרפלאָמטע פון קאָרטן־שפּילן און זיך געאײַלט צו כאַפּן דעם לעצטן אויטאָבוס, האָט ער געוואָלט זי זאָל איבערנעכטיקן בײַ אים אין שטוב, נאָר דבורה האָט די נאַכט פאַר־שפּילט געלט און נישט געהאַט קיין געדולד פאַר ליבע. זיי האָבן אָפּגעמאַכט

צווישן זיך אַז זי וועט קומען צו אים פֿאַר די קאַרטן. ווען זי האָט איין מאָל אײַנגעדרעמלט אין זײַן בעט האָט ער געעפֿנט איר בײַטל און געפֿונען דאָס באַנקביכל.

— אַ סך געלט? — האָט הלוי געפֿרעגט.

— זי און איר פֿאַרשטאָרבענער מאַן האָבן געוווּנען דעם ערשטען פּריז אויף דער לאָטעריע.

דער אויטאָבוס האָט זיך אָנגעפּראַפּט. מענטשן זענען געשטאַנען ביזן לעצטן בענקל. די שײַן פֿון די גאַסנלאָמפּן האָט זיך געגליטשט איבער די נאַסע פֿאַרהויכטע שויבן. פֿון מאָל צו מאָל איז אין אויטאָבוס געוואָרן מער חושכדיק ווי אין דרויסן. הלוי האָט אַרויסגענומען ס׳קיישל אויף זײַן שויס, מען זאָל נישט טרעטן אויף דער הון. ער איז מקנא געווען מענטשן וואָס זענען פּלוצלינג באַגליקט געוואָרן מיט אַ סך געלט. לויט אַלע כּללים וואָלט ער שוין אויך באַדאַרפֿט זײַן רײַך. פֿאַר וואָס איז ער נישט רײַך געוואָרן? וואָס האָט ער פֿאַרפֿעלט צו טאָן, כּדי אָנצוזאַמלען עשירות? דניאלה, זײַן ווײַב, האָט געגלייבט אין אים. בײַ איר איז נישט געווען קיין ספֿק אַז ווען ער וויל נאָר, וואָלטן זיי געוואָרן רײַך. זי האָט געהאַלטן אַז ער געהערט צו דעם סאָרט מענטשן וואָס פֿאַרזאָרגן אַ וועלט, אָבער זייער אייגענעם ווײַנגאָרטן היטן זיי נישט אָפּ. אין אַ גוטער שטימונג פֿלעגט זי אים רופֿן: מײַן גרויסער אידעאַליסט. הלוי איז געוואָרן אומגעדולדיק. דער אויטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַ לעמפּל האָט זיך אָנגעצונדן, האָט ער זיך אונטערגעהויבן און געוואָרפֿן אַ לענגערן בליק אויף סאַלאָמירן און אויף זײַן באַגלייטערין. זיי זענען געזעסן אַ פֿיר־פֿינף בענקלעך פֿאַר אונדז.

— וואָס זשע וואַרט ער? וואָס קומט ער נישט מיט איר אין באַנק?

— ס׳געלט ליגט אין תּל־אָביב אויף איר מאַנס נאָמען.

— איר מאַן איז דאָך געשטאָרבן!

— יאָ, שוין העכער אַ יאָר. טוביה רישין האָט ער געהייסן.

— און זי הייסט דאָך מישורי? זי האָט נאָך אַ מאָל חתונה געהאַט?

— ניין. זי און איר מאַן האָבן זיך גערופֿן מיט באַזונדערע נעמען.

— וואָס צוליב ייִחוס? — האָט הלוי געפֿרעגט.

אויך סאַלאָמיר האָט זיך אויף דעם געחידושט. ער וואָלט געפֿרעגט דבֿורהן, נאָר ס׳האָט אים נישט געפּאַסט אַרײַנקריכן אַ מענטש אין דער נשמה. איך

האָב זייביידן באַדאַרפט דערקלערן אַז טייל פרויען אין קיבוץ האָבן נאָך דער חתונה פאַרהאַלטן זייער זעלבשטענדיקייט און זייערע מיידלשע נעמען.

דבורה מישורי האָט זיך נישט געבייזערט וואָס סאָלאָמיר האָט אויסגעפּונען איר סוד. אַצינד האָט זי געהאַט פאַר וועמען זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ. נאָך איר מאַנס טויט איז נישט געבליבן קיין נפש זי זאָל זיך קענען פאַרטרויען וועגן געלט. אַפילו ווען איר מאַן האָט געלעבט האָבן זיי גערעדט וועגן חשבון אין באַנק מיט רמזים, טאָמער זיי וועלן זיך אַרויסכאַפּן מיט אַן איבעריק וואָרט, זאָל אַ פרעמדער נישט פאַרשטיין. זיי האָבן גערופן דעם חשבון מיט נעמען פון מאכלים: דאָס איי. דער לעקעך. דער לאָקש. דאָס קעזל. נאָך רישינס טויט האָבן די נעמען פאַרשאַרפט איר אלמנהשאַפט. ווען נאָר מען האָט דערמאָנט אין קיך עפּעס וועגן לאָקשן, לעקעך, קעזן, אייער — האָט זיך אָפּגערופן ביי איר אַ ציטער און זי האָט זיך אַרומגעקוקט מיט אַ חשד אַז מען רעדט וועגן איר געלט.

פון מאָל צו מאָל, פאַרמאַטערט פון טאָג, ווען זי האָט געמאַכט נאַכט פריִער ווי געוויינטלעך, האָט זי פאַרן איינשלאָפן געלייענט דאָס באַנקביכל. רישין האָט זי געלערנט לייענען פראַצענטן, פאַרשטיין חשבונות. ווען ער איז געשטאָרבן האָט ער איר געפעלט. זי האָט פאַרגעסן וואָס ער האָט זי געלערנט. זי איז געלעגן אין בעט, דער שלאָף איז נישט געקומען, דאָס באַנקביכל אָפן, זי האָט געלייענט ציפערן, אָבער דעם חשבון נישט פאַרשטאַנען. וועמען צו פרעגן איז נישט געווען. רישין איז אַוועק צו פרי פון דער וועלט. אַלע יאָרן האָט ער אויסגעגעבן אויף לאָטעריע-צעטלען דאָס קעשענע-געלט וואָס דער קיבוץ האָט געצאָלט. אויב זי האָט זיך באַקלאָגט אַז ער מאַכט זי אָרעם האָט ער אָנשטאָט אַן ענטפער געפייפט, זי זאָל הערן דעם ניגון צום פסוק:

אני מאמין
אף על פי
שמתמהמה —
לא להתייאש.

אַנדערע מענטשן אין קיבוץ האָבן פאַרן קעשענע-געלט זיך געקויפט עפּעס

שיינס אין שטוב אַריַין. דבורה מישורי האָט געחלומט וועגן אַן אייגענעם באַקאויוון. אַ קליין אייוועלע, זי זאָל נישט דאַרפן באַקן אין דער גרויסער קיך, ווו ווײַבער האָבן געקוקט אין די הענט, זיך אַרײַנגעמישט, געזאָגט דעות. נישט איין מאָל האָט זי אָפּגעשפּיגן אַן אַ זײַט אַ גוט־אויג. ווען ס'צעטל איז אַרויס מיטן גרויסן געווינס האָט זי מורא געהאַט צו קויפן אַ באַקאויוון, טאָמער וועט מען פרעגן ווו זי האָט גענומען דאָס געלט. איר מאַן האָט זיך געקויפט אַ באַבלימטן שלאָפראַק, זײַדענע פּיזשאַמעס, אַ רעקאָרדער־מאַשין אַרײַנצורעדן. שפּעטלעך אין אָוונט, פלעגט ער פאַרמאַכן טיר און לאָדן, זיך אַרומדרייען אין צימער אַ שעה אָדער צוויי אין דער נײַער גאַרדע־ראָבע און זיך געלערנט אַרײַנרעדן אין דעם רעקאָרדער. אַזוי איז ער געווען אַ מענטש אַ שווײַגער. זיך מיט קיינעם נישט געחברט. אַז מען האָט גערעדט צו אים האָט ער אָנגעשטעלט אַ הויכן אַקסל און געקאָרגט אַ וואָרט. ס'איז דבורהן פאַרבליבן אַ טאַשמע מיט זײַן קול. ער האָט אויסגערעכנט דאָס מעבל אין שטוב, וויפל שבתים עס קומט אים פון קיבוץ, אויף וועמען ער האָט געטראָגן אַ כעס, זײַן המצאה ווי אַזוי צו כאַפּן פליגן. דאָס געלט האָט ער נישט דערמאָנט.

— וואָס זשע האָט מען עפּעס אָוועקגעלייגט דאָס געלט אויף זײַן נאָמען ? — האָט הלוי געפרעגט.

דער אויטאָבוס איז דורכגעפאָרן אַ בריק. אַלץ האָט זיך געשאָקלט. כ'האָב געוואָרט ס'זאָל ווערן שטילער. באַלד איז געוואָרן ליכטיק. מען איז אָנגעקומען אויף אַ סטאַנציע. מענטשן זענען אַראָפּ און ארויף. ס'איז געוואָרן גערוימער אַרום אונדז. סאַלאָמיר האָט אויסגעדרייט זײַן קאָפּ און אַ זאָג געטאָן עפּעס מיט די הענט אויף שטום־לשון. אויך דבורה מישורי האָט געוואָרפן אויף אונדז אַ זײַטיקן בליק.

— אויך אַזאַ מין זעלבשטענדיקייט ? — האָט הלוי נאָכגעפרעגט.

אין אָנהויב איז דאָס געלט געווען פאַרשריבן אויף זייערע ביידנס נעמען. שפּעטער האָט זי געשיקט טוביה רישינען קיין תל־אביב אויסמעקן אין באַנק איר נאָמען. זי האָט מורא געהאַט, טאָמער מען וועט זיך דערוויסן וועגן געווינס און מען וועט קומען און זאָגן : אָדער געלט — אָדער קיבוץ.

טוביה רישין איז נישט געווען אַזאַ חסיד פון קיבוץ און ס'האָט אים נישט

געאַרט מען זאָל אים אויסשליסן פון חברשאַפט אויב מען וועט זיך דערוויסן וועגן געלט. סײַ ווי האָט ער געפּלאַנט צו ווערן אַ סוחר אין שטאָט. פון געשעפטן האָט דבורה נישט געוואָלט הערן. צוליב דעם האָט זי אַ מאָל פאַרברענט אַלע בריקן פון גלות און געוועזן אַלע יאָרן אַ חלוצה, כדי זי זאָל שטיין אין אַ קרעמל און פאַרקויפן מײַטקעס אין ישראל? וואָס וועט ווערן פון איר אידעאַל? און וואָס וועט זײַן אויב דער עסק וועט אונטערגיין, דאָס געלט וועט פאַרשווינדן און זי וועט דאַרפן אויסהאַלטן אַ משפּחה, גיין וואַשן וועש אין פרעמדע שטיבער? איר מאַן איז נישט געווען קיין פאַרדינער. ער האָט אינגאַנצן קיין פאַך נישט געהאַט. אין קיבוץ האָט ער געהאַלטן ריין דעם הויף. פאַרטיליקט פליגן. ער האָט אויסגעפינען אַז פליגן האָבן ליב רויע לעבערלעך פון הינער און ער האָט זיי געפאַנגען אין קעסטלעך באַשלאָגן מיט דראָטענע שאַטקעס.

ווען די מורא האָט נאָכגעלאָזט האָט דבורה געשיקט רישינען קיין תל־אָביב צוריק אָנשרײַבן איר נאָמען אויפן חשבון. טאָמער וועט זיך מאַכן, רישין וועט פּלוצלינג שטאַרבן, זאָל זי זיך נישט דאַרפן מישפטן. אַזוי האָט זי אים אַלע מאָל געשיקט קיין תל־אָביב אויסמעקן אָדער צושטעלן איר נאָמען לויט דעם פּחד וואָס האָט זיך איבער איר געשטאַרקט, פאַרן קיבוץ אָדער פאַרן טויט. איין מאָל נאָכן אויסמעקן דבורהס נאָמען איז רישין דערטרונקען געוואָרן.

— איבערשרײַבן אַ נאָמען איז אויך אַ פּראָבלעם? וואָס איז דער אָפּהאַלט?

הלוי וואָלט איר שוין אין אויטאָבוס פאַרגעלייגט זײַן הילף. ער וועט זאָגן סאָלאָמירן ער זאָל זיך צוײַלן און ברענגען צו אונדז איר געלט. נאָר סאָלאָמירן האָט מען נישט באַדאַרפט צוײַלן. ער האָט באַשטעלט אַן אַדוואָקאַט, אָפּגעשטימט מיט דבורה מישורין אַ באַגעגעניש, און צוגעאײַלט זי זאָל אָנשרײַבן דאָס געלט אויף איר נאָמען. נאָר רישין איז איר געקומען צו חלום און דבורה האָט חרטה באַקומען. סאָלאָמירן האָט עס פאַרדראָסן. ער האָט געוואָלט וויסן גענוי וואָס רישין האָט געטענהט. סך־הכל איז ער פאַרבליבן אַ פליגן־כאַפּער און פון דעם וואָלט קיין פּרנסה אין שטאָט נישט געווען. אויך סאָלאָמיר האָט ייִנגלווײַז געכאַפּט פליגן אין חדר. ער האָט זיי געלאָזן קריכן אויף די ווענט מיט שטרויען צווישן די פליגל. לויט דער לענג

פון שטרוי האָט מען געוווּסט צי די פליג וועט קריכן אָדער פליען. אָבער סאַלאָמיר איז שוין לאַנג אַרויסגעוואַקסן פון די ייִנגלשע שפּילערייען. מען וועט אינוועסטירן דאָס געלט אין מוזיי, מען וועט עפענען די ביבליאָטעק און ס׳וועט זײַן פּרנסה ברווח און בכבוד. דבורהס פּראַקטיק אין דער קיבוץ־ביבליאָטעק וועט צו נוץ קומען. מען וועט אויפשטעלן ליַי־ביבליאָטעקן אויך אין אַנדערע שטעט. ס׳וועלן נישט פעלן קיין ביכער לייענערס. זקנים וואָס לעכצן נאָך אַ ייִדיש בוך וועלן שענקען אַ שיינע מטבע. אין תל־אָביב האָט אַן עלנטער ייִד איבערגעלאָזט אַ מיליאָן פונט פאַר אַ ייִדישער ביבליאָטעק. וואָס האָט ער געוואָלט, טוביה רישין, אויך נאָכן טויט בלײַבן דער בעל־הבית איבערן געלט?

טוביה רישין האָט גאָרנישט געזאָגט אין חלום. פאַרבליבן אַ שווײַגער אַזוי ווי בײַם לעבן. ער האָט בלויז געפּײַפט דעם פּסוק וועגן משיחן, אַז מען דאַרף זיך נישט מיאש זײַן.

הלוי איז נישט אײַנגעזעסן רויִק. די ידיעה אַז אַזוי פיל געלט איז געלעגן ערגעץ אין אַ תל־אָביבער באַנק און ס׳האָט געקענט ליגן בײַ אונדז האָט אים אונטערגעטראָגן. ער וואָלט עס שוין פון לאַנג אינוועסטירט אין קב״א־אַקציעס. ער האָט זיך דערמאָנט וואָס קענאַרד בערנזאָן האָט דערציילט אין זײַן בוך וועגן אַ שליח וואָס האָט פליִענדיק אין אַן עראָפּלאַן פאַרקויפט אַ בינטל אַקציעס פאַר טויזנטער דאָלאַרן. איבערלאָזנדיק די הון אויף זײַן געזעס האָט ער זיך צוגעשטופּט צו סאַלאָמירן רעדן תכלית. סאַלאָמיר האָט זיך אויפגעשטעלט און פאַרגעלעגט הלוין זײַן פּלאַץ לעבן דבורה מישורי. ער האָט גערופן מיט דער האַנט איך זאָל אויך צוקומען.

*

אין יענעם שיינעם פרימאָרגן, ווען איך בין געשטאַנען לעבן זײַן געלעגער, בעת ער האָט זיך אויפגעוועקט פון שלאָף, האָב איך זיך אײַנגעבויגן און געדריקט זײַן האַנט וואָס ער האָט אַרויסגעשטעקט פון דער טרונע. סאַלאָמיר האָט געשמייכלט מיט פרישע ליפּן ווי אַ קינד אין וויגל און זיך אַראָפּגערוקט נידעריקער, מחמת אַ צווײַג פון בוים האָט אַרײַנגעשמיסן אַ שאָטן צוקאָפּנס. צוליב דער שמירה אין די נעכט האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אַ קעלט אין

סאַלאָמירס ביינער. אין פּוילן האָט ער נישט געליטן פון קעלט. אויך אין צפת האָט ער נישט געשפּירט דעם פראָסט אין ווינטער. דאָס וועטער אין לאַנד האָט זיך פאַרערגערט פון יאָר צו יאָר. אפילו אין מושב־זקנים האָט מען אַזוי געזאָגט. אינעווייניק אין צריף איז געווען קאַלט צו שלאָפן. ביַצן נאָפט האָט געקאָסט געלט. דער וואַרעמער דרויסן האָט מחיה־נפש געווען און ס'רוימישע געלעגער איז געווען צוגעפּאַסט פאַר דער ווינטערזון. איך האָב אַריַינגעשטעקט אַ האַנט, אָנגעטאַפּט די ווענטלעך. ס'איז טאַקע געווען דאַרטן וואַרעם. שפּעטער האָב איך געהאָלפן סאַלאָמירן אַרויסשטופּן די טרונע פון שאָטן. לויט דעם אָפּגעריבענעם שטח ערד, גלאַטיק אַן אַ גרעזל, איז געווען צו דערקענען ווי וויַט סאַלאָמיר האָט דורכן ווינטער געשטופּט די טרונע אַהין און צוריק.

איך האָב זיך אַראָפּגעזעצט אויף די צוויי מירמלשטיינערנע טרעפּ און סאַלאָמיר איז דערוויַיל אונטערגעלעגן אין וואַרעמען געלעגער. ער האָט פאַרגעלייגט אַז ביז ער וועט זיך אויסטשוכען פון שלאָף זאָל איך מאַכן אַליין אַ שפּאַציר איבערן מוזיי.

— איך בין שוין דאָרטן געווען.

איידער ער האָט זיך אויפגעוועקט פון שלאָף האָב איך אַרויסגעצויגן דאָס שלעסל, אַראָפּגענומען דעם פּרענט פון דער טיר. די טיר האָט זיך געעפנט אין דרויסן אַרויס און אַ טיש האָט פאַרשטעלט דריַי פערטל פון דעם אַריַינגאַנג. איך האָב זיך דורכגעשטופּט זיַיטיק, איַינציִענדיק דעם בויך און אַריַינגעקוקט אין די צימערן.

— וואָס זשע האָסטו צו זאָגן ? — האָט סאַלאָמיר געפרעגט.

איך האָב זיך געחידוש אויפן טיש וואָס האָט פאַרשטעלט דעם אַריַינגאַנג.

— נוסח צפת.

אַזוי האָט ער געענטפערט. ווען צפת איז געוואָרן אַ צענטער פון קונסט האָבן די תושבים זיך געמאַכט אַ מינהג גיין איבער די גאַלעריעס און נישט צאָלן פאַרן קוקן. האָט מען פאַרשטעלט די אַריַינגענג. אַז מען האָט זיך באַדאַרפט דורכשטופּן מיטן פּנים צום טיש איז שוין נישט געבליבן קיין ברירה. דאָס טעצל מיט די מטבעות האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן און ס'האָט נישט געהאָלפן דער תירוץ אַז מען האָט עס פאַרזען. סאַלאָמיר האָט פאַרבעסערט די שיטה. אונטערן טעצל האָט ער אונטערגעלייגט אַ וויַיסן

קאַרטאָן און אָנגעצייכנט אַ קרייַז מיט רויטע פּייַלן. אַלע פּייַלן האָבן זיך געצויגן צום טעצל מיט די מטבעות. ס'איז אויך געווען אַן אויפשריפט: מען דאַרף באַצאָלן פאַרן וויזיט.

לעבן טיש ,אויף דעם ברייטן נישט-צוגעקליבענעם בעט, האָט זיך געוואַל־גערט צעקאָדערט בעטגעוואַנט. צווישן טיש און בעט האָט זיך אָנגעזען אַ נאָפּטמאַשינקע אויף אַ גרינעם קאַסטן פון בלעך מיט אַן אָפן ווענטל. כלים צום קאָכן זענען געלעגן אָנגעוואָרפן אויפן בעט, אַרום קאַסטן, אונטערן טיש. אויפן טיש זענען געלעגן ספרים, שיריים פון אַ מאַלצייַט, שרייַבגעצייַג, גאַטקעס. סאָלאָמיר האָט זיך אייַנגעצימצומט, זיך געמאַכט ענג מיט זייַן פּריוואַט האָב־און־גוטס, אַבי עס זאָל בלייַבן וואָס מער שטח פאַרן מוזיי.
— וויפל רוים דאַרף איך דען פאַר זיך אַליין, — האָט ער זיך פאַר־ענטפערט.

אין אַ צווייטן צימער זענען געשטאַנען אויף דער פּאָדלאָגע, פון וואַנט ביז וואַנט, עטלעכע רייען בילדער, אַרומגעוויקלט מיט גראָבע בוידעמשטריק.
— מען זאָל נישט גנבהנען — האָט ער דערקלערט.

ביכער זענען געלעגן אָנגעוואָרפן אין אַלע צימערן. זעק, קאַרטאָנען, קעסטלעך, לויזע בערגלעך. אויף עטלעכע קאַסטנס זענען געווען אָנגעצייכנט אויסלענדישע אַדרעסן. ווען סאָלאָמיר האָט זיך באַזעצט בייַ אונדז אין שטאָט האָט ער צעשיקט בריוו צו ייִדישע קהילות אין דער וועלט. פאַר אַ וואַנט מיט ייִדישע ביכער האָט ער פאַראייביקט אַ נאָמען. אַמעריקע האָט זיך אָפּגערופן. אויסטראַליע. אורוגווייַ.

— איך שטיי אין קאָנטאַקט מיט גרויסע ביבליאָטעקן. פּוילן. לענינגראַד. — האָט ער געזאָגט.

אין אַ טונקל צימער, דאָס פענצטער פאַרקלאַפּט מיט ברעטער, דאָס עלעק־טרישע לעמפּל האָט זיך נישט אָנגעצונדן, איז געשטאַנען אַ גלעזערן שענקל מיט ייִדישע קונסטווערק. ס'האָבן זיך אָנגעזען דורך די שויבן אויסגעהאַפטענע יאַרמלקעס, אַ זילבערנער יד, בשׂמים־ביקסלעך, מעשענע לייַכטער, אַ מגילה, שופרות, איינער לאַנג און געדרייט. אויף דער וואַנט קעגן איבער דעם שענקל איז געהאַנגען אַ בילד פון טעאָדאָר־בנימין הערצל, אַ ספר־תורה־מענטעלע, אַן אַלטע כתובה אין אַ פרעמד לשון. אויף אַ טישל מיט קרומלעך געטאַקטע

פיס האָט זיך געפונען דער רעקאָרדער אַרײַנצורעדן. דבורה האָט אים געשעקנט אַ מתנה איר מאַנס רעקאָרדער, סאַלאָמיר זאָל דאָרטן אַרײַנרעדן זײַן לעבנס־געשיכטע. אויך דער באַבלימטער שלאָפּראָק איז געווען איר מתנה. נאָך ליגנדיק אין דער טרונע האָט סאַלאָמיר אָפּגעדעקט אַ קאַץ איך זאָל אַנטאַפּן די סחורה. ער האָט געטראָגן רויטע זאָקן. זײַנע שטעקשיך זענען געשטאַנען לעבן געלעגער אויף אַ הויכן קרוג מיט איין אויער. שפּעטער, בעתן שטופּן די טרונע, ווען ער האָט זיך פאַרשוויצט און אויסגעטאָן דעם שלאָפּראָק איז ער געבליבן שטיין אין רישינס זײַדענער פּיזשאַמע, וואָס האָט שימערירט אין דער זון זילבער און גרין. סאַלאָמיר האָט דעמאָלט געוואָרט אויף דבורה מישורי. ס'איז געווען דער טאָג ווען זי איז געקומען אין שטאָט אַרײַן שפּילן אין קאָרטן.

דער אויטאָבוס איז געוואָרן ליידיקער. דער דורכגאַנג — פרײַער. איך האָב זיך צוגעשטופּט הערן וואָס זיי רעדן. ס'איז נישט כדאי געווען זיך זעצן ווײַל מען האָט זיך שוין דערנענטערט צום שפּיטאָל. אויך הלוי איז געשטאַנען. זיך אָנגעהאַלטן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט אין אַ רינג פון סופיט און געבויגן זײַן קאָפּ נאָענט צו דבורה מישורי זי זאָל הערן וואָס ער זאָגט אינעם אַרומיקן רעש. ער האָט געלויבט סאַלאָמירן. אויסגערעכנט שבחים. די באַנק האָט שוין געקוקט אויף אים מיט אַנדערע אויגן. הײַנט אַליין האָט ער געבראַכט צו אונדז צוויי קליענטן מיט געלט. אַן אַרעמען בייגלפאַרקויפער און אַ גאַר יוסטע גבירטע. איצט זענען מיר געפאָרן זיך זען מיט נאָך איינעם וואָס אַ גאָלדן רענדל איז ביי אים נישט געווען קיין נאָווינע. הלוי האָט פאַרבעטן דבורה מישורי צו אונדז אין באַנק אַרײַן אויף אַ פרײַנדלעכן שמועס. פון אונדזערס אַ גוטע עצה וועט זי זיכער נישט חרטה האָבן. סאַלאָמיר האָט געהערט ווהין מיר פאָרן און ער האָט אָנגעוויזן אויף זיך אַז ער וועט באַלד אונטערקומען אַהין און מיר זאָלן דאָרטן אויף אים וואַרטן ווײַל שושנה ציפורי האָט אים געבעטן אַ שמועס טאָן מיט איר מאַן וועגן עפּעס אַן ענין.

מיר זענען אַראָפּ פון אויטאָבוס. ס'האָט נאָך אַלץ גערעגנט. די גאַס האָט זיך געצויגן באַרג־אַראָפּ און דאָס וואַסער אין ראָוו האָט געשטראָמט אין גרויס אײַלעניש. איבערן אַספאַלט, אינמיטן וועג, האָבן געריזלט דינע וואַסער־

שיכטן פאָלד נאָך פאָלד. הײַזער זענען געשטאַנען נאַס און פינצטער. דאָ און דאָרט האָבן געלויכטן עטלעכע פענצטער אין אַ בנין. הלוי האָט נאָכגעקוקט דעם אָפּפאָרנדיקן אויטאָבוס. דבורה מישורי איז אים געלעגן אויפן זינען.

— זי איז גאָרנישט אַזאַ איבערגעשראָקן ווײַבל — האָט ער זיך אָנגערופן. ער האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון זײַן מאַנטל און מיר זענען אַרײַן אין שפּיטאָל. דער שומר לעבן טויער איז געזעסן פאַרמאַכט אין זײַן באַלויכ־טענער בודקע. זײַן שאָטן דורכן פענצטער האָט זיך געטאָן אַ טונקל פאַר די אויגן. נאָך מענטשן האָבן זיך דורכגעיאָגט דעם הויף צום בנין. אינעווייניק אין האָל איז געווען קאַלט און פײַכט. פון די גרינלעכע ווענט האָט געשלאָגן אַ באַהויכטע קילקייט. אַ חולה, אַלט און אײַנגעדאַרט אין אַ בלויער פּיזשאַמע, אין אַ דין בלויען שלאָפראָק האָט געהאַלטן לעבן אַן אויער דאָס טרײַבל פון וואַנט־טעלעפאָן און זיך אײַנגעהערט מיט אַ פאַרשפּיצטער נאָז, מיט אַן אָפן מויל. אַ זעלבעריין אין אַ ווינקל, אויף אַ לאַנג בענקל, האָט שטיל געוויינט.

— איך וואָלט זיך אויך אַ ביסל דערוואָרעמט מיט איר — האָט הלוי ממשיך געווען וועגן דבורה מישורי. ער האָט זיך דערוואָרעמט גייענדיק אויף די טרעפּ. דער ליפט האָט זיך פאַרזאַמט און מיר זענען געגאַנגען צו פוס אויפן דריטן שטאָק. הלויס בויך האָט אַרויסגעשטאַרצט מער ווי אויף דער גאַס. אויב דוד עולמי וועט רעדן אין מושב־זקנים וועגן מצבות, פאַר וואָס זאָל הלוי נישט רעדן דאָרטן וועגן דער בערזע אין תל־אָביב. ס'איז געווען אַ געדאַנק צו גיין איבער הײַזער און פאַרשפּרייטן קענאַרד בערנזאָנס אַקציעס און אידעעס. בערנזאָן האָט אָנגעזאָגט זײַנע שליחים, זיי זאָלן נישט דוכלאָזן אַ מסיבה, נישט פאַרזאַמען אַ צונויפקומעניש, אַ שימחה, אַ חתונה, אויפן ים, יבשה, תמיד און אומעטום ווילן מענטשן הערן וועגן געלט. ער האָט אָפּילו ציטירט אין זײַן בוך אַ פּסוק פון דאַוונען: בכל לבבך, ובכל מאדך, וואָס האָט באַוויזן אַז קענאַרד בערנזאָן איז נישט געווען קיין עם־הארץ. ער האָט גערעדט אין קלויסטערס, בתי־מדרשים, פאַר בודיסטן, אויף קאָנצערטן, אויסשטעלונגען.

— ווען עפנט סאַלאַמיר זײַן מוזיי? — האָט הלוי געפרעגט.

ער האָט זיך פאַרהאַלטן אויפן ערשטן שטאָק אָפּכאַפּן דעם אָטעם. רעדן און גיין אויף די טרעפּ איז אים נישט אָנגעקומען אַזוי גרינג. אויך בײַ

סאַלאַמירן אויף דער עפּענונג פון זײַן מוזיי וועט מען רעדן וועגן קב״א־אַקציעס.

איך האָב אָפּגעקלאַפּט פאַר סאַלאַמירן אויף דער שרײַבמאַשין אַ נוסח פון דער פאַרבעטונג, אָבער צו דער עפּענונג פון מוזיי האָט עס נאָך נישט געהאַט קיין שײַכות. צו מישפּטן לויטן מצב בײַ אים אין הויף און אין צריף, אינעם פרימאָרגן ווען איך האָב אים געטראָפן שלאָפן אין דער טרונע, איז ער נאָך נישט געווען פאַרטיק. ער איז דעמאָלט אָפּגעלעגן אין דער טרונע ביז נאָך מיטאָג. פאַרמאַטערט פון שטופן דאָס געלעגער האָט ער זיך צוריק אָרײַנגעלייגט אָנזאַמלען כוחות פאַר דבורה מישורי. ער איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן. מיטן פּנים אין דער זון. ס׳איז געווען שטיל אין הויף, פון איבערן פּאַרקן, פון נאָדלס הויף, האָבן זיך געהערט קולות פון חיות: גענדז, הינער, אַ קאָזע, אַ פערד. נאָדלס ווײַב, נידעריק און ברייט, האָט זיך געפּאָרעט צווישן די חיות. זי האָט געכאַפּט דעם אָנבליק פון אַן עלטערער קאַטשקע מיט אַן אָפּגעשוירענעם ווידל.

פאַרשטעלט הינטער עטלעכע מצבות זענען געשטאַנען טיפע קרוגן. קליינע מטבעות האָבן געבלישטשעט אויף זייערע דנאָען. דער אויסגעקריצטער נאָמען אויף דער צפתער טיר איז געווען אָפּגעפאַרבט געל. סאַלאַמיר האָט געשלעפּט מיט זיך די טיר לזכר זײַן ווײַב. אויך זי האָט געהייסן שיינע־רחל. פון געלעגער האָט ער געקוקט אויף דער טיר און זיך דערמאָנט אין זייער גרויסער, פאַרגאַנגענער ליבע. זיי פלעגן שפּאַצירן איבער די משופּעדיקע בית־עולמס אַרום צפת זוכן אַלטע שטיינער, בראָכטיילן פון בנינים, שׂרידים פון פאַרגאַנגענע וועלטן. די טיר האָט אים דערמאָנט אין די שיינע פרימאָרגנס, ווען זיי האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איבער די שמאָלע געסלעך און געגאַנגען אין די אָרעמע שטיבער זיך נאָכפרעגן בײַ זקנים וואָס האָבן געהאַלטן בײַם שטאַרבן, צי עס איז פאַרבליבן בײַ זיי עפּעס שיינס צו פאַרקויפן. מציאות האָבן זיך פאַרוואַלגערט אין די אָרעמע הײַזער. די שווערע טיר מיטן נאָמען האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט פון אונטער אַ חורבה. דאָס שענקל מיט די ייִדישע אוצרות איז געווען איר בײַשטײַער פאַרן מוזיי. זי האָט געהאַט אַן אויג פאַר שיינקייט, זי האָט געקענט זײַן אַ מאַלערין. ער האָט איר פאַרוועט זיך חברן מיט די מאַלערס אין צפת. אַלע הפקר־יונגען. שיינע־רחל איז געווען אַן אײַדעלע, אַ שטילינקע, אַ שווײַגעוודיקע, זעלטן

אַרויסגערעדט אַ וואָרט. ווען די ליבע איז פאַרלוירן געגאַנגען האָט זי זיך אין גאַנצן געביטן. געוואָרן אַ פאַרמאַכטע אין זיך, אַרומגעגאַנגען מיט פאַרקניפּטע ליפּן, קיין וואָרט נישט געזאָגט.

איך האָב זיך דעמאָלט אַרומגעדרייט צווישן די שטיינער און געמיינט אַז סאַלאָמיר איז צוריק אײַנגעשלאָפן. ווען איך האָב זיך דערנענטערט צו דער טרונע איז ער געלעגן מיטן פּנים אַרויף און געברומט צום הימל אַ ליד:

משה רבינו
אויף יענער וועלט
וואַרף מיר אַראָפּ
אַ זעקעלע געלט.

דבורה מישורי איז שוין געשטאַנען אין הויף. ער איז אויפגעשפּרונגען ווי אַ יונגער קאַוואַלער און געקושט אין די רויטע זאָקן אירע אויסגעשטרעקטע הענט. זי האָט אים געבראַכט מתנות: אַ פּעקל ייִדישע ביכער און אַ קעזקוכן. סאַלאָמיר האָט פאַרקויפט אַן אַלטן שופר פון מוזיי און איר געקויפט אַ מתנה — אַ באַקאַייוועלע. ער האָט אָנגעטאָן זײַנע שטעקשיך און זיך געאײַלט מיט ביידע פּעקלעך צום צריף, זיך אָפּוואַשן און איבערטאָן. שוין אינעווייניק, האָט ער געעפנט אַ פענצטער, אַראָפּגענומען דעם קאַרטאָן און געשריגן:

— זײַט באַקאַנט.

ער איז שפּעטער אַרויסגעקומען אָנגעטאָן אין געלע הויזן, אַ געלן סוועטער, וואָס האָט פאַרשטעלט זײַן האַלדז. ער האָט געוואָלט מען זאָל אים זאָגן ווי אַזוי ער זעט אויס און נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער האָט ער אַליין געררופן:

— מיט צוואַנציק יאָר ייִנגער!

לויט דבורה מישורי האָט סאַלאָמיר, אַן אויסגעפּוצטער אין געל, אינעם קאַפּעליוש, אויסגעזען אַ יום־טוב אין דער וואָכן.

☆

מיר זענען געגאַנגען ביזן דריטן שטאָק ווייל דער ליפט האָט נישט געאַרבעט. אין שמאָלן קאָרידאָר האָבן מיר זיך פאַרנומען אויף לינקס. פון דאָרט איז אונדז חיים ציפּורי געקומען אַנטקעגן. פון דערווײַטנס האָט זיך

אַ וואָרף געטאָן אין די אויגן זײַן ענדערונג. ס׳לעצטע מאָל מיר האָבן אים אָנגעטראָפֿן איז ער געווען געזונט און שטאַרק.

ס׳איז געווען נאָך אום זומער ווען ער איז פֿאַרבײַגעגאַנגען דאָס לענגערע בענקל אויף וועלכן מיר האָבן זיך צוגעזעצט אָפּרוען. ער האָט זיך פֿאַרהאַלטן לעבן אונדז און זיך פֿאַרנויגט אַראָפּציענדיק פֿון קאָפּ זײַן שטרויענעם הוט מיטן ברייטן ראַנד.

—מײַנע הערן, די באַנקירן — האָט ער געזאָגט. ער האָט געוואָלט וויסן וואָס מיר טוען אין אַ הייסן טאָג אין מיטן דער וואָך אין שיינעם שטאָטישן פּאַרק. זײַנע לאַנגע האָר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן רויטלעכן קאַרק ווײַס און שיטער.

הלוי האָט אָנגעוויזן אויפֿן פּעקל וואָס ער האָט מיט זיך. מיר האָבן געזוכט אין דער שעה ווען די באַנק און די געשעפֿטן זענען געווען פֿאַרמאַכט, אַ ביליקן שנײַדער וואָס זאָל איבערנייען פֿאַר הלוין אַ מלבוש. מיר האָבן זיך אַרומגעדרייט אַ לענגערע צײַט אינעם אָרעמען קוואַרטאַל, מיט געסלעך באַרג־אַרויף־צו, הײַזער מיט שטיגן, מיט בריקלעך, און דעם שנײַדער, אַ פּענסיאָנער, הלויס אַ לאַנדסמאַן ,נישט געטראָפֿן אין דער היים.

— אַ פּאָר מענערשע הויזן — האָט הלוי געזאָגט.

חיים ציפּורי האָט אָנגעוויזן אויף זײַן קאָפּ און געזאָגט אַז ער איז פֿול געוואָרן מיט ווײַבערשע קליידער. ער איז אויסגעגאַנגען מיט שושנה זײַן ווײַב אַ גאַס מיט געשעפֿטן אויף צו קויפֿן אַ קלייד. אַ מעשה וואָס איז זיך פֿאַרלאָפֿן אין איין געשעפֿט האָט אים צערידערט און ער איז געקומען אַהער אַרײַנברענגען אַ טאָלק אין זײַן זכרון.

ער איז געגאַנגען אַהין און צוריק און גערעדט וועגן אַלעען פֿון קליידער, ווו פֿרויען האָבן אַרומשפּאַצירט און פֿאַרשוווּנדן געוואָרן ווי אין אַ געדיכטן וואַלד אַרײַן. ווען אויך זײַן ווײַב אין דאָרטן פֿאַרשוווּנדן געוואָרן, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אַ מידער אויפֿן נידעריקסטן טרעפּל, האָרט לעבן פֿאַרענטש, מען זאָל נישט טרעטן אויף אים. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט צווישן די פֿיס, געבויגן זײַן קאָפּ צו די קני און מיטן קאָפּעליוש אַראָפּגערוקט איבערן שטערן האָט ער געקוקט אויף די פֿיס פֿון די פֿרויען וואָס זענען אַרײַן און אַרויס פֿון געשעפֿט. פֿיס זענען אים געפֿעלן געוואָרן, האָט ער אַרויפֿגערוקט

דעם קאַפּעליוש און געקוקט אַ ביסל העכער. נישט אַלע מאָל האָט זיך עס געלוינט. ווען דאָס מיידל מיט די לאַנגע פּיס איז אים פאַרבײַגעגאַנגען האָט ער אין גאַנצן אַראָפּגענומען דעם קאַפּעליוש און איז נישט אַנטוישט געוואָרן.

חיים ציפּורי האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיטביידע הענט געמשלט דאָס אויסזען פון הויכן מיידל. הינטער אים האָט זיך אָנגעזען דער שטילער ים. אַ שיף זיך אָפּגעבונדן פון ברעג און אָנגעהויבן איר פאַמעלעכן גאַנג אין ווײַטן האָריזאָנט.

הלוי האָט אָוועקגעלייגט אויף דער באַנק די הויזן וואָס ער האָט געהאַלטן אויפן שויס און חיים ציפּורי האָט ווײַטער דערציילט ווי אַזוי ער האָט געקוקט אויפן מיידל וואָס איז געבליבן שטיין מיט אַ פאַרטרויערט פּנים. ער האָט חשק געהאַט זי זאָל שמייכלען. ווען זי וואָלט אים נאָר באַמערקט וואָלט ער שוין עפּעס געטאָן צו פאַרטרײַבן דעם טרויער פון איר בליק. דערווײַל איז אַ מאַמע אַראָפּגעגאַנגען און דאָס קינד בײַ איר זײַט האָט געפירט לענג־אויס די טרעפּ אַ פינגער איבערן פאַרענטש, און ווען דער פאַרענטש האָט זיך פאַרענדיקט, אויך איבער ציפּוריס קאָפּ. ווען דאָס קינד איז מיטן פינגער דערגאַנגען צו זײַן שטערן האָט שוין ציפּורי געוווּסט אַז ער האָט זיך אַ מאָל געטראָפן מיטן מיידל און מען האָט זי גערופן מירל.

ס׳איז געשען מיט אַ סך יאָרן צוריק. ער איז געווען אַ בחור פון אַ יאָר זעכצן און מירל איז געווען אין זיבעט יאָרן. דורך דער צײַט איז ער אַלט געוואָרן. מירל — נישט. פאַרבליבן אַ מיידל פון זעכצן יאָר. ער איז דעמאָלט נישט געזעסן אויף די טרעפּ און אויסגעזען אַ רחמנות. ווען ער איז אַרײַן אין געשעפט קויפן גאַרן און געטראָפן דאָרטן מירלען איז גענוג געווען אַן ערשטער בליק צווישן זיי ביידן מען זאָל וויסן אַז פון דעם וועט אַרויסקומען אַ ליבע.

ער איז געקומען אין געשעפט אַרײַן שפּאָרן געלט. אַלע מאָל ווען מען האָט אים געשיקט קויפן גאַרן האָט ער געצאָלט מיט אַ גראָשן ווייניקער. דעם גראָשן האָט ער געזאַמלט כדי צו ווערן רײַך. דער קרעמער האָט אים געוואָרנט אַז אויב ער וועט אַראָפּנעמען גראָשנס וועט קומען אַ טאָג ווען ער וועט נישט מוותר זײַן און אים אַרויסוואַרפן מיט חרפּות פון געשעפט. אינעם טאָג ווען ער האָט געטראָפן מירלען און אויסגעטוישט פאַרליבטע בליקן האָט ער זיך געשלאָגן מיט דער דעה; זאָל ער אַראָפּנעמען אַ גראָשן

און שטעלן אין סכנה אַ ליבע אָדער ער זאָל צאָלן דעם פולן פּרייַז און געווינען מירלען.

חיים ציפּורי האָט אַרויפגערוקט זייַן שטרויענעם קאַפּעליוש און ס'האָט זיך אָנגעזען זייַן פלאַטשיק פּנים. עס איז אים אַ שאָד געווען אי דער גראַשן, אי די ליבע. די שיף אין ים איז פאַרבייַ אַ בוים אין פּאַרק און חיים ציפּורי האָט געזאָגט אַז דאָס אַלץ וואָלט ער דערציילט דער הויכער מירלען אין קליידער־געשעפט זי זאָל ווערן פריילעך. אָבער די הויכע מירל האָט אים אין גאַנצן נישט באַמערקט, כאָטש זי האָט געקוקט אויף אים. זי האָט פאַרויס־געשטעלט אַ פוס, צוגעלייגט אַ זוים פון אַ הענגענדיק קלייד צו איר קני, געזען אַז עס פּאַסט און זי האָט געשמייכלט. ווען חיים ציפּורי האָט געזען אַז נישט ער, נאָר עפּעס אַ זוים פון אַ קלייד האָט פריילעך געמאַכט זייַן מירלען, האָט ער אָנגעטאָן דעם קאַפּעליוש, אַראָפּגערוקט דעם ראַנד ביז איבערן שטערן און געבליבן זיצן פאַרשעמט, געבויגן, געפאַלן און ווייך. ער האָט נישט געוואַרט ביז זייַן ווייַב וועט אַרויס פון וואַלד. ער איז אַנטלאָפן פון געשעפט און געקומען אַהער אין פּאַרק אַרייַן פאַרטרייַבן מירלען פון זייַן זכרון. ער האָט אויפגעהערט גיין און געזאָגט:

— אויך דעמאָלט בין איך אַרויס אַ פאַרשפּילטער. אויסגעקליבן דעם גראַשן און פאַרלוירן אַ ליבע.

איצט איז אונדז חיים ציפּורי אַנטקעגן געקומען מיט אַ שטעקן אין דער האַנט, מיט אַ שטייַפן קאַרק. ער האָט געשלעפּט אַ פוס. ס'איז געוואָרן פון אים אַ העלפט. צוליבן שטייַפן קאַרק האָט זיך אויסגעדאַכטן ער איז בלינד. ער האָט אויסגערופן אַז מיר זענען געקומען אין דער ריכטיקער צייַט ווייַל ער האָט געהאַט עפּעס נייטיק צו פרעגן. אין קאָרידאָר, אויפן אָרט, האָט ער געוואָלט מיר זאָלן אים אויסרעכענען צו וויפל גאָט אַ מענטש קען דערגיין.

— איר זענט דאָך באַנקירן. מאַכט מיר אַ חשבון — האָט ער געזאָגט. אויך זייַן בליק איז שטייַף געוואָרן. ער האָט אונדז אַרייַנגעפירט אין זייַן צימער מיר זאָלן נישט שטיין פאַר אים אין קאָרידאָר ווי פאַרצאָגטע אלמנות. ער האָט זיך אַרייַנגעלייגט אין זייַן בעט און איך האָב צוגעבראַכט צוויי שטולן פון לעבן די אַנדערע בעטלעך. הלוי איז געווען אַנטוישט. ער האָט געמיינט אַז ציפּוריס שאלה וועט האָבן צו טאָן מיטן באַהאַלטענעם געלט און ער האָט

באוויזן אַפּילו אַ קניפּ טאָן מײַן אָרעם, אַ סימן אַז מען איז גלײַך אַרויף אויפֿן ריכטיקן וועג. פֿון גרויס אַנטוישונג האָט הלוי פֿאַרגעסן אָנצושטעלן אַ פֿריילעך פּנים. ער האָט אַנידערגעשטעלט דאָס קײַשל מיט דער הון לעבן אַ פּיסל פֿון בעט, און אים איבערגעגעבן אַ גרוס פֿון דוד עולמי. יענער וועט האַלטן אין מושב־זקנים אַ רעפֿעראַט וועגן מצבֿות און ער, הלוי, וועט דאָרט רעדן וועגן דער בערזע אין תּל־אָבֿיבֿ. ער האָט געוווּנטשן ציפּורין ער זאָל וואָס גיכער ווערן געזונט און זײַן דער יושבֿ־ראָש אויף ביידע רעפֿעראַטן.

— געהערט פֿון קענאַרד בערנזאָן ? — האָט ער געפֿרעגט.

ציפּורי איז געלעגן מיטן פּנים אַרויף. ער האָט נישט געקענט אויסדרייען דעם קאָפּ. רעדנדיק אַרויף צום סופֿיט האָט ער געוואָלט מען זאָל אים זאָגן אויב ס'איז אמת אַז אַ מענטש פֿאַרן טויט טראַגט זיך אַרום מיט געדאַנקען אַז ער האָט פֿאַלש געלעבט. ציפּורי האָט געהאַט סימנים, אַז ער האָט זיך אַנגעטראָפֿן פּנים־אל־פּנים מיטן טויט. נאָכן פֿאַל, ווען ער האָט געעפֿנט די אויגן און צוריק געקומען צום שׂכל האָט ער אײַנגעזען די פֿאַלשקייט פֿון זײַן לעבן. ער האָט געהאַט געגנוג צײַט צו טראַכטן. ס'איז נישט געשען אין איין טאָג. ס'ווײַב, משפּחה, קרובֿים, זענען געקומען, גערעדט, געפּילדערט, געפּלאַפּלט, נישט ווייסנדיק אַז ער איז געוואָרן אַן אַנדערער מענטש. ער האָט געטאָן אַ נדר. ער וועט זיך דערווײַטערן פֿון געלט, ליבע און אַזוי ווײַטער. אויב ער וועט אַרויס אַ געזונטער פֿון שפּיטאָל און צוריקקומען צו די כּוחות, וועט ער לעבן ערנסט. אויס הבֿל־הבֿלים. ער וועט פֿאַרמאַכן ס'מויל און שווײַגן. ציפּורי האָט צוריקגעצויגן זײַן האַנט, וואָס ער האָט פֿריער געהאַלטן אויסגעשטרעקט צו אונדז, ער האָט פֿאַרמאַכט די אויגן און געשוויגן, ווי ער וואָלט איבערגעוואַרט אַ פֿאַרבײַגייענדיקן ווייטיק.

— איך האָב צוריקבאַקומען דאָס לשון און געבראָכן דעם נדר — האָט ער געזאָגט.

הלוי האָט זיך צוגערוקט נענטער מיט דער שטול ציפּורין צוקאָפּנס. אַ קראַנקן־שוועסטער האָט אַרײַנגעקוקט און איז אַוועקגעגאַנגען. זי האָט זיך געײַשובֿט אַ רגע צי זי זאָל אונדז אַרויסשיקן צי נישט, ווײַל ס'איז שוין געווען לאַנג נאָך די אָפֿיציעלע וויזיט־שעהען. אַ פֿרעמדע שטילקייט האָט זיך געשפּירט אין צימער. ציפּורי, זײַן בעט, דאָס טישל, הלוי און איך אויף די שטולן לעבן אים, זענען געווען דער תּחום פֿון זײַן היים.

— מאָרגן אין דער פרי וועט זײַן די אָפּעראַציע — האָט ציפּורי געזאָגט.

דערפאַר האָט מען אים אָפּגעשוירן און אָפּראַזירט. צוליבן אָפּגעגאָלטן קאָפּ האָט אויך זײַן פּנים אויסגעזען רוי און נאַקעט. ער האָט געהאַט אַ חלום וועגן אַ לאַנגן, זומערדיקן טאָג. פאַר נאַכט־צו, מיד פון גיין, איז ער אַראָפּ פון שאָסיי און זיך געמאַכט אַ געלעגער אויף פעלד. ער האָט אַראָפּגענומען דעם רוקזאַק פון די פּלייצעס, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און אויסגע־שפּרייט די קאָלדרע לעבן ווינקל פון שטיינערנעם פּאַרקן, וואָס ווײַטער פון שכנים. ער האָט אויסגעטאָן די שיך און אַרויסגעלייגט פון זעקל זאַכן, וואָס אַ מענטש נעמט מיט ווען ער לאָזט זיך אַרויס אין וועג: אַ האַנטעך, אַ צאָנ־בערשטל, שמעקעדיקע זייף, אַ לײַכטן זשורנאַל, אַן אַלטע פאָטאָגראַפיע, אַ פּאָר איבעריקע זאָקן. די שיך האָט ער געשטעלט צוקאָפּנס, דעם האַנטעך האָט ער אויסגעשפּרייט אויף די שיך און ער האָט זיך אַנידערגעלייגט רוען. דאָס פעלד איז געווען זייער שטיל. די זון איז פאַרגאַנגען נידעריק און רויט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און איז אײַנגעשלאָפן.

— ווו בין איך געווען אין חלום, מײַנע פרײַנד? — האָט ער געפרעגט.

די דאָקטוירים האָבן נישט געוואָלט אויסהערן זײַן חלום. נישט די שוועסטער, נישט די סאַניטאַרן, נישט זײַן ווײַב. די דרויסנדיקע וועלט איז פון תמיד אָן געווען פאַרטומלט מיט נישטיקייטן. פאַרטויבט מיט פאַלשע קלאַנגען. אָבער אין שפּיטאָל איז אַ מענטש נישט געבליבן עלנט. ער האָט אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויפן ווײַטערן בעטל. ווען יענער חולה וועט אַרײַנקומען וועט ער אים פאַרשטעלן פאַר אונדז. יענער האָט אים אויסגע־הערט און פּותר־חלום געווען. אַ זקן אין די אַכציקער, געקומען פון רוסלאַנד מיט יאָרן צוריק. נישט קיין ייִד.

ציפּורי האָט זיך אויפגעזעצט מיט דער הילף פון אַ שטריק, וואָס ער האָט געצויגן. דער צווייטער עק איז געווען צוגעבונדן צום ווענטל צופוסנס פון בעט. צוליבן חלום און צוליבן רוס האָט ער זיך פאַרטראַכט וועגן גאָט. אַפילו איצט, אַ שעה און אפשר מער, איידער מיר זענען אַרײַנגעקומען, ווען די באַ:וכערס זענען אַוועק און אין דרויסן האָט זיך געטונקלט, איז ער געגאַנגען מיטן שטעקן אין קאָרידאָר און האָט געבונדן אין קאָפּ נײַע מחשבות. נײַע צירופים. אַלטע מחשבות מיט אַ נײַעם קנייטש. איז מען געקומען פּלוצלינג און אים אַוועקגעפירט אָפּגאָלן דעם קאָפּ. אַ סאַניטאַר, דאַר ווי אַ שפּאָן,

מיט לויזע הערלעך אַנשטאָט וואַנצעס, האָט אים אַרײַנגעפירט אין אַן אַלקערל, די לענג פון אַ שמאָל בעטל מיט אַ צעראַטענעם צודעק, געשוירן, געפּאַנפּעט, געברומט, געגאַלט, זיך אונטערגעפּײַפט. ציפּורי איז אַרויס פון דאָרטן אַ באַליידיקטער. אַן די האָר, אַן דעם ניגון אין קאָפּ. אָבער ער האָט נישט אויפגעגעבן. ס'האָט נאָך אַלץ געטונקלט אין דרויסן, האָט ער גענומען דעם שטעקן אין דער האַנט און איז ווידער געגאַנגען אַהין און צוריק, אַהין און צוריק, אָפּגעפינען אין קאָפּ דעם ניגון צו גאָט. איז אַנגעקומען נאָך אַ סאַניטאַר, דווקא אַן עלטערער מיט אַ גוטמוטיק פּנים און אים אַוועקגעפירט מאַכן אַ קאַנע. ציפּורי האָט באַדאַרפט צוגרייטן טואַלעט־פּאַפּיר און אַכטונג געבן אַז אַ קלאָזעט זאָל בלײַבן פרײַ בײַ צײַטנס, כדי נישט אַנצוטאָן קיינעם קיין בושות און אַליין נישט ווערן פאַרשעמט בפרהסיא. נו, צו וויפל פון גאָט קען אַ מענטש דערגיין נאָך אַ קאַנע מיט טואַלעט־פּאַפּיר אין דער האַנט ?

— מאַכט מיר אַ חשבון, מיינע באַנקירן, אדרבא.

הלוי האָט אַרויסגענומען די רשימה פון זײַן קעשענע. ער האָט באַדאַרפט פרעגן שושנה ציפּורין וואָס זי האָט געמיינט דורכן טעלעפאָן, אַז איר מאַן האָט נישט גערעדט צו דער זאַך.

ער האָט אָפּגעהוסט און גערייניקט זײַן קול צו רעדן. אין צימער איז אַרײַנגעקומען נאָך אַ חולה. ער האָט זיך פאַרהאַלטן לעבן אונדז, אַרײַנגעקוקט אין הלויס קיישל אַרײַן, זיך אײַנגעבויגן און געטאַפּט די הון.

— דער רוס ? — האָט הלוי געפרעגט מער מיטן בליק, ווען יענער איז שוין געווען אויפן וועג צו זײַן בעט.

— מרדכי מאָרגענשטערן, באַקען זיך מיט מײַנע געסט, — האָט ציפּורי אויסגערופן.

מאָרגענשטערן האָט זיך אומגעקערט. ס'שפּיטאָלישע אַנטועכץ איז געהאַנגען אויף אים קרום און שלאַבעריק. דער בלויער ראָק פאַרשפּיליעט אויף איין קנעפּל. פון פאָרנט האָט זיך געבאַמבלט דער עק פון פּאַסיק וואָס האָט פאַרגאַרטלט די פּיזשאַמע־הויזן. ער האָט זיך ווידער אײַנגעבויגן צום קיישל און געטאַפּט די פאַרוויקלטע הון.

— מען מעג אַ קוק טאָן ? — האָט ער געפרעגט.

— אַדוני ? ! — האָט הלוי אויסגערופן און זײַן פּנים האָט דערציילט וואָס ער האָט געטראַכט וועגן אַזאַ שאלה.

ער האָט איבערגערוקט דאָס קיישל אונטערן בעט און מיטן פוס האָט ער עס געשטופּט נאָך ווײַטער ווי ער האָט געקענט מיט דער האַנט. ער האָט זיך אויסגעדרייט אַ ביסל צוזאַמען מיט דער שטול און אָפּגעקערט זײַן בליק פון מאָרגענשטערנס ווײַבעריש פּנים מיט אַ גאָמבע ווי אַ קנעפּל. שושנה ציפּוריס רשימה האָט געציטערט אין זײַנע הענט. ער האָט אײַנגעהאַלטן זײַן רוגזה. וואָס איז געווען דאָרטן צו קוקן אין זײַן קיישל? ער איז נישט געקומען אַהער פֿאַרענטפֿערן קשיות וועגן גאָט. פרעמדע חלומות האָבן אים געלאָנגווײַליקט. קיין אייגענע חלומות האָט ער נישט געדענקט. דניאלה, זײַן ווײַב, האָט געחלומט וועגן געווינען געלט. זי פלעגט זיך אויפוועקן אין מיטן דער נאַכט זוכן צווישן אירע אייגענע אײַנגעקויפטע לאָטעריע־צעטלען דעם נומער וואָס זי האָט געזען אין חלום. איין מאָל האָט דער נומער פון חלום געשטימט מיטן נומער אויפן צעטל און זי איז געקומען אין באַנק אַרײַן אָפּנעמען ס׳געווינס. אָפּגענאַרט און באַליידיקט האָט זי געחזרט איין מאָל און נאָך אַ מאָל:

— דער נומער אין חלום איז דאָך געווען אַזוי קלאָר.

— געהערט אַזאַ נאָמען ווי קענאַרד בערנזאָן? — האָט הלוי געפרעגט ציפּורין צום צווייטן מאָל. ער האָט זיך אַ רוק געטאָן נענטער צום בעט און דערציילט וואָס ער וועט זאָגן אויפן רעפעראַט אין מושב־זקנים. ער וועט דערציילן וועגן קענאַרד בערנזאָנס פּראָיעקטן רײַך צו מאַכן פעלקער און ברענגען שלום אויף דער וועלט. נאָך אין די אַלטע צײַטן האָט מען געוווּסט, אַז מיסחר און עשירות פאַרן זיך מיט שלום. אָן שלום איז קיין מאָל נישט געווען קיין מיסחר און מלחמות האָבן פאַראָרעמט די וועלט. מען האָט געוואָרנט אַ מאָל אַ פּערסישן מלך, ער זאָל נישט אָנהויבן קיין מלחמה, ווײַל ער האָט געהאַט וואָס צו פאַרלירן. די מערב־אייראָפּעיִשע לענדער זענען געוואָרן קלוג און צוליבן שלום פאַרוואַנדלט זייערע מדינות אין איין גרויסן שותּפותדיקן מאַרק.

— זײַ מוחל, צי האָט מען דערמאָנט דעם נאָמען קענאַרד בערנזאָן? — האָט מאָרגנשטערן ליגנדיק אין בעט געפרעגט.

מיר זענען געזעסן אויסגעדרייט צו אים מיט דער פּלייצע. ציפּורי איז געווען פאַרטאָן אין אַנדערע חלומות. וואָס וואָלט געשען ווען ער וואָלט דעם נדר נישט געבראָכן? אויב ער האָט געבראָכן דעם נדר קען דאָך געמאָלט

זײַן אַז ער האָט זיך נישט אָנגעטראָפֿן פּנים־אל־פּנים מיטן ריכטיקן טויט. אויב דער טויט איז נישט געווען אמת, קען דאָך געמאָלט זײַן אַז זײַן לעבן איז נישט געווען פֿאַלש.

מאָרגענשטערן האָט איבערגעחזרט זײַן שאלה.

— ווער איז ער? — האָט הלוי געפֿרעגט.

— אַ לערער פֿון מוזיק. אַן אינטעליגענטער מענטש. ער ווייסט מאַכן געלט, — האָט ציפּורי געענטפֿערט. שטילערהייט האָט ער צוגעגעבן, אַז יענער האָט פֿאַרקויפֿט אַ פֿאַבריק וואָס ער האָט געירשנט פֿון זײַן טאַטן, אויפֿגעגעבן מוזיק און זיך גענומען צום מיסחר מיט אַקציעס.

— אַן אַלטער בחור, — האָט ציפּורי געזאָגט.

הלוי האָט אַרײַנגעלייגט די רשימה אין זײַן קעשענע, אָפּגערוקט דאָס קיישל פֿון אונטער ציפּוריס בעט און צוגעגאַנגען מיט דעם צו מרדכי מאָרגענשטערן:

— מען מעג קוקן. סך־הכל אַן אָפּגעפּליקטע הון אויף שבת.

— איך מיין נישט די הון, נאָר די בערזע, — מאָרגענשטערן האָט אָנגעוויזן אויפֿן פּאַפּיר אין וועלכן די הון איז געווען פֿאַרוויקלט.

ערשט איצט האָט הלוי אָנגעשטעלט אַ פֿרײלעך פּנים. ער האָט פּאַמעניש אויפֿגעוויקלט אַן עק צײַטונג און געזוכט די דאַטע.

— נישט קיין פֿרישע באַריכטן. שוין אַ וואָך אַלט, — האָט ער געזאָגט.

— מענטשט, שוין אַ חודש צײַט נישט געהאַלטן אַ ריכטיקע בערזע־צײַטונג אין דער האַנט, — האָט מאָרגענשטערן געשריגן.

אָן צו רעדן אָן איבעריק וואָרט האָבן זיי אויסגעזוכט אַ טאַבלאָט און איבערגעוויקלט די הון.

— וועמען האָב איך צו דאַנקען? — האָט מאָרגענשטערן געפֿרעגט.

הלוי האָט געזאָגט זײַן נאָמען און זיך פֿאַרגעשטעלט ווי קענאַרד בערנזאָנס צוקונפֿטיקער פֿאַרשטייער אין לאַנד. מאָרגענשטערן האָט אָנגעכאַפּט הלוין בײַ די הענט. זיי האָבן זיך געהאַלטן בײַ די הענט כּל־זמן זיי האָבן גערעדט. זינט מאָרגענשטערן האָט געלייענט קענאַרד בערנזאָנס ביכער זענען טרוקענע ציפֿערן געוואָרן מוזיק אין זײַנע אויערן. ער האָט גערופֿן בערנזאָנען, "קענאַרד" און דערציילט אַז יענער האָט איבערגעלאָזט אַ כּלה אין אַמעריקע און פֿאַרפֿירט אַ יונג מיידל אין שווייצאַריע. יונגע מיידלעך האָבן אין אַ זאַל

מיט שפּיגלען געטאַנצט פֿאַר אים נאַקעטערהייט. קענאַרד בערנזאָן האָט געהאַלטן בכבוד זײַן מאַמען. פּרינצן האָבן געפּראַוועט פֿאַר אים סעודות. די רײַכסטע הײַזער אין דער וועלט זענען געשטאַנען פֿאַר אים אָפֿן. אָפּענ־הײַמער. ראָטשילד...

— אויך ישראל ? — האָט מאָרגענשטערן געפֿרעגט.

— ער וועט קומען צו דער ערשטער קב״א־קאָנפֿערענץ אין לאַנד, — האָט הלוי אים פֿאַרזיכערט. דאָס גאַנצע געלט פֿון די פֿאַרקויפֿטע אַקציעס וועט אינוועסטירט ווערן אין ישראל. קיין איין לירה וועט נישט אַרויסגעפֿירט ווערן אין דרויסן. פֿאַרקערט נאָך. מען וועט אַריבערפֿירן קיין ישראל געלטער פֿון אַנדערע לענדער. אַנדערע אימפּעריעס וועלן זיך פֿאַרקוקן אויף בערנזאָנס מעשים און זיי וועלן גיין אין זײַנע פֿוסטריט. די ישראלדיקע ווירטשאַפֿט וועט באַקומען פֿליגל.

הלוי האָט זיך צוריקגעזעצט מיטן קיישל לעבן ציפּוריס בעט. ער האָט אָפּגעמאַכט מיטן מוזיק־לערער, אַז ווי נאָר יענער וועט ווערן געזונט וועט ער אַריבערפֿירן זײַן געלט צו אונדז אין באַנק אַרײַן און קויפֿן קב״א־אַקציעס. הלוי האָט אים צוגעזאָגט אַ פֿאַרבעטונג צו דער קב״א־קאָנפֿערענץ און אים באַקענען פּערזענלעך מיטן אָנפֿירער פֿון דער קב״א געזעלשאַפֿט.

— הײַנט אַ מזלדיקער טאָג, — האָט ער גערעדט צו זיך און אַרויסגענומען די רשימה פֿון דער קעשענע.

ציפּורי האָט פּאַמעלעך נאָכגעלאָזט דעם שטריק און געבליבן ליגן פֿאַרמאַטערט אין בעט. דער דריטער חולה, דער רוס, איז אַרײַנגעקומען. געטאָן אַ ווינק. פֿאַרבײַגעגאַנגען אָן אַן איבעריקער תנועה פֿון זײַן גלײַכן גוף.

— אַ סטאָיקער, אויב איר ווייסט וואָס איך מיין, — האָט ציפּורי שטיל געזאָגט, יענער זאָל נישט הערן. ער האָט גערעדט בלחש און גערופֿן מיט אַ פֿינגער מיר זאָלן זיך צורוקן נענטער.

— אַן אָפֿיציר אין דער צאַרישער אַרמיי. די באָלשעוויקעס האָבן דער־הרגעט זײַנע קינדער. ער איז אַנטלאָפֿן מיטן ווײַב קיין דײַטשלאַנד. געלאָפֿן פֿון היטלערן איבער פּוילן קיין טשעכאָסלאָוואַקיע. זיך דערשלאָגן צו אונדז. אַ פֿערטל יאָרהונדערט גלות אין ישראל.

— ער האָט עפּעס געלט ? — האָט הלוי געפֿרעגט.

— די הסתדרות האָט אים אָפּגענאַרט. געאַרבעט ווי אַ שיף־אינזשעניר

אין פּאַרט און אַרויס אויף פּענסיע מיט אַ נישטיק געהאַלט. וואַסער אויף קאַשע. דערפאַר האָט ער אין זײַן עלטער נאָך באַדאַרפט צואַרבעטן. אויך ס׳ווײַב האָט עפּעס צופאַרדינט. איבערגעזעצט שריפטן פון סאַנסקריט.

מיר האָבן זיך צוגעבויגן נענטער און ציפּורי האָט איבערגעגעבן בסוד אַז ער האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיטן רוס און זײַן ווײַב און פון איצט אָן און ווײַטער וועלן זיי מער נישט האָבן דאגת־פּרנסה. ער וועט זיי ביידן נעמען צו זיך אין מושב־זקנים, ווו זיי וועלן האָבן פון כל־טוב אויפן גאַנצן לעבן.

— זיי וועלן צאָלן וואָס זיי האָבן. די קליינע פּענסיע.

— דאָס אַלץ ? — האָט הלוי זיך געחידושט.

— דער רוס וועט מיך לערנען אויסהאַלטן ווייטיק און נישט מורא האָבן פאַרן טויט.

— און גברת שושנה ווייסט וועגן עסק ? — האָט הלוי געפרעגט.

ס׳איז געווען אַ גוטע געלעגנהייט צו דערמאָנען די רשימה. נאָר ציפּורי האָט אָנגעהויבן ציִען דעם שטריק און זיך אויפגעזעצט.

— אויך אים וועט מען מאָרגן אָפּערירן, — האָט ער געזאָגט, אָנווײַזנדיק אויפן רוס. ער האָט נישט געענטפערט אויף הלויס שאלה און גערופן :

— לודוויג קוטאָף. דײַן ווײַב איז דאָ פריִער געווען. זי האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף דיר. זי האָט זיך אַהיימגעאײַלט געבן אַ קעצל עסן.

ער האָט געוווּנקען מיר זאָלן אָנקוקן אַ מענטש וואָס האָט זיך באַפרייט פון אימת־המוות. קוטאָף האָט ליגנדיק אין בעט פאַרשטעלט זײַן פּנים מיט אַ שאַכברעטל און געשפּילט אויף אויסנווייניק שאָך מיט זיך אַליין.

— דײַן ווײַב האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה. זאָל זי וואַרטן אויף דיר. אָדער גיין צום קעצל. אַ שוואַרץ קעצל איז בילכער פון דיר, — האָט ציפּורי געזאָגט.

שטילער אַ ביסל האָט ער אונדז דערציילט, אַז דער רוס און זײַן ווײַב זענען אַרײַן אין אַ צרה. זיי האָבן אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט מיט אַ היגן פּאַפּ וועגן קבורה־ענינים און שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז יענער איז אַ פאַרשטעלטער אַגענט פון קרעמל, אַ באַלשעוויק. זיי וואָלטן זייער נישט געוואָלט נאָך אַ מאָל אַרײַנפאַלן אין קאָמוניסטישע הענט. ציפּורי האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם דורך אַ צופאַל. אַ חולה אין שפּיטאָל, אַ קאָרטן־וואַרפער, האָט פאָרויסגעזאָגט קראַנקע זייער גורל. קוטאָף האָט געוואָלט

וויסן ווו ער וועט ווערן באַגראָבן. ער האָט זיך מתוודה געווען פאַר ציפּורין, אַז פון דעם עגמת־נפש איז ער נישט פעיִק געווען זיך באַפרייַען.

— גיט אַן עצה, מייַנע באַנקירן, — האָט ציפּורי געזאָגט.

הלוי האָט געעפנט די רשימה. אָבער דער רוס איז צוגעקומען צו אונדז מיטן שאַכברעטל אין דער האַנט.

— ערנעסטינאַ האָט דערציילט די געשיכטע מיטן קעצל? — האָט ער געפרעגט. ער איז געווען הויך און ביינערדיק און שטאַרק. ציפּורי האָט אַנגע־רופן אונדזערע נעמען און אויסגערעכנט זייַן ייחוס. זייַן טאַטע האָט געבויט אייַזנבאַנען אין רוסלאַנד, פאַרשטאַנען אייַנשטיינס טעאָריע, אַ טאָלסטאָ־יאַנער, זכות־אָבות, פּרינץ אַלעקסאַנדער נעווסקי.

— באַגלייט דעם רוסישן צאַר אויף אַ פערד, — האָט ער צוגעגעבן.

דער רוס האָט דערציילט ווי אַזוי ער און זייַן ווייַב האָבן, אַרויסקוקנדיק דורכן פענצטער פון שטוב, געזען ווי ייִנגלעך אין הויף האָבן געוואָרפן און געקאָפּעט אַ שוואַרצע פּילקע. ווען ס׳איז זיי קלאָר געוואָרן אַז די פּילקע איז אַ לעבעדיק קעצל איז ערנעסטינאַ אַראָפּ אין הויף און אַרויפגעבראַכט דאָס קעצל אין שטוב אַרייַן.

אויך מאָרגענשטערן איז צוגעקומען. ער האָט געוואָלט הערן די מעשה. ער האָט געהאַט קליינע, ווייכע הענט. אויף דער בערזע־צייַטונג האָבן זיך אַנגעזען פלעקן פון דער הון. דער רוס האָט אָוועקגעלייגט דאָס שאַכברעטל אויף ציפּוריס בעט. ער האָט אויפגעהערט רעדן. סאָלאָמיר איז אַרייַנגעקומען אין צימער. ער האָט געצויגן פאַר אונדז אַלעמען זייַן קאַפּעליוש, אַראָפּ־געשאָקלט רעגן־טראָפּנס פון זייַן אויפגעקנעפּלטן לעדערנעם מאַנטל. ער האָט זיך פאַרבייַגעשטופּט דעם רוס און אָוועקגעלייגט אויפן שאַכברעטל אַ בויגן פּאַפּיר וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון זייַן מאַנטל־קעשענע. ער האָט אונדז אַלעמען באַטראַכט און גערעדט צו ציפּורין. ס׳האָט זיך אַנגעזען אויף אים אַז ער האָט נישט געהאַט קיין צייַט און זיך זייער געאייַלט.

— מען דאַרף וויסן ווו דאָס איבעריקע געלט ליגט באַהאַלטן, — האָט ער געזאָגט.

ציפּורי האָט אויפגעהויבן דאָס פּאַפּיר צום פּנים. פון אַ זייַט האָט מען געזען ווי ער האָט געמאַכט מיט די ליפּן. ער האָט געטייַטלט מיט אַ פינגער. באַלד האָט ער אָוועקגענומען דעם בויגן פון פּנים און געקוקט אויף אונדז

מיט אַ געטוישטן בליק. איין מוילווינקל האָט געצאַפּלט, ווי ס׳וואָלט אונטער־געטענצלט אויפֿן אָרט. הלוי האָט זיך אונטערגעהויבן פֿון דער שטול און אַרײַנגעקוקט אין בויגן.

— איך האָב אויך אַזאַ רשימה, — האָט ער זיך אָנגערופֿן און דערלאַנגט ציפּורין דעם אויפֿגעפֿאַלדעוועטן בויגן, וואָס ער האָט ביז איצט געהאַלטן אין דער האַנט. חיים ציפּורי האָט געהאַלטןביידע רשימות פֿאַר די אויגן און פֿאַרגליכן. ער האָט נישט געקענט רירן דעם האַלדז, האָט ער גערירט די בויגנס. ס׳איז נישט געווען קיין קאַפּיע, נאָר אַן איבערגעשריבענע רשימה, שושנהס האַנטשריפֿט. ציפּורי האָט זיי צונויפֿגעלייגט איינע אויף דער אַנדערער, געמאַכט אַ פֿאַלד און צעריסן אויף אַ העלפֿט. ער האָט געמאַכט נאָך אַ פֿאַלד און צעריסן אויף אַ פֿערטל.

— איך גרייט זיך צו שטאַרבן און וואָס ליגט מײַן ווײַב אין זינען? איך שטיי פֿאַרן טויט און מײַן ווײַב שיקט צו מיר שליחים מיט רשימות. איך האָב זיך געמאַכט אַ געלעגער אויפֿן בית־עולם, אַ געלעגער אויפֿן בית־עולם, אַ געלעגער.

ציפּורי האָט אָנגעהויבן צערײַסן די בויגנס אויף פּיץ־פּיצלעך. ער האָט געריסן מיט הנאה. דער מוילווינקל האָט זיך אײַנגעשטילט.

— ווײַבער! ווײַבער! געלט! — האָט ער גערופֿן.

ער האָט צעשאָטן די פּיצלעך פּאַפּיר אַרום בעט אויפֿן דיל. פּאַפּירלעך זענען געבליבן ליגן אויפֿן צודעק. ער האָט געקליבן איינס בײַ איינס מיט צוויי פֿינגער און זיי אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון בעט ווי טויטע פֿליגן. מיט אַ מאָל האָט ער אָנגעהויבן פֿאָכען מיט די הענט:

— איך וויל נישט שטאַרבן! כ׳וויל נישט שטאַרבן! — האָט ער געשריגן.

ער האָט אַ שלעפּ געטאָן פֿון אַהינטער זיך דאָס קישן, אַ שלײַדער געטאָן אויפֿן דיל. ער האָט געקלאַפּט מיט די פֿיס:

— כ׳וויל נישט קיין שיך צוקאַפּנס!

דער רוס האָט זיך צוגעשטופּט צו ציפּורין, אים אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט בײַ די אַקסלען, און אים פּאַמעלעך אַראָפּגעדריקט, ביז ער איז געבליבן ליגן פֿאַרמאַטערט. ווען ער האָט אים אָפּגעלאָזט האָט ציפּורי זיך מער נישט גערירט. דער רוס האָט אויפֿגעהויבן דאָס שאַכברעטל וואָס איז

אַראָפּגעפאַלן אויף דיל און ער האָט עס געהאַלטן איבער ציפּוריס פּנים. ער האָט מיט דער האַנט אַ גלעט געטאָן ציפּוריס באַק אָפּצווישן אַ פייַכטקייט און ער האָט גערעדט צו אים פּאַמעלעך, ווי צו אַ קליין ייִנגל:

— מיר שפּילן אין שאַך. נעם זיך אין זיבען די פיגורן.

ער האָט אונטערגעוואַרט. אונדז געגעבן אַ סימן אַוועקצוגיין און גערופן:

— פּיאָן ה', 4...

*

מיר האָבן זיך אויפגעהויבן און זענען אַרויס פון צימער. אין קאָרידאָר האָבען מיר געהערט דעם רוס אָנזאָגן זייַן צווייטן גאַנג. טירן פון צימערן זענען געשטאַנען אָפן און לענג־אויס דעם קאָרידאָר האָבן זיך אָנגעזעצן קראַנקע אין די בעטן. דאָ און דאָרט איז שוין אַ חלק קאָרידאָר געשטאַנען אין שאָטן. סאָלאָמיר האָט איבערגעריסן דאָס שווייַגן. ער האָט דערציילט וועגן אַ בינטל באַנקנאָטן וואָס ער האָט געפונען באַהאַלטן אין מושב־זקנים די ערשטע טעג ווען ער האָט זיך דאָרטן אָנגעדונגען ווי אַ שומר אין די נעכט. שושנה ציפּורי האָט שיִער נישט געחלשט, ווען ער האָט איר געוויזן דאָס פּעקל. זי האָט געהאַט מזל וואָס עס איז אַרייַנגעפאַלן אין ערלעכע הענט. אַ פרעמדער וואָלט עס צוגענומען און געמאַכט אַ שווייַג. שושנה האָט נאָך דעם פאַרשטאַרקט די שמירה אויף די מקומות ווו איר מאַן האָט באַהאַלטן געלט. זי האָט געמאַכט רונדעס. אין די פרימאָרגנס, מיטאָג־צייַט, פאַר נאַכט, פאַרן שלאָפן גייין און קאָנטראָלירט צי דער חשבון שטימט.

הלוי איז שוין גאַרנישט געווען צופרידן. ווען סאָלאָמיר וואָלט נישט אָנגעקומען וואָלט ער זיך שוין דעררעדט מיט ציפּורין און יענער וואָלט אים אויסגעזאָגט ווו ער האָט באַהאַלטן דאָס געלט. געדולד. נישט איין מאָל האָט ער מיט זייַן געדולד געוווּנען דעם צוטרוי פון אַ קליענט.

— וואָס האָט זי זיך אַזוי געאייַלט, שושנה? — האָט ער זיך אָנגערופן.

אויפן וועג אין שפּיטאָל אַרייַן האָט הלוי זיך געריכט אַז ער האָט געוווּנען שושנה ציפּוריס צוטרוי. זי איז נישט געגאַנגען וועגן דעם ענין צו אַ דאָקטער, אַ פּסיכאָלאָג, אַ רב. זי האָט פאַרטרויט דער באַנק דעם סוד. הלוין האָט זי געבראַכט די רשימה.

— מײַן ליבער הער סאַלאַמיר, פֿון אײַלעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס, — האָט הלוי אים געמוסרט.

אַ קראַנקן־שוועסטער האָט אונדז פֿאַרהאַלטן אין וואַרטזאַל. די זעלבע וואָס האָט פֿריִער אַרײַנגעקוקט מיט חשד אין צימער און זיך געיִישובֿט צי זי זאָל אונדז הייסן גיין אַהיים. איצט האָט זי זיך באַגריסט זייער העפֿלעך, אָוועקגעבעטן הלוין אָן אַ זײַט און אים אײַנגערוימט אַ סוד. ער איז איר נאָכגעגאַנגען אין איר ביוראָ. סאַלאַמיר האָט פֿאַרקנעפּלט זײַן לעדערנעם מאַנטל. די אַרבל האָבן געהאַט צוויי קאָלירן. ברוינע און גרוי־אָפּגעריבענע פֿאַלדן. ס׳האָבן זיך אָנגעזען סימנים פֿון איבערגעשטעלטע קנעפּ. ס׳איז געווען אַ מאָל אַ דאַמסקער מאַנטל און ער האָט אים אײַנגעהאַנדלט פֿאַר אַ שיבוש.

קראַנקע אין וואַרטזאַל האָבן געשפּילט אין רעמי אַרום אַ רונדיקן טיש. איינער פֿון זיי האָט געדרעמלט מיט די קאָרטן אין די הענט. ער איז געווען ענלעך אויפֿן חולה וואָס מיר האָבן פֿריִער אָנגעטראָפֿן אין קאָרידאָר, בעת מיר זענען אַרײַן אין שפּיטאָל, מיטן טרײַבל פֿון וואַנט־טעלעפֿאָן לעבן אויער, אַ פֿאַרשפּיצטע נאָז און דאָס מויל אָפֿן. דער ראַדיאָ פֿון זאַל האָט אָנגעזאָגט נײַעס. די קאָרטן־שפּילערס האָבן געמאַכט אַ רעש. איינער פֿון זיי האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין אַקסל דעם פֿאַרדרעמלטן חולה מיט די קאָרטן אין די הענט. יענער האָט זיך איבערגעוועקט. זײַן אָפֿן מויל איז געוואָרן פּוסטער. ער האָט אַרויסגעלעגט אַ קאָרט און — צוריק אײַנגעדרעמלט.

הלוי און די קראַנקן־שוועסטער זענען אַרויס פֿון איר ביוראָ. זיי האָבן זיך ביידע געזעגנט היימיש ווי גוטע־פֿרײַנד.

— איך וועל אויף זיכער קומען, — האָט די שוועסטער גערופֿן.

סאַלאַמיר האָט אויף שטום־לשון זיך געפֿרעגט אויף איר.

— אַ נײַע קליענטין פֿאַר אונדזער באַנק, — האָט הלוי פֿײַערלעך געענטפֿערט.

דאָס אַראָפּגיין פֿון די טרעפּ איז אָנגעקומען גרינגער הלוין. אונטן איז געווען קאַלט. ס׳האָט זיך געשפּירט דער ווינט פֿון דרויסן. די זעלנערין אויפֿן לאַנגן בענקל האָט נאָך אַלץ געוויינט.

— ווו האָט אַ קאַוואַליר אָפּגעפּירט זײַן דאַמע אין אַ רעגנדיקער נאַכט ? — האָט הלוי געפֿרעגט.

ער האָט אַרײַנגעאָטעמט דעם ווינט, געצויגן די פּלייצעס און זיך געשפּירט אויפגעלייגט. ייִאוש האָט זיך נישט געהאַלטן בײַ אים צו לאַנג.

— שפּילן אין קאָרטן, — האָט סאַלאָמיר געענטפערט.

— און ווען עפנט מען דעם מוזיי ?

סאַלאָמיר האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף מײַן אַקסל :

— פרעג אים, — האָט ער געזאָגט.

די קאָרטלעך צו פאַרבעטן מענטשן צו דער עפענונג פון מוזיי זענען שוין געווען אָפּגעדרוקט. מען האָט איבערגעלאָזט פרײַען פּלאַץ אויפצושרײַבן מיט דער האַנט דעם טאָג, די שעה, דעם חודש, דאָס יאָר. דבורה מישורי האָט געמאָנט בײַ אים ער זאָל אָפּבינדן די בוידעמשטריק און אויפהענגען די בילדער. ער האָט איר צוגעזאָגט אויף זייער ערשטער באַגעגעניש אַ שפּאַציר אין זײַן שיינער קונסט־גאַלעריע.

דעם טאָג ווען איך האָב זי געטראָפן דאָרטן אין זײַן הויף האָט ער מיך גענומען פאַר אַן עדות אַז ער וועט אין גיכן זײַן וואָרט מקיים זײַן. ער האָט מיך נישט געלאָזט דעמאָלט אַוועקגיין, ביז איך וועל פאַרזוכן די זופּ וואָס ער האָט אָפּגעקאָכט. אויסגעשטאָט אין זײַן געלער גאַרדעראָבע, סוועטער, הויזן, העלע גלאַנציקע שיך, איז ער געגאַנגען פאָרויס און בײַ דער טיר געוויזן דעם וועג מיר זאָלן אַרײַן פאַר אים. מיר האָבן זיך פאַרבײַגעשטופּט דעם טיש. דער מוזיי האָט פאַרשמעקט מיט גריץ. סאַלאָמיר האָט באַוויזן איבער־ציִען דאָס בעטגעוואַנט מיט פרישע לײַלעכער, וואָס דבורה האָט געבראַכט מיט זיך אין פּעקל צווישן די ביכער. קיין סך פּלאַץ לעבן טיש איז נישט געווען און זי האָט זיך געזעצט אויפן בעט. ער האָט זיך נישט געריכט אויף צוויי געסט מיט איין מאָל און ס'האָט אים אויסגעפּעלט אַ לעפל, אויך אַ דריטער טעלער, און ער האָט אַרויסגעגעסן פון טעפּל אין וועלכן ער האָט די גריץ געקאָכט. ער האָט געבויגן דאָס טעפּל און געזופּט. ער האָט געעפנט אַ בוך, פון די וועלכע דבורה האָט געבראַכט, און געלייענט דעם שער־בלאַט. די עטיק פון ברוך שפּינאָזע. ער האָט אויפגעהערט זופּן און דעקלאַמירט אַן אַקסיאָמע. אַ דעפיניציע. קוקנדיק אויף דער פאָטאָגראַפיע וואָס איז געווען דאָרטן אַרײַנגעקלעפּט האָט ער זיך אײַנגעעקשנט אַז דבורה מישורי האָט געכאַפּט אַן ענלעכקייט אויפן אַמסטערדאַמער פילאָסאָף. די פריזור. דער שמייכל. דער קוק.

— שוועסטער שפּינאָזע, — האָט זי סאָלאָמיר גערופן.

ווען זי האָט זיך אויסגעצויגן אויפן בעט האָט סאָלאָמיר אַ ווונק געטאָן איך זאָל זיך אָפּטראָגן. ביז איך האָב געפונען מײַן מאַנטל און אַרויס אין דרויסן האָט ער זיך געשטעלט לעבן איר פאָרמולירן שפּינאָזעס באַגריף וועגן גאָטהייט.

די סטאַנציע איז נישט געווען ווײַט פון שפּיטאָל. אין דרויסן האָט נאָך גערעגנט דין און טריב. מיר האָבן אויפגעשטעלט די קאָלנערס פון אונדזערע מאַנטלען און געוואַרט פאַרשוויגן אין זיך, יעדער איינער אויף זײַן אויטאָבוס, צו פאָרן אַהיים.

פרק ג

שפּעט אין ווינטער

סאַלאַמיר איז מיטגעגאַנגען מיר ווײַזן ווו יהושע רימער האָט געוווינט. מ׳האָט באַדאַרפט זײַן חתימה צו באַשטעלן פּאַר זײַן געלט קב״א־אַקציעס. ער האָט מער נישט פאַרקויפט בייגל אויף די טרעפּ פון קינאָ און דעם אַדרעס האָט ער בײַ אונדז נישט איבערגעלאָזט. ער האָט נישט געוואָלט מען זאָל אים שיקן בריוו, טענהנדיק אַז די פּאָטשט וועט נישט טרעפן צו אים אין שטוב אַרײַן. ער האָט געוווינט אין דער אָרעמער געגנט און סאַלאַמיר איז סײַ ווי געווען אויף זײַן וועג אַהיים. דבורה מישורי האָט געוואָרט אויף אים. זי האָט אָנגעקליבן עטלעכע פרײַע טעג אין קיבוץ און געקומען רייניקן דעם צריף.

— זי האָט מיך גוט אויסגערייניקט, — האָט ער געזאָגט.

איר געלט פון דער באַנק אין תל־אָביב האָט מען אַריבערגעפירט צו אונדז. ער האָט איר פאַרגעלייגט אינוועסטירן דאָס קאַפּיטאַל אין מוזיי און ווערן אַ גלײַכער שותף. מען וועט אויפשטעלן ביבליאָטעקן אויך אין אַנדערע שטעט. דבורה מישורי האָט אײַנגעקויפט קב״א־אַקציעס. הלוי האָט איר געוויזן טאַבעלעס לויט וועלכע מען האָט געקענט פאַרשטיין וויפל געלט מען קען דערבײַ פאַרדינען.

— וואָס האָט ער זיך באַדאַרפט אַרײַנמישן און פאַרדרייען אַ קאָפּ, — האָט סאַלאַמיר זיך אָנגערופן. ער האָט גענומען פעסטער דאָס פּעקל וואָס ער האָט געהאַלטן אונטערן אָרעם.

מיר זענען געגאַנגען דורך אָפענע הייף פאַרוואָרפן מיט שמוץ און לענג־אויס שמאָלע, געדרייטע געסלעך אָן טראָטואַרן. אַן אויטאָ איז פאַרבײַ, האָבן מיר זיך צוגעדריקט מיט די רוקנס צו אַ וואַנט. אַן איבערגעפאָרענע קאַץ איז געלעגן אויפן ברוק, די פעל פאַרטריקנט און צוגעפּלאַטשיקט צום

אַספּאַלט מיט סימנים פון ציין אין אויפגעריסענעם מויל. קאַלירטע קעץ מיט נידעריקע בײַכער זענען אַרויסגעשפּרונגען איינע נאָך דער אַנדערער פון אַן אָפענעם מיסטקאַסטן. אין די אונטערשטע הייף, אין דעם וואַדי, האָט מען געוווינט אין שפּײַכלערס, אין שטאַלן. פון אַ פריַיען פּלאַץ האָבן מיר אַראָפּגעקוקט אויף געלאַטעטע דעכער פאַרלייגט מיט שטיינער, שטאַבעס, דרענגער. דער ווינט האָט געיאָגט אַ לויזע בלעך. פּײַכטע פלעקן קאַלך האָבן זיך אָנגעזען אויף אָפּגעשיילטע ווענט. אַ פענצטער פאַרצויגן מיט אַ באַבלימט פאַרהאַנגל האָט אַ פּעכל געטאָן פאַר די אויגן. פון אַן אָפּגעצוימט הייפל, טיף ווי דער בוים וואָס איז דאָרט געוואַקסן, און וואָס זײַנע אייבערשטע ריטלעך האָבן זיך אויסגעגלײַכט מיט דער נידעריקער וואַנט לעבן וועלכער מיר זענען געגאַנגען, האָט זיך געהערט דאָס געשריי און דאָס בילן פון אַ מענטש און אַ הונט. דער דרויסן האָט געיאָגט מיט ווינט פון ים, מיט לײַכטע און שווערע וואָלקנס, מיט שטיקער הימל בלוי און פריש.

— ער האָט זיך מיר עפּעס שטאַרק געביטן, — האָט סאַלאָמיר געזאָגט וועגן הלוין און זיך אָנגעבויגן איבער דער שטיינערנער וואַנט אַראָפּצוקוקן אין הויף אַרײַן.

— ער יאָגט זיך נאָכן קב״א־פּאָסטן, — האָב איך געזאָגט און אויך אַראָפּ־געקוקט. דער בוים האָט נישט געהאַט קיין בלעטער. דער זקן און דער הונט האָבן זיך געריצט איינער מיטן אַנדערן.

— ער איז נאָך אַלץ נישט זיכער מיט דער שטעלע? — האָט סאַלאָמיר געפרעגט.

הלוי האָט איבערגעטריבן פאַר דעם געוועזענעם מוזיק־לערער, מרדכי מאָרגענשטערן, ווען ער האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר אים אין שפּיטאָל ווי קענאַרד בערנזאָנס פאַרשטייער אין ישראל. ס'זענען געווען נאָך בעלנים אויפן אַמט און דאָס געיעג צווישן זיי צו פאַרקויפן וואָס מער קב״א־פּאַפּירן האָט זיך פאַרשטאַרקט. מען האָט נישט געוווּסט גענוי וואָס די אַנדערע פּרעטענדענטן אויפן פּאָסטן האָבן אויפגעטאָן. ס'האָט זיך הלוין אויסגעדאַכט אַז ער איז געבליבן הינטערשטעליק און דער ספק האָט אים געטריבן פון עליות צו ירידות. אין מיטן דער אַרבעט האָט ער זיך אויפגעשטעלט און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, געגלעט מיט אַ האַנט דעם פּליך. ער האָט דיקטירט בריוו קיין שווייצאַריע, וואָס מען האָט נישט אָוועקגעשיקט נאָר

אַרײַנגעשטופּט אין אַ שופלאַד צוזאַמען מיט אַנדערע פֿאַרלעגענע דאָקומענטן. עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער דיקטירט נאָך אַ בריוו. ער האָט אָנגעהויבן איבערשטעלן זאַכן אויף זײַן טיש. דעם קאַלענדאַר, דאָס שמאָלע שילדל מיט זײַן נאָמען אויסגעקריצט אין שוואַרצע אותיות — מנחם הלוי; דעם וואַזאָן מיטן קאַקטוס־בלימל אויפֿן סאַמע עק לעבן טעלעפֿאָן. די דרײַ חלקים פֿון צעבראָכענעם צמח האָבן זיך אָנגענומען און אָנאַרכין האָט איינס געשענקט הלוין אַ מתנה. ער האָט אָנגעהויבן שאַצן מענטשן וועדליק זייער שטעלונג צו דער קב״א־געזעלשאַפֿט. אַזעלכע וואָס האָבן שוין געקויפֿט און אַזעלכע וואָס האָבן נאָך נישט געקויפֿט בערנזאָנס פּאַפּירן. ער איז אָפֿט אַרײַנגעפֿאַלן אין פֿילאָזאָפֿישע שטימונגען און געפֿרעגט: מה יתרון לאדם. צו מאָל האָט ער אָנגעכאַפּט ווען מען בײַם אָרעם און גלײַך נאָכגעפֿרעגט:

— געהערט פֿון קענאַרד בערנזאָן?

— ווען קומט ער שוין צו פֿאָרן קיין ישראל? — האָט סאָלאָמיר געפֿרעגט.

אויך ער האָט געוואַרט אויף אים. ער האָט בדעה געהאַט אַ שמועס טאָן מיט קענאַרד בערנזאָנען וועגן מוזיי, די ביבליאָטעק און בכלל וועגן דער מערכה פֿון יידיש אין לאַנד. מיט אַ גרעסערער סומע געלט וואָלט מען געקענט אויפֿטאָן גרויסע זאַכן. ער האָט געהערט פֿון הלוין אַז קענאַרד בערנזאָן האָט נישט דערלאָזט אַז דער פֿילהאַרמאָנישער אָרקעסטער אין באָסטאָן זאָל אונטערגיין. דאָס זעלבע וועגן אַ טעאַטער־טרופּע אין דער שווייץ. די אָפּערע אין תל־אָביב. ער וועט אויסאַרבעטן אַ גענויען פּראָיעקט. אַ נאָמען פֿאַרן מוזיי האָט ער שוין צוגעטראַכט.

— זומער וועט זײַן די קב״א־קאָנפֿערענץ, — האָב איך געזאָגט.

נאָך צוויי מאָל אָפּלייגן איז דאָס שוין געווען די סופֿיקע דאַטע. דערפֿאַר האָבן מיר געהאַט אַזוי פֿיל אַרבעט. מיר האָבן אָנגעהויבן קומען אין באַנק אַרײַן פֿריִער פֿאַר אַנדערע פּקידים און געבליבן איבערשעהען כדי אויספּייען אָפּטאָן די לויפֿיקע ענינים. אומוויכטיקע האָבן מיר אָפּגעלייגט אויף שפּעטער. מיר האָבן נישט סאָרטירט אין די פּרימאַרגנס פֿאַרלעגענע דאָקומענטן צו זוכן אַזעלכע וואָס זענען געוואָרן דרינגלעך. מיר האָבן באַלד נישט אויפֿגערוקט די שופֿלאַדן מיט פֿאַרשיידן־קאַליריקע פּאַפּירן, מיט נישט־אָפּגעשניטענע קופּאָנען, מיט נישט־געענטפֿערטע בריוו. איך האָב אויפֿגעהערט שרײַבן צו פֿאַרשטאַרבענע, זיי זאָלן קומען אָפּנעמען אָבליגאַציעס מיט אַ שטעמפּל:

למוטב בלבד, וואָס די מדינה האָט זיי געצוואונגען קויפן אין די יאָרן פון דער מלחמה תש״ח—תש״ט.

— זיי מעגן אַלע וואַרטן, — האָט הלוי געברומט אונטער דער נאָז.

נאָך פאַרנדיק אין אויטאָבוס אויפן וועג צו דער אַרבעט האָב איך שוין אין זינען געהאַט די שטילע פרימאָרגנס אין באַנק: דעם ריח פון כלאָר און פון פאַרלעגן פּאַפּיר וואָס האָט אַ שלאָג געטאָן גלייך ביים אַריינקומען, נאָכן פאַרמאַכן הינטער זיך די טיר. די גלאַטע אָפּגערייניקטע טישן, און די באַאַמטע, די שרייב־ און רעכן־מאַשינען פאַרדעקט מיט גרויע, גרינלעכע און אויך אַנדער־קאָליריקע צעראַטעס. דער געלער שומר מיט די גרויסע ציין און רויטלעכע יאַסלעס. אין די פרימאָרגנס איז ער געזעסן איבערגעבויגן איבער זיין טיש און אויסגעפילט טוטו־צעטלען. קעגן איבער אים האָט דער קאַסירער אין זיין אָפּגעצוימט קעמערל צוגעגרייט געלט אין דער קאַסע. ווי אַ ייִד וואָס דאַוונט פון אויסנווייניק, האָט ער געציילט דאָס געלט און זיין בליק האָט געוואַנדערט איבער די טישן און ווענט פון זאַל. ער האָט געמוטלט מיט די ליפּן די ספירה, בעת ער האָט מיטן ווייזפינגער און מיטן גראָבן פינגער געבלעטערט די עקן פון בינטל באַנקנאָטן אין די הענט. צו מאָל האָט ער מיט אַ בלאַנקענדיקן בליק פאַרשטעקט אויף אַ ווײַלע זיין אונטער־געהויבן פּנים צווישן צוויי שטאַכעטן. זיין דין בערדל צוזאַמען מיט די שוואַרצע וואָנצעס האָט זיך געקרייזט אַרום זיין מויל ווי אַ נול.

דער געלער שומר האָט געהאַט אַ נטיה צו שוויצן בעת ער האָט אויסגעפילט די טוטו־צעטלען און ער האָט זיך געריבן די הענט אויף מזל. צו מאָל האָבן זיי ביידע זיך אָנגעקוקט פאַרטראַכט, נישט הי, ביז דער קאַסירער האָט, נישט־אויפהערנדיק ציילן, געטאָן פּלוצלינג אַ גענעץ און אויף זיין פּנים איז אויפגעגאַנגען נאָך אַ נול. אין זאַל איז אין די פרימאָרגנס געווען קיל און טוכלע און איבער דער קאַסע, אויף דער וואַנט לעבן קיילעכדיקן זייגער, האָט דער גרויסער קאַלענדאַר געוויזן די דאַטע פון נעכטיקן טאָג.

סאַלאָמיר האָט זיך אויסגעגלייכט. אונטערן בוים איז געשטאַנען אַ קאַסטן מיט אָפּגעניצטע ביכער. ווען נישט דאָס בייזע געברום פון שיכורן זקן און הונט וואָלט ער געפרעגט אויב עס ליגט דאָרט פאַרוואַלגערט אַ יידיש בוך. ער איז נישט געגאַנגען רויק. זיך אָפּגעשטעלט זוכן אַ וואָרט אין געדאַנק,

נאָכגעקוקט פאַרבײַגייערס, פאַרהאַלטן זײַן בליק איבער בערגלעך מיסטוואַרג זוכנדיק דאָרטן אַ מציאה פאַרן מוזיי. צו פיל דאגות מיט איין מאָל זענען אים געלעגן אויפן זינען. דבורה מישוריס געלט וואָס האָט זיך אַרויסגע־גליטשט פון צווישן זײַנע פינגער; טאָמער וועט יהושע רימער נישט זײַן אין דער היים. ס'לעצטע מאָל האָט ער אים דאָרטן נישט געטראָפן. ער האָט געהאַט אַ געדאַנק פאַרצולייגן רימערן שותפות צום מוזיי און דער ביבליאָטעק. אויב דאָס געלט איז נאָך געלעגן אין באַנק און ער האָט נאָך נישט געקויפט די אַקציעס וואָלט געוועז אַ יושר אַרײַנוואַרפן וועגן דעם אַ וואָרט. הלוי וועט זיך באַגיין אָן רימערס געלט. סײַ ווי וועט ער ווערן בערנזאַנס אַ מענטש און פאַרלאָזן אונדזער שטאָט. סאָלאָמיר האָט געבראַכט הלוין געגנוג קליענטן.

— זײַן קאָפּ איז נאָך אין דער באַנק? — האָט ער געפרעגט.

אין די פרימאָרגנס, נאָך איידער הלוי האָט אויסגעטאָן זײַן מאַנטל, פלעגט ער גלײַך נאָכן אַרײַנקומען אין באַנק כאַפּן שטייענדיק אַ קוק אויף אונדזער רשימה פון קב"א־בעל־הבתים און איך האָב זיך צוגעשטעלט בײַ דער זײַט און מיטן בליק מיטגעלאָפן מיט זײַן פינגער וואָס ער האָט געפירט פון אויבן אַראָפּ, פון אונטן אַרויף, שנעל אָדער פּאַמעלעך, ווענדליק זײַן שטימונג, און זיך מיטגעכאַפּט מיט זײַנע מחשבות. ס'האָט זיך געלייגט אויפן שכל אַז מיט אַזאַ לאַנגער רשימה וועט קענאַרד בערנזאַן אים נישט אָפּזאָגן די פאַרשטייער־שאַפט אין לאַנד. הלוי וועט שטײַגן נאָך העכער און ווערן איינער פון די וויצעפּרעזידענטן אין דער געזעלשאַפט. ער וועט אַרומפאָרן צווישן לאָנדאָן, פראַנקפורט, ציריך. ער האָט אויך מיך אַרײַנגענומען אין זײַנע פּלענער.

— די שטאָט וועט נאָך הערן פון אונדז ביידן, — האָט ער נישט איין מאָל געזאָגט.

און אויב עס וועט אים אויסקומען זיצן אַ לענגערע צײַט אין ניו־יאָרק וועל איך ווערן דאָרטן זײַן געהילף. צי האָט ער מיך נישט פאַרזיכערט:

— יאָ, כ'וועל געדענקען. כ'וועל דערמאָנען דײַן נאָמען.

ווען איך האָב איין מאָל געבראַכט אין באַנק אַרײַן דעם גביר פון אויסטראַליע, דעם בעל־הבית פון די אָרעמע הײַזער אין אונדזער שטאָט האָט הלוי מיך גאָר שטאַרק געלויבט אין יענעמס אויגן. ער האָט אויסגערעכנט מײַנע מעלות און מײַן געטרײַשאַפט דער באַנק. ווען ער האָט געהערט אַז לייב סילווער און איך האָבן זיך יינגלווײַז געחברט אין מעלבורן, האָט ער

אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויף מײַן אַקסל און פאַרזיכערט מײַן אַמאָליקן חבר אַז עס וואַרט אויף מיר אַ צוקונפט:

— אַהין ווו איך וועל גיין, דאָרטן וועט ער אויך זײַן. היגטער מײַנע פליגל.

אויך ברוך אַנאַרכין, הערנדיק שפּעטער פון הלוין וועגן מײַן חברשאַפט מיט סילווערן דעם מיליאָנער, האָט ער זיך געשטעלט לעבן מײַן טיש שטאָפּן אין ליולקע, געקוקט אויף מיר פון איבער אַ ברעם מיט אַ שעלמישן ווונק, געמאַכט אַ פּנים מעשה־שטראָפער, וואָס באַלד וועט ער מיר פאַרוואַרפן גוט־ברודעריש, הלמאַי איך האָב אים ביז איצט נישט אויסגעזאָגט אַזאַ וויכטיקע ידיעה, און ער האָט געגרופן אַז אַ האַלבע באַנק האָט געהערט:

— בן אָדם! בן־אָדם! האָסט דאָך פאַר זיך אַ פאַרטיקע קאַריערע!

מיר זענען פאַרבײַגעגאַנגען אַ ברייטן הויף. בלאַטיקע שטעגלעך האָבן זיך געשלענגלט און געקרײַצט איבער אַ שטח באַדעקט מיט צעטראָטן גראָז. אַרום עטלעכע גרויסע שטיינער זענען נאָך געוואַקסן, שאַרף און אויסגע־טריקנט, דערנער פון פריערדיקן יאָר. אויף אַזאַ גרויסן שטיין איז געזעסן אַ זקן פאַרוויקלט אין שאַלן. בלויז דאָס פּנים האָט זיך אַנגעזען. ער האָט אונדז אַנגעקוקט שווײַגנדיק.

— פאַר וואָס נעמט איר נישט אַרײַן אַנאַרכינען אין אײַער אָפּטיילונג, וועט איר נישט זײַן אַזוי פאַריאָגט, — האָט סאָלאָמיר געזאָגט.

— אַנאַרכין וויל נישט אַרבעטן מיט אונדז.

— ס׳פּאַסט אים נישט?

סאָלאָמיר איז שוין געווען היימיש אין באַנק. אויב מיר זענען געווען פאַרנומען, האָט ער זיך צוגעזעצט צו אַנאַרכינס טיש. מען האָט אים דערלאַנגט טיי צוזאַמען מיט די אַנדערע פּקידים. ער האָט אַרײַנגעוואָרפן אַן עצה וועגן געלט־ענינים. ער האָט געוווסט אַז אַנאַרכין איז אַ מומחה אין בערזע־געשעפטן און ער האַנדלט מיט אַקציעס.

— צוליב מאָראַלישע סיבות, — האָב איך זיך אַנגערופן.

אין אויטאָבוס, אויפן וועג צו דער אַרבעט, פלעגן מיר שוין זיצן צוזאַמען, אַנאַרכין און איך. ער האָט אָפט גערעדט וועגן זײַן פאָרשונג וואָס ער האָט צוגעשיקט צום קאָנקורס אויפן נאָמען פון פאָרשטאַרבענעם ווילי אַבני־

שטיינער. ער האָט צוגעשטעלט אַ קורצע געשיכטן פון צוויי אַקציעס אויף דער בערזע אין תל־אָביב. ס׳האָט געהאַט אַן אונטערקעפּל: "אויפגאַנג, המשך, שקיעה". הלוי האָט אים צוגערעדט זיך שטעלן צום פּאַרמעסט. ער איז געווען איינער פון די שופטים און געגעבן עצות דער אַבני־משפחה וועגן אויפשטעלן דעם פאָנד מיט אַ גרויסן פּריז פאַרן געווינער. ס׳זאָל ציִען דעם יונגן דור צו דער בערזע. הלוי האָט אויך פאַרגעלייגט אַנאַרכינען אַרבעטן אין אונדזער אָפּטיילונג. ער וואָלט באַקומען אַ העכערן פּאָסטן, אַ גרעסערן געהאַלט און גוטע פּערספּעקטיוון איבערצונעמען הלויס שטעלע, ווען הלוי וועט אַריבערגיין צו דער קב"א־געזעלשאַפט. נאָר אַנאַרכין האָט זיך אָפּגעזאָגט. ס׳איז נישט געווען עטיש ער זאָל געבן וועמען עצות וועגן אַקציעס, בעת ער אַליין האָט געהאַנדלט אויף דער בערזע. מען האָט געהערט פון אַזעלכע וואָס זענען געשטרויכלט געוואָרן צוליב אייגננוציקע צוועקן.

אָבער מיר האָבן זיך געניטיקט אין געניטע פּקידים. ס׳איז נישט געבליבן קיין צײַט אויסצולערנען וועמען דאָס פאַך. הלוין האָט דער אָפּזאָג אויפגע־רעגט. ער האָט דערמאָנט אַנאַרכינען, אַז אייגנטלעך האָט ער גאַרנישט געפירט קיין מיסחר, נאָר פאַרשריבן אַ חשבון אויפן פּאַפּיר. דאָס האָט דערפירט צו שאַרפערע ווערטער, ווײַל אַנאַרכין האָט נישט אײַנגעשטימט מיט דעם צוגאַנג. אין זײַנע אויגן האָט איינס נישט געהאַט צו טאָן מיטן אַנדערן. ס׳איז געגאַנגען אין פּרינציפּן און ער האָט נישט געהאַט בדעה אומבײַטן זײַנע צוליב געלט, כבוד.

ס׳איז געווען אויף צו מאָרגנס נאָך אַ ברוגז מיט הלוין, ווען אַנאַרכין האָט מיך אַ צופּ געטאָן בײַם אַרבל, בעת איך האָב זיך פאַרבײַגעשטופּט מיטן רוקן אין אויטאָבוס.

— זיץ! — האָט ער באַפוילן און צונויפגעלייגט די צעשפּרייטע צײַטונג אויף זײַן שויס.

ער איז אומגעגאַנגען מיט אַ חשד אין האַרץ, אַז הלוי וועט זיך נוקם זײַן און נישט שטימען פאַר אים אויפן אַבני־קאָנקורס. ס׳האָט באַוועלט זײַן חוש פאַר צדק. ער האָט אָפּגעגעבן אַ סך כוחות דער געשיכטע פון די צוויי אַקציעס. זיי זענען אים געקומען צו חלום און ער האָט געקלעטערט איבער זיי ווי איבער שפּיציקע פעלדזן. די בערזע איז אַרײַן אין זײַן בלוט. הלוי האָט נישט געטאָרט פאַרלאַנגען פון אים אַן אַקט וואָס זאָל פירן צו אוממאָראַלישע

מעשׂים. נאָך אַלעמען האָט ער אַ לאַנגע צײַט זיך געגרייט די בערזע זאָל ווערן זײַן צוקונפט, ווען ער וועט אַרויס אויף פּענסיע.

— הלוי האָט נישט געשטימט פאַר אים, — האָט סאָלאָמיר געזאָגט.

ער האָט אָפּגעלאָזט מײַן אָרעם און זיך אַרומגעקוקט איבערן הויף. ערשט איצט האָט ער זיך באַגריסט מיטן זקן אויפן שטיין. ער האָט געהאַט אַ מעשׂה וועגן אים וואָס ער וועט מיר שפּעטער דערציילן. דער זקן האָט נישט געענטפערט אויף דער באַגריסונג. ער איז געזעסן מיט אויסגעצויגענע פיס, זײַנע שיך זענען געווען נײַ, אויך די זוילן. ער אַליין האָט אויסגעזען זייער אָפּגענוצט. ס׳פּנים רויטלעך און אײַנגעשרומפּן ווי אַן אַנגעפּרוירענע פויסט.

— ווער האָט באַקומען דעם פּריז ? — האָט סאָלאָמיר געפרעגט.

— עמוס שיי.

— ווער איז ער ?

— אַ יונגער פּקיד אין אַ באַנק אין תּל־אָביב.

— וועגן אים האָט הלוי גערעדט אין מושב־זקנים ?

— וועגן אים.

— ער האָט אים דאָרט שטאַרק געלויבט, — האָט סאָלאָמיר געזאָגט.

אויך אין באַנק האָט עס הלוי געטאָן. אין אַ פרימאָרגן האָט ער אַוועקגעלייגט אויף מײַן טיש אַן אויסשניט פון אַ צײַטונג איך זאָל לייענען דעם מאמר : ״די יוגנט מיטן פּנים צו דער בערזע״. אונטערן בילד איז געווען צוגעשריבן, אַז עמוס שיי שטרעבט אַנפילן מיט געלט די קעשענעס פון זײַנע קליענטן.

— אַזוי האָב איך אויסגעזען אין מײַנע יונגע יאָרן, — האָט הלוי געזאָגט טײַטלנדיק אויפן בילד. עמוס שיי איז געווען אַ שיינער בחור, אין אַ ווײַס העמד מיט אַן אָפענעם קאָלנער. אויך זײַן פּנים איז געווען אַן אָפן פּנים. אין מאמר האָט זיך געזאָגט וועגן אים, אַז ער האָט געאָטעמט די געשפּאַנטע לופט אויף דער בערזע פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת. אויך זײַן ווײַב האָט מיטגעאָטעמט די זעלבע לופט. הלוי האָט נאָך דעם מיט איין פוס אויף דער שטול און מיט אַן אונטערגעהויבן קול אויסגעפּרוווט פאַרן שומר און דעם קאַסירער זײַן רעדע וואָס ער האָט זיך געגרייט האַלטן אין מושב־זקנים.

ווען חיים צפורי איז אַרויס פון שפּיטאָל האָט מען דאָרט אײַנגעאָרדנט דעם אָוונט צוזאַמען מיט דוד עולמי. עולמי האָט גערעדט וועגן דעם מצב פון ייִדישע בית־עלמינס אין אייראָפּע און הלוי — וועגן דער צוקונפט פון דער בערזע און תל־אָביב. ס'האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גאַנץ גרויסער עולם בײַ די ציפּוריס אין עס־זאַל. מען האָט פאַרבעטן געסט פון אַ שכנותדיקן פּענסיאָן: אַ גאַסט פון ירושלים, אַ קראַנקן מענטש אויף אַ ליגעבעטל, אַ געוועזענעם מיניסטער אין בן־גוריונס ערשטער רעגירונג. הלוי האָט דאָרט געזאָגט, אַז די בערזע איז אַ פּילעוודיקער באַראָמעטער אויף צו מעסטן די געשעענישן אין לאַנד און אַז עס איז געקומען די צײַט די אַלטע מענטשן וואָס האָבן געוועלטיקט אין דעם אַנשטאַלט זאָלן מאַכן פּלאַץ פאַרן יונגן דור. ער האָט גערופן מען זאָל עפענען פאַר דער יוגנט די טויערן פון דער בערזע.

— צי לעבן מיר נאָך אַלץ אין ביסמאַרקס צײַטן? — האָט ער דאָרטן געפרעגט.

אויף סאַלאַמירן האָט דוד עולמי איבערגעלאָזט אַ נײַעם רושם. ביז איצט האָט ער אים אויסגעמיטן, זיך נישט אַנצושטעקן מיט דער מעלאַנכאָליע. דאָס מאָל האָבן עולמיס רייד אים זייער גערירט. נאָך יענעם אָוונט האָט ער פאַרבעטן עולמין צו זיך אין מוזיי ווײַזן זײַן אייגענע זאַמלונג פון מצבות.

— ס'איז עפּעס אַרויסגעקומען פון דעם? — האָב איך געפרעגט.

מיר זענען פאַרבײַגעגאַנגען אַ צענומען הויז. ס'זענען נאָך פאַרבליבן עטלעכע ווענט. די פאַרטריקנטע סטעזשקע האָט זיך געצויגן ווײַטער.

דוד עולמי איז נישט נתפּעל געוואָרן פון סאַלאַמירס קאָלעקציע. ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן הויף מיט הויכע אָנגעשטעלטע אַקסלען, מיט אַ לאַנגער נאָז, אַ לויף געטאָן פאַרנומען דאָ און דאָרט. זיך אָפּגעשטעלט, באַטראַכט אַ שטיין פון פאַרנט, פון הינטן און געהאַלטן אַז אַ מצבה איז אַן אינטימע זאַך וואָס פאַרלירט דאָס נאַטירלעכע פּנים אין אַ פרעמדער סביבה.

— ער האָט קיין פּרוטה נישט איבערגעלאָזן, — האָט סאַלאַמיר צוגעגעבן.

אַזוי ווי הלוי — האָט אויך דוד עולמי גערופן אין מושב־זקנים דעם יונגן דור זיך צו שטעלן מיטן פּנים צו דער אַלטער קולטור פון זייערע אָבות. ער האָט דערציילט אויף וועלכע בית־עלמינס ער איז געווען און וואָס ער האָט

זיך דאָרטן אָנגעזען, באַגלייטנדיק זײַנע רייד מיט ליכטבילדער אויף דער וואַנט. אויף איין בילד האָט זיך געזען ווי עולמי האָט געזאָגט קדיש אויפֿן קבר פֿון הײַנריך הײַנעס באָבע און דער קריסטלעכער שומר האָט נאָכגעזאָגט אָמן. דאָס איז געווען אין דער שטאָט האַנאָווער. אויף אַן אַנדער בילד איז עולמי געשטאַנען לעבן אַ מצבה אויף וועלכער עס איז געווען אויסגעקריצט דער נאָמען נח ראָטשילד און ס׳איז געווען צוגעגעבן מיט קלענערע אותיות, אַז דאָ האָבן נוצרים באַערדיקט זייער פֿרײַנד, דעם לעצטן ייִדישן בירגער אין אַדעל־אַרבסען. דער וואַרשעווער בית־עולם איז געווען אין אַ וואַלד און אַלע וועגן און שטעגן דאָרטן זענען געווען פֿאַרדעקט מיט נאָדל־בלעטער. ריטאַ עולמי האָט געוויזן די בילדער.

גלײַך ווי זי איז צוריקגעקומען פֿון דער נסיעה האָט זי אַן איר מאַנס וויסן אײַנגעקויפֿט קב״א־אַקציעס. זי האָט פֿאַרקויפֿט אַ פּלאַץ, אַ דירה אין אַ שטעטל, געפֿעלשט איר מאַנס אונטערשריפֿט און געבראַכט אין באַנק אַרײַן מזומן געלט, נישט קיין טשעקן, מען זאָל נישט קענען קאָנטראָלירן פֿון וואַנען זי האָט עס גענומען. דאָס געלט האָט זי געהאַלטן אין איר טאַש. אַרויסגענומען פֿון דאָרט דעם פּודער, די שמינקע, פֿאַרפֿומען און אַנדערע ווײַבערשע פּוצערײַען און אַרײַנגעשטופּט פּעקלעך באַנקנאָטן, וואָס איך האָב איבערגעציילט אין איר בײַזײַן אינעם קליינעם קעמערל פֿול מיט פֿאַליצעס פֿאַרלעגן פּאַפּיר.

— ער איז קראַנק, — האָט זי געזאָגט הלוין — ער איז קראַנק און ס׳איז די זעלבע מרה־שחורה נאָר אַנדערש געשליײַערט.

דער האַנדל מיט קב״א־אַקציעס האָט געווירקט אויף איר. זי איז געוואָרן מער צוגעלאָזן, גערופֿן הלוין בײַם ערשטן נאָמען, אויפֿגעהערט פֿאַרבן אירע האָר אויף ווײַס, נישט געשלאָפֿן אין די נעכט. אין אַ רעגנדיקן טאָג, אַ דרויסן אויף נישט אַרויסצוגיין, האָט זי זיך אָנגעפֿרעגט דורכן טעלעפֿאָן צי דער קורס איז געשטיגן. זי איז געגאַנגען מיט איר מאַן צו אַ פּסיכיאַטער. ביז איצט האָט זי נישט געוווּסט וועגן דעם אימפּעט נאָך געלט. זי האָט זיך אַרײַנגעזיאָגט אַ פֿאַרפֿלאַמטע אין באַנק אַרײַן מיט אַן אָנגעפּוישטן בײַטל. איך פֿלעג אַלץ איבערלאָזן און זיך אַרײַנשאַרן אין קעמערל לעבן אונדזערע טישן. קיין סך פּלאַץ איז דאָרט נישט געווען. אַחוץ די פֿולע פּאַכן זענען דאָרט געשטאַנען אָנגעלייגט קעסטלעך, קאַרטאָנען, זעק מיט דאָקומענטן. ריטאַ

עולמין האָט עס נישט אויסגעמאַכט, אַבי אַ פרעמדער זאָל נישט באַמערקן אַז מען ציילט איר געלט. איך האָב זיך אַראָפּגעזעצט אויפן מיזרחדיקן שטייגער און זי איז געזעסן אויפן העכערן בענקל, אַזוינס וואָס מען זעט אין אַ מילכבאַר.

— מיר קריגן זיך דאָרטן, — האָט זי געזאָגט.

ווען איך האָב פאַרענדיקט ציילן איין פעקל האָט זי מיר אַרויסדערלאַנגט אַ צווייטס פון איר בײַטל. קיינער האָט נישט אונטערגעהערט, האָט זי דער־ציילט אַז יעדע נסיעה איז פאַר איר אַן אַפּקומעניש. ער האָט זיך געכעסנט, זיך געקרימט. וואָס זי האָט געטאָן האָט נישט געטויגט, וואָס זי האָט געזאָגט איז אים נישט געפעלן געוואָרן. זיי זענען געגאַנגען אָנגעברוגזטע צווישן מצבות. אין טשענסטאָכאָוו האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן אויף אַ יונגער גויע מיט איר טאָכטער לעבן קבר פון יידישן טאַטן, איז עולמי גלײַך געוואָרן אַ קאַוואַליער, געמאַכט אל מלא רחמים, געבומען זייער אַדרעס. יענעם טאָג איז ער שוין געווען זיס צו איר.

— ער האָט געשענקט אַ קלויסטער געלט בזירים זאָלן היטן יידישע מצבות, — האָט סאַלאָמיר געזאָגט. אין מושב־זקנים האָט זיך געפירט וועגן דעם אַ וויכוח, צי עס איז געווען אַ ריכטיקע האַנדלונג. מען האָט זיך באַקלאָגט אין ווערענס הענט מען האָט איבערגעלאָזט דעם יידישן אַמאָל.

אויך ריטאַ עולמי האָט דערמאַנט דאָס געלט פאַרן קלויסטער. אין איר אופן ווי זי איז געזעסן אויפן העכערן בענקל מיט איין פוס אויפן דיל און דער אַנדערער אַראָפּהענגעדיק קירצער און נערווע, איז געלעגן אַ מין הפקרות. זי האָט זיך מער נישט באַקלאָגט אַז עס איז נישטאָ מיט וועמען אין דער משפחה זיך אַן עצה האַלטן, פאַר וועמען זיך פאַרטרויען. זי האָט מער נישט באַדאַרפט עצה־געבערס און בוזעם־פרײַנד. ס'האָט זי נישט געאַרט פוילישע נזירים זאָלן היטן יידישע מצבות. אָבער נישט אויף איר חשבון. אַמעריקע איז געווען געבוג רײַך צו דינגען שומרים פאַר אַלע יידישע בית־עלמינס אין אייראָפּע. אַ גאַנצע אַרמיי וועט נישט סטײַען דערויף. עולמי האָט געפּלאַנט צו דרייען אַ פילם פון זײַנע נסיעות, זאָל די וועלט וויסן און אַ ציטער טאָן. אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל האָט זי אים איבער־געלאָזט אַליין אויף אַ בית־עולם און אַוועק צוריק אין האָטעל, האָט ער איר נאָכגעשריגן:

— כ'וועל זיך גטן מיט דיר!

ריטאַ האָט אונטערגעוואָרט אין קעמערל ביז איך האָב אָוועקגעטראָגן אין דער קאַסע דאָס אָפּגעציילטע געלט און צוריקגעבראַכט איר אויסגעליידיקטן טאַש אין וועלכן זי האָט צוריק אַרײַנגעלייגט דעם פּודער, די שמינקע, דאָס באַזילבערטע קעמל, דאָס צירונג און די אַנדערע זאַכן וואָס זי האָט אַרויס־געקליבן פון די קעשענעס אין איר מאַנטל. אַ שנורל קרעלן האָט זיך נאָכ־געשלעפּט און אַרויסגעפאַלן פון אירע הענט. זי האָט געשמייכלט זעענדיק ווי איך האָב זיך אַ צי געטאָן און אויפגעהויבן מיט ציטער די פּערל פון דער ערד. זיי האָבן געמאַכט אַ רושם.

— פאַלשע, האָט זי געזאָגט.

די אמתע האָט זי פאַרקויפט און אינוועסטירט דאָס געלט אין די אַקציעס און זי האָט געלאָזן נאָכמאַכן ענלעכע כדי נישט אַרויסצורופן בײַ איר מאַן אַ חשד.

אויפן אָוונט אין מושב־זקנים האָט זי אָפּגעשטעקט הלוין צוויי פּעקלעך באַנקנאָטן און אויף צו מאָרגנס אין זי געקומען צו אונדז אָפּנעמען די קבלה.

— זי איז גאַנץ משוגע און זי פירט אַ ראָמאַן, — האָט סאַלאָמיר געזאָגט.

— מיט וועמען ?

סאַלאָמיר האָט אַרײַנגעשטעקט דעם קאָפּ אין אַן אָפּגעצוימט הייפל. אַ העלפט איז געווען באַהאַנגען מיט וועש צום טריקענען. אַ האַלב פּנים האָט זיך אַנגעזען דורך אַ ווינקל פון אַ שויב באַקלעפּט מיט בלעטער פון אַ דאַמסקן זשורנאַל. דאָס וואָרט, 'שנײַדער' איז געווען אָנגעמאָלט אין צעשאָטענע אותיות אויף דער וואַנט. סאַלאָמיר האָט זיך פרײַ געמאַכט אויף צו ענטפערן, אָבער הלוי איז אים געלעגן אויפן זינען. דער רושם וואָס ער האָט איבער־געלאָזט אויפן אָוונט אין מושב־זקנים איז געווען, אַז ער איז שוין אַ גאַנצער דירעקטאָר אין קענאַרד בערנזאָנס אימפּעריע. אָבער הלוי האָט נאָך דעמאָלט נישט געוווסט אַז אויך עמוס שיי האָט פּרעטענדירט אויפן זעלבן אַמט. אַ צײַטונג האָט געשריבן אַז קענאַרד בערנזאָן האָט צוגעזאָגט יענעם די פאַרשטייערשאַפט אין ישׂראל. עמוס שיי האָט זיך אויך פאַררופן אויף הלויס ווערטער, אַז מען דאַרף געבן דעם יונגן דור אַ שאַנס אָנצופירן מיט דער בערזע אין לאַנד. ער האָט געשיקט הלוין אַ בריוו און געבעטן אַ רעקאָ־מענדאַציע.

עמוס שיי איז מער נישט דערמאָנט געוואָרן אין באַנק. הלוי און אַנאַרכין האָבן זיך איבערגעבעטן. זיי זענען אָפּט געזעסן אין אַ פּריוואַטער מינוט איינער קעגן אַנדערן און געשוויגן, ווי נאָך אַ לאַנגן שמועס. דער האָט געררייכערט זײַן ליולקע און דער האָט זיך געפּעטשלט אין פּליך און ביידע האָבן זיי פון מאָל צו מאָל אונטערגעשמייכלט מיט פאַרמאַכטע ליפּן. צו מאָל האָב איך זיך אויך צוגעזעצט לעבן זיי, הערן ווי זיי וואַרפן זיך איבער מיט אַ וואָרט וועגן לעבן און וועגן טויט. אַז עס טויג נישט צו זײַן אַלט און עס טויג נישט צו זײַן קראַנק. זײַן אַלט און קראַנק איז נאָך ערגער. אויך דער טויט איז נישט גוט.

— דײַן דירעקטאָר איז אַ פילאָסאָף, — האָט אַנאַרכין מיר איין מאָל געזאָגט.

הלוי האָט געפרעגט שאלות נישט צום ענין. אין מיטן דער אַרבעט האָט ער זיך געשטעלט הינטער מיר קוקן וואָס איך טו און געפרעגט וואָס איך האָב געטאָן אין אויסטראַליע. צי די בענק דאָרט פאַרנעמען אַן אַנזעעוודיקן מעמד. אויך וועגן לעבן אין קיבוץ האָט ער געפרעגט. אין אָוונט, ווען ס׳איז געקומען די צײַט אַהיימצוגיין, האָט ער געעפנט אַ שופלאַד, גענישטערט צווישן די פאַרלעגענע פאַפּירן, אונטערגעהויבן עקן פון דאָקומענטן, אַרויס־געצויגן אַ נישט־געענטפערטן בריוו, געשיקט צו אונדז מיט יאָרן צוריק, און זיך פאַרקוקט אויף דער אונטערשריפט, אויף דער דאַטע.

סאַלאָמיר איז אַרײַן מיט אַ פוס אין אַ גריבל און שיִער נישט אומגעפאַלן. כ׳האָב אים געהאָלפן זיך אויסגלײַכן און אויפגעהויבן דאָס אַראָפּגעפאַלענע פעקל, וואָס האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אונטער זײַן אָרעם.

— נאָך ווײַט צו רימערן ? — האָב איך געפרעגט.

— נישט ווײַט.

— וואָס איז דאָס פעקל ?

— פאַר וועגערן.

ער איז שוין עטלעכע טעג נישט געקומען רייניקן דעם גאָרטן אין מושב־זקנים. ער האָט געוווינט אויפן וועג צו רימערן און סאַלאָמיר האָט גערעכנט אים אַרײַנטראָגן די מתנה.

— אַ פּאָר אָפּגענוצטע שיך, — האָט ער צוגעגעבן.

ס׳איז מיר אויך געראָטן צו קריגן פאַר אים אַ פּאָר שיך. ער האָט זיי אָנגעמאָסטן אין באַנק און זיי זענען געווען אַ טראָפּן צו ענג.

— אין די וועט ער שווימען.

סאַלאָמיר האָט באַקומען די שיך ביי לודוויג קוטאָפּן, דעם רוס, ווען ער איז מיטגעפאָרן מיט חיים ציפּורי אַ קוק טאָן וואָס די קוטאָפּס פאַרמאָגן און וואָס עס וועט כדאַי זיין מיטנעמען אין מושב־זקנים ווען זיי וועלן זיך אַהין אַריבערציִען. לודוויג קוטאָף איז נאָך דער אָפּעראַציע אָפּגעלעגן עטלעכע וואָכן אין שפּיטאָל. חיים ציפּורין האָט מען נישט אָפּערירט. ער האָט באַקומען היץ יענע נאַכט ווען מיר האָבן אים באַזוכט און מען האָט די אָפּעראַציע אָפּגעלייגט. ער האָט זיך געשפּירט בעסער נאָך דעם און מען האָט אים אַהיימגעשיקט אויף אַ צייט.

שושנה ציפּורי האָט נישט געוואָלט האָבן די קוטאָפּס ביי זיך אין שטוב. זי האָט אויסגערעכנט אַז זייער פּענסיע און דער ביטוח לאומי וואָס זיי האָבן באַקומען וועט נישט דעקן אַפילו די הוצאות, שוין אָפּגערעדט פון פאַרדינסט. זי איז אַרומגעגאַנגען אַנגעברוגזט אויף איר מאַן. לא די וואָס ער האָט נישט אויסגעזאָגט ווו ער האָט פאַרשטעקט דאָס איבעריקע געלט האָט ער זיך אונטערגענומען אַריינזעצן בחצי חינם ווילד פרעמדע מענטשן אין מושב־זקנים. ס׳איז גאָרנישט געווען לויט זיין טבע. דער רוס האָט אים היפּנאָטיזירט. זי האָט געטאָן אַלץ, קאַליע צו מאַכן דעם פּלאַן. די משפּחה איז איר געקומען צו הילף. זי האָט געשריבן צום זון אין אַמעריקע ,ער זאָל אַהיימקומען רעדן מיטן טאַטן. זי האָט אונטערגעשיקט אַ פּלימעניצע צו גאַסט פון קאַנאַדע.

פאַר דער שיינער פּלימעניצע האָט חיים ציפּורי זיך מודה געווען, אַז דאָס געלט איז נישט פאַרפאַלן געוואָרן. מען האָט עס אויך נישט צוגעגנבהט אין שפּיטאָל. ס׳איז אויף אַ גוטן פּלאַץ און ווען די צייט וועט קומען וועט ער אויסזאָגן. אַ מענטש טאָר זיך שוין נישט אַרומטראָגן מיט אַ סוד ? — האָט ער געפרעגט. אָבער שושנה האָט נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן. ס׳איז איר געלעגן שטענדיק אויפן זינען. אַפילו זי האָט וועגן דעם נישט געטראַכט האָט זי געזוכט מיט די אויגן. אין מיטן רעדן מיט וועמען האָט זי זיך פאַרקוקט אויף עפּעס אַ חפץ אין דער הייך אויף אַ שאַפע, אָדער אויף אַן אַנדער שטיק מעבל און זיך גענומען אין זינען אַריין שפּעטער כאַפּן דאָרט אַ קוק, אפשר האָט ער עס דאָרטן באַהאַלטן. נאָכן זוכן האָט זי זיך

אַפּט מאָל דערמאָנט אַז זי האָט שוין דאָרטן איין מאָל געזוכט. אַ סך מאָל פאַרן איַינשלאָפן איז עפּעס אַ חפץ פאַרשטעקט אין אַ וויַיטן צימער אָריַין אין איר געדאַנק, איז זי אַראָפּ פון בעט זוכן דאָרט דאָס געלט. ס׳האָט זיך געמאַכט אַז אויך דער חפץ איז שוין דאָרט נישט געווען.

זי האָט שוין מער נישט געוווסט פאַר וועמען זי טאָר נישט און פאַר וועמען זי מעג זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ. דער קעכין האָט זי דערציילט וואָס דער רב האָט איר געזאָגט. זי האָט אים געבעטן ער זאָל לאָזן רופן איר מאַן און אים אויסשייגעצן. זי וועט שענקען אַ צענטל פון געלט אויף הייליקע צוועקן אויב מען וועט אַרויסשלאָגן פון זיַין קאָפּ די טבע צו באַהאַלטן געלט און די רוימישע פילאָסאָפיעס מיט וועלכע ער האָט זיך אָנגעשטעקט אין שפּיטאָל פון די קוטאָפּס. ווען ער איז צוריקגעקומען פון דאָרט, פון שפּיטאָל, האָט ער זיך אָנגעטאָן אַ טאָגע וואָס ער האָט ערגעץ ווו געקויפט און אַגיטירט פאַר די מענטשן אין מושב־זקנים זיי זאָלן פירן אַ סקראָמנע לעבן. זיך נישט איבערנעמען מיט קיין זאַך, וויַיל אין גרויסן סך־הכל איז אַלץ הבל־הבלים.

— זיי האָבן שוין נישט געהאַט וואָס אויסצוטראַכטן, די רוימער ? — האָט זי געפרעגט דעם רב.

דער רב האָט געמאַכט אויף איר אַ גוטן רושם. אַ הויכער יונגער־מאַן. אַ בינדע, אַ באָרד, אַ טאַטע פון זעקס קינדער. ער האָט איר אויסגעבעסערט און געזאָגט אַז נישט די רוימער נאָר שלמה המלך האָט שוין מיט הונדערטער יאָרן פאַר די רוימער געלערנט אַז דאָס גאַנצע לעבן איז הבל־הבלים. ער האָט זיך נישט געפוילט, אויפגעעפנט אַ ספר, אויפגעמישט דאָס פּלאַץ און געוויזן ווו עס שטייט געשריבן. ער האָט געהאַט זייער איידעלע הענט מיט לאַנגע פינגער. דעם רב האָט זי אויס דרך־ארץ פאַרשוויגן. זי וועט זיך נישט גליַיכן מיט אים אין לומדות. אָבער אַן אַנדערן וואָלט זי געפרעגט אויב אויך שלמה המלך האָט אויפגעגעבן זיַינע שלעסער, ווען ער האָט איַינגעזען אַז דאָס לעבן איז הבל־הבלים. צי האָט ער אויך צעטיילט זיַין גאָלד און זילבער און זיך אָפּגעשיידט פון וויַיבער און פערד.

שושנה האָט זיך אויך אַן עצה געהאַלטן מיט אַ דאָקטער אַ פּסיכאָלאָג. אַ וויַיטער קרוב. אים האָט זי דערציילט אַז לודוויג און ערנעסטינאַ זענען נישט קיין רוסישע נעמען און די קוטאָפּס זענען זיכער פאַרשטעלטע דיַיטשן. דיַיטשן האָבן אומגעבראַכט אַ העלפט פון איר משפחה און זי האָט נישט

געהאַט בדעה אַרייַנגעמען אין שטוב אַרייַן אַנטיסעמיטן, קרובים פון רוסישן צאַר. זי האָט פאַרלאַנגט אַ דאָקומענט אַז חיים ציפורי איז נישט בייַם ריכטיקן שׂכל און ממילא קען ער נישט טראָגן אַחריות פאַר זייַנע מעשׂים.

— ער האָט דאָך נישט מורא פאַרן טויט — האָט זי זיך באַקלאָגט פאַרן דאָקטער.

— דער אַדוואָקאַט האָט איר געגעבן אַ גוטע עצה, — האָט סאַלאָמיר זיך אָנגערופן.

יענער האָט איר דערקלערט ווי אַזוי מען קען אויסניצן ציפוריס קראַנקהייט אויף צו מאַכן געלט. קודם־כל האָט ער איר געהייסן אַרויסנעמען אַן אָפיציעלן דאָקומענט אַז חיים ציפורי איז געוואָרן אַ בעל־מום. מיט אַזאַ דאָקומענט קאָן מען אין ישׂראל זיך באַפרייַען פון פאַרשיידענע שטייַערן. ס'איז באַוווּסט אַז אין ישׂראל איז דער שטייַערן־אָפּצאָל אויף פאַרשיידענע אַרטיקלען זייער הויך. דער אָפּצאָל אויף אַ לוקסוסאָוון אויטאָ למשל, איז אַ סך מאָל אַזוי גרויס ווי דער אייגנטלעכער ווערט פון אויטאָ אין אויסלאַנד. דעריבער איז זייַן עצה געווען אַז די ציפוריס זאָלן פאַרקויפן זייער אַלטן אויטאָ און קויפן אַ נייַעם, אַ סעדאַן, אַ שעוראָלעט, אַ וואָלוואָ, און אויפן סמך פון דאָקומענטן וואָס זיי וועלן באַקומען, באַצאָלן וואָס ווייניקער שטייַערן. דער אונטערשייד וועט זיכער דעקן די אבידה פון באַהאַלטענעם געלט און ס'וועט נאָך בלייַבן אַ רעשט. דער אַדוואָקאַט האָט געהייסן שושנהן זיך סטאַרען אַרויסנעמען אַזאַ דאָקומענט און וואָס העכער דער מום — אַלץ בעסער. אַ הונדערט־פּראָצענטיקער מום איז גאָר גוט.

מיט דעם איז חיים ציפורי געווען פאַרנומען. געשריבן בקשות און געגאַנגען איבער פאַרשיידענע מלוכישע אַנשטאַלטן, זיך משתדל זייַן וועגן אַ דאָקומענט מיט אַ הויכן פּראָצענט. אַז מען האָט באַדאַרפט — איז אויך שושנה מיט־געגאַנגען. פערציק פּראָצענט האָט מען שוין צוגעזאָגט. דער אַדוואָקאַט האָט געהייסן פאָדערן מער. בייַ די ציפוריס אין עסזאַל, איידער מען האָט זיך אויסגעזעצט הערן די רעדעס האָט שושנה אייַנגעראַמט הלוין אין אויער, אַז מען איז שוין דערגאַנגען דערוויַיל ביז זעכציק פּראָצענט.

סאַלאָמיר האָט אויפגעוויקלט דאָס פּעקל און געוויזן די שיך. די קוטאָפּס האָבן נאָך געוווינט אין זייער דירה. צוויי הויכע צימערן מיט געוועלבטע פענצטער אין אַן אַלט הויז אַרויף צו אויפן באַרג. אַ מין האַרט לעבן, שטרענג

און באַרעכנט, האָט געאָטעמט פון די שטובזאַכן. ס׳מעבל איז געווען שווער, טונקל, אָפּגעניצט. געקויפט פון דער צווייטער האַנט. די כלים אין קיך — אָנגעבערנט און פאַרסאַזשעט. זייער בעטגעוואַנט און אָנטועכץ האָט מען געקענט איינפּאַקן אין צוויי, דריי וואַליזעס. ביכער און שיך זענען דאָרט געווען זייער אַ סך. צוויי אַלמערס מיט אַלטע בענד אין פּאַרציייטישע שפּראַכן: רוימיש, גריכיש, אויך רוסישע ביכער, און דייטשע אין גאָטישער שריפט. דאָ און דאָרט זענען רוקנס און אותיות געווען געליישט אין גאָלד. אָפּגעריבענע טאָוולען מיט איינגעגעסענעם שטויב. די שיך אין דריטן אַלמער זענען געווען אָפּגעפּוצט. פאַרשיידענע סאָרטן. צום רייטן, אויף פּאַראַדערס, אויף געיעג. קוטאַף האָט זיי אָנגעהויבן זאַמלען ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער אָפיציר אין דער סוויטע פון ניקאָליי דעם צווייטן. ווען ער איז אַנטלאָפן פון די באָלשעוויקעס האָט ער איבערגעלאָזט זיין קאָלעקציע אין רוסלאַנד. זיין פּאַסיע צו שיך האָט זיך נישט אָפּגעשוואַכט און ער האָט אָנגעזאַמלט אַ נייע אויפן וועג.

— כ׳האָב פאַרגעסן אַז דו ביסט געווען אַ מאָל אַ קאַמאַשן־שטעפּער, — האָט סאָלאָמיר זיך אָנגערופן, זעענדיק ווי אַזוי איך האָב באַטראַכט די זעלנערשע שיך פּאָר וועגערן. די פּאַסקעס, די האַטשיקעס, די מעשלעך, די לעצלעך און אַריינגעאָטעמט דעם ריח פון לעדער. דער ריח פון לעדער און פון קאַוטשוק איז געווען דער ריח פון שטוב אין ביאַלע־פּאַדלאַסק, וווּ איך האָב זיך אויפגעהאָדעוועט. פרעמדע האָבן דעם ריח נישט פאַרטראָגן, מיר האָט ער דערמאָנט אין דער היים.

איך האָב שוין אויך געוווּסט פּרטים פון סאָלאָמירס קינדער־יאָרן. כדי צו באַווייזן אַז ער האָט נישט פאַרבטלנט זיינע טעג מיט גאָרנישט האָט ער עטלעכע מאָל אָנגעשטעלט דעם טייפּ־רעקאָרדער וואָס דבורה האָט אים געשענקט, איך זאָל הערן וואָס ער האָט דאָרטן אַריינגערעדט.

זיין טאַטע איז געווען אַ ליכטציִער. ער האָט געצויגן קנויטן אין ליכט. ס׳האָט אים געצויגן צום ביטערן טראָפּן אין פלעשל, האָט מען אים דערפאַר אויך גערופן יידל דער קאַרקנציִער. צו עלף יאָר האָט די מאַמע אַוועקגעשיקט סאָלאָמירן מיט דער באַן אין דער גרויסער שטאָט אַריין זוכן פּרנסה. זי האָט אים מיטגעגעבן אַ לאַבן ברויט ער זאָל נישט אויסגיין פון הונגער און אַ מעדאַל אויף אַ בלויער סטענגע, וואָס האָט זיך אָפּגעהיטן אין שטוב זינט

נאָפּאָלעאָנס צײַטן, ער זאָל זיך האָבן מיט וואָס אויסצוקויפן, טאָמער ער וועט אַרײַן אין אַ צרה.

איך האָב געטראָגן אויף אַ ווײַלע די שיך. סאַלאָמירן האָבן זיי דערמאָנט אין די ביכער וואָס ער האָט געזען בײַ די קוטאָפּס און אין זײַנע אייגענע ביכער וואָס האָבן זיך נאָך אַלץ אַרומגעוואַלגערט אין צריף. ער האָט באַדאַרפט צײַט און געלט. צוליב דוחק אין צײַט האָט ער פאַרנאַכלעסיקט שיינע־רחלען. ער איז שוין איין מאָל אַרויף אויף אירע שפּורן און זי איז אים ווידער פאַרלוירן געגאַנגען. בײַ דבורה מישורין האָט ער זיך געבעטן, אַז אויב נישט קיין שותפות, זאָל זי אים אויסלײַען אַ ביסל געלט און מען וועט באַשטימען אַ דאַטע אויף צו עפענען דעם מוזיי און די ביבליאָטעק. ער איז אויך גרייט געווען איר צאָלן פּראָצענט. נאָר דבורה מישורי איז נישט מסכים געווען. טוביה רישין האָט איר אָנגעזאָגט נישט רירן דעם קרן. אומזיסט האָט איר סאַלאָמיר געגעבן צו פאַרשטיין אַז זינט רישינס טויט איז שוין אויפן קרן אָנגעוואָקסן אַ סך פּראָצענט, אפשר מער ווי דער קרן גופא, נאָר דבורה האָט זיך נישט געקענט דערקלײַבן אין חשבון און נישט געוווסט דעם אונטערשייד צווישן קרן און פּראָצענט. זי האָט נישט געוווסט ווו איינס ענדיקט זיך און דאָס צווייטע הייבט זיך אָן. ווען רישין האָט געלעבט האָט זי פאַרשטאַנען. ווען ער איז געשטאָרבן האָט זי פאַרגעסן. דער חשבון האָט זיך תמיד געשטעלט פאַר איר ווי איין גרויסער קרן וואָס מען טאָר נישט אָנרירן.

— גיי האָב צו טאָן מיט טויטע, — האָט סאַלאָמיר געזאָגט און צוריק־גענומען בײַ מיר דאָס פּעקל. מיט דבורהן וואָלט ער זיך שוין אָן עצה געגעבן. ס'האָט אים פאַרדראָסן אויף טוביה רישינען, וואָס ער האָט נאָך אַלץ רעגירט מיטן געלט. ער האָט אים גערופן מיט געמיינע נעמען און ער האָט געטראַכט אַז דער קיבוץ איז געווען גערעכט וואָס מען האָט אים געמאַכט פאַר אַ פליגנכאַפּער. צו עפּעס בעסערס האָט ער נישט געטויגט. מען האָט זיך דאַרטן גלײַך דערקענט אויף אים.

— אַ קאַרגער ביין, — האָט ער אים גערופן.

וועגער איז געשלאָפן ווען מיר האָבן אָנגעקלאַפּט אין זײַן טיר. ער האָט אונדז געעפנט אָנגעטאָן אין לאַנגע וואַרעמע גאַטקעס. אין וואָלענע זאָקן. נאָך דעם האָט ער זיך אַראָפּגעזעצט אויפן קאַנט פון זײַן בעטל וואַרטן מיר

זאָלן אים זאָגן נאָך וואָס מיר זענען געקומען. סאָלאָמיר האָט אַנידערגעלייגט דאָס פּעקל אויפן טיש און אויסגעשפּירט דאָס צימער. ער האָט אויפגעעפנט די אָפּגעשפּאַרטע טיר פון אַלמער, וועלכער איז געווען אין גאַנצן ליידיק. ער האָט אויפגעהויבן פון דיל אַ דײַטשע צײַטונג, באַקוקט אויף דער וואַנט אַ קליינעם ציבעלע־זייגער מיט רוימישע ציפערן. דורכן געלן בלעטל האָבן זיי אין אָנהויב אויסגעזען ווי טראָפּנס שטויב.

— ווער איז די בתולה? — האָט ער געפרעגט, אַראָפּנעמענדיק אַן אײַנגערעמט בילדל פון אַ פּאַליצע.

ער האָט נישט געוואָרט אויף אַן ענטפער. אָפּגעהויבן אַ שטערצל פון אַ טעפּל און אַרײַנגעשמעקט דעם ריח פון קאַלטע אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפל. ער האָט זיך געשפּירט היימיש מיט וועגערן. זיי האָבן ביידע שטודירט אין זעלבן יאָרצענדליק אין דײַטשלאַנד. וועגער האָט געלעבט אונטער דער השפּעה פון די פּעסימיסטישע פילאָסאָפן מיט אַרטור שאָפּענהויערן בראָש און סאָלאָמיר האָט דעקלאַמירט פון אויסגווייניק סטראָפעס פון מאָדערנע פּאָעטן אין יענער צײַט. ס׳האָט אים געקאָסט אַ מיטאָג צו ברענגען וועגערן מיט זײַן געלט אין באַנק אַרײַן. אויך מיט וועגערן האָט ער געשמועסט מכוח ווערן אַ שותף צום מוזיי. ער האָט נישט געטאָרט דורכלאָזן קיין געלעגנהייט. וועגער האָט דעמאָלט געשאָקלט אַ סך דעם קאָפּ אויף ניין.

— ס׳לעבן האָט אים צעטומלט, — האָט סאָלאָמיר אויפן וועג געזאָגט וועגן אים.

וועגער האָט אָנגעטאָן די ברילן און אַרויסגענומען פון סאָלאָמירס הענט דאָס בילד, אויך די צײַטונג וואָס ער האָט געבאָרגט בײַ אַ שכנה. סאָלאָמיר האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף אַ נידעריק געפלאָכטן פוסבענקל.

— מעסט אָן, — האָט ער געזאָגט און געעפנט דאָס פּעקל אויף זײַן שויס.

פון וועגערס זאַקן האָט זיך געטראָגן אַ שטאַרקער ריח פון שווייס. ער האָט באַקוקט די שיך, זיך אײַנגעבויגן, אָפּירגערוקט אַ וואַליזע פון אונטערן בעט און אַרויסגענומען פון דאָרט אַ צווייטע פּאָר, די וואָס איך האָב אים געבראַכט. זיי האָבן אויך געהאַט דיקע זוילן און העכערע כאַלעוועס. כ׳האָב זיי באַקומען אין קיבוץ ווו איך האָב אַ מאָל געלעבט. מײַנס אַ חבר, אַ פּאַסטעך, איז געשטאָרבן און די אַלמנה האָט זיי מיר געגעבן ווען איך בין איר געקומען מנחם־אָבל זײַן.

— זיי זענען דאָך צו ענג, — האָט סאַלאַמיר געזאָגט און אַרויפגעקוקט צו מיר.

— אַ שוסטער האָט זיי פאַרגרעסערט.

ווען האָט זיך זייער איבערגענומען ווען איך האָב אים געגעבן די שיך אין באַנק. ער האָט זיי געמאָסטן אין קעמערל מיט די פאַרלעגענע פּאַפּירן, ווו איך האָב געציילט ריטאַ עולמיס געלט. הלוי האָט דעמאָלט באַשלאָסן אַז עס איז געקומען די צײַט וועגער זאָל קויפן קב״א־אַקציעס, און נאָכן מעסטן האָט ער אים פאַרהאַלטן, אַ שמועס טאָן מכּוח בײַטן די דײַטשע מאַרקן אין זײַן חשבון.

דעם זעלבן טאָג, פאַר־נאַכט־צו איז וועגער אַרײַנגעקומען און געהייסן טוישן פון זײַן חשבון צען טויזנט מאַרק. ער האָט געהאַט מיט זיך אַ רשימה און געהייסן אויסשרײַבן טשעקן פאַרן בלינדן־־אינסטיטוט אין ירושלים, פאַרן בלינדן־אינסטיטוט אין חיפה און פאַר דרײַ אַנדערע צדקה־אינסטי־טוציעס מיט אַזעלכע נעמען ווי ״מתן־בסתר״, ״מקור־הרחמים״, ״השגחה״. הלוי האָט אין אָנהויב נישט געגלייבט אַז וועגער איז ערנסט און איידער ער האָט זיך אויפגערעגט האָט ער אים געשטעלט פאַרשיידענע שאלות. צי וועגער טיילט נדבות פון פּראָצענט אָדער פון קרן. זינט ווען האָט ער אָנגעהויבן שענקען געלט. און וואָס עפּעס פאַר בלינדע. צי ווייסט ער ווער די אַנדערע צדקה־אינסטיטוציעס זענען. און פאַר וואָס זאָל ער פריִער נישט קויפן קב״א־אַקציעס און טיילן צדקה פון די רווחים.

נישט אויף אַלץ האָט וועגער געענטפערט. פאַר בלינדע האָט ער געשענקט צוויי מאָל אין יאָר, זינט ער האָט אָפּגענומען בײַ די דײַטשן דאָס געלט. נאָך אין דייטשלאַנד האָט ער עס געטאָן. און ער האָט תמיד דערהאַלטן פון זיי זייער שיינע דאַנקבריוו. שפּעטער האָבן אויך די אַנדערע אים געשיקט בריוו ער זאָל שענקען געלט. ווו זיי האָבן גענומען זײַן אַדרעס אין דײַטשלאַנד האָט ער נישט געוווּסט. דאָס מאָל האָט ער מקדים געווען צוליב די שיך.

הלוי האָט דערציילט וועגערן אַז אין ישׂראל איז פאַראַן אַ מאַרק, ווו מען האַנדלט מיט אַדרעסן פון נדבנים און דער פּרײַז פון אַדרעס געווענדט זיך אין דער ברייטהאַרציקייט פון נדבן. וואָס גרעסער די נדבה, אַלץ העכער דער פּרײַז פון אַדרעס. פאַר וועגערס אַדרעס האָט מען מסתּמא באַצאָלט אַ סך

געלט. וועגער האָט געווישט די ברילן, זײַנע בלויע אויגן זענען געוואָרן העלער, זײַן רויטלעכע נאָז האָט באַקומען גלאַנץ. ער האָט געזוכט אַ צוטומלטער אין די קעשענעס פון זײַן זעלנערשן שינעל. ער האָט נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס מען זאָל צאָלן פאַר זײַן אַדרעס אין דײַטשלאַנד — סך־הכל אַ בוידעם־שטיבל בײַ גוטע פרײַנד נאָך פון פאַר דער מלחמה. פאַר דירה און שפּײַז האָט ער דאָרטן באַאַרבעט זייער גאָרטן.

הלוי האָט מער נישט אײַנגעהאַלטן זײַן רוגזה. ער איז געווען זיכער אַז אונטער אַזעלכע צדקה־קרײַזלעך וואָס גיבן נישט אָן קיין נעמען און אַדרעסן באַהאַלטן זיך אונטער נומערן פון פּאָסטקעסטלעך אומערלעכע לײַט. זיי שרײַבן האַרצרײַסנדיקע בריוו וועגן יתומים, אַלמנות, אַנדערע אומגליקן און נעמען צו דאָס געלט פאַר זיך אַליין. ער האָט אָפּגעהאַלטן וועגערן ביז גאָר שפּעט און אַרײַנגערעדט אין אים ער זאָל זיך אַרומקוקן און זען וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. אַז עס זענען דאָ אַ סך פאַלשע אינסטיטוציעס און איידער מען שענקט זיי געלט דאַרף מען פריִער אויסגעפינען ווער זיי זענען. דאָס וואָס וועגער האָט זיי געגעבן ביז איצט איז שוין פאַרפאַלן, אָבער איצט זאָל ער פריִער אינוועסטירן די מאַרקן אין קב"א־פּאַפּירן און שפּעטער זיך אַרומקוקן און זען.

און כדי וועגער זאָל נישט מיינען אַז די קב"א־פּאַפּירן זענען אומוויכטיק און אומבאַקאַנט האָט ער אים אויסגערעכנט ווער עס האָט זיי שוין אַלץ געקויפט. מענטשן פון פאַרשיידענע שיכטן פון פאָלק. סוחרים, אַרבעטערס, פּענסיאָנערן, יונגע־לײַט, אַלמנות. איינער אַ קצב מיטן נאָמען פּינחסיק האָט צוליב דעם פאַרקויפט זײַן יאַטקע. דער קצב האָט אין אָנהייב נישט געלעבט בשלום מיט זײַן ווײַב. זיך צעקריגט, צעגאַנגען. צום סוף האָבן זיי באַשלאָסן פאַרקויפן די יאַטקע, אינוועסטירן דאָס געלט אין קענאַרד בערנזאָנס פּאַפּירן און לעבן בשלום פון די רווחים.

נאָך אַ פאַרפאַלק האָט געטאָן דאָס זעלבע. גראָד אַ הויכער שאָפער. ער און זײַן ווײַב, אַ ברייטע, אַ נידעריקע, האָבן געבראַכט דאָס געלט פון פאַרקויפטן לאַסטויטאָ. זיי האָבן געוואָלט וואָס שנעלער ווערן רײַך. אַ קראַנקן־שוועסטער פון שפּיטאָל האָט געבראַכט איר נדן. זי האָט געוואָרט אויף אין חתן ער זאָל זיך באַפרײַען פון דער אַרמיי. די רײַכע משפּחה אַבני־שטיינער. איינער פון די זין האָט באַשלאָסן גיין אין טאַטנס פוסטריט און זיך

געגומען צום האַנדל מיט אַקציעס. אַרײַנגעלייגט אַ סך געלט אין קענאַרד בערנזאַנס פּאַפּירן.

— די קב״א־געזעלשאַפט איז אַ פירמע מיט אַ פילאָסאָפיע, — האָט הלוי געזאָגט וועגערן.

וועגער האָט נישט געקענט די אַלע מענטשן. זיי האָבן נישט געמאַכט אויף אים קיין רושם. ייִדן האָבן תּמיד געטיילט מתּן־בסתר. די טראַדיציע האָט אָנגעהאַלטן אין פאַלק אַלע יאָרן, אַלע דורות. אויב ער וועט אָנהייבן פאַרשן און חושד זײַן וועט ער אין גאַנצן פאַרטומלט ווערן און נישט וויסן וועמען צו גלייבן און וועמען נישט. ער האָט אַרויסגעצויגן פון די קעשענעס פאַרשיידענע דאָנקבריוו, אָבער הלוי האָט נישט געוואָלט אַ קוק טאָן. איך האָב אויסגעשריבן פינף טשעקן די ווערט פון צוויי טויזנט מאַרק יעדער איינער און וועגער האָט נאָכקאָנטראָלירט צי די נעמען זענען ריכטיק פאַרשריבן.

הלוי האָט שוין נאָך דעם נישט געאַרבעט. ס'האָט אים צו פיל צערודערט. סײַ ווי האָט די באַנק זיך געשלאָסן פאַר קהל. דער זאַל האָט זיך אויסגעליידיקט. די לעצטע באַאַמטע האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין דרויסן. דער שומר בײַ דער טיר איז געשטאַנען אין מאַנטל און געדרייט אויף אַ פינגער דעם גרויסן שליסל צו דער טיר. דער קאַסירער האָט אָנגעצונדן דאָס קליינע וואַכלעמפּל איבער דער קאַסע ס'זאָל לײַכטן אַ גאַנצע נאַכט. אַ טעלעפאָן האָט געקלונגען און קיינער האָט נישט געענטפערט. די דאַטע פון טאָג אויפן גרויסן קאַלענדאַר האָט שוין אויסגעזען איבעריק. הלוי האָט זיך געשטעלט לעבן פענצטער מיטן פּנים צום טונקעלן דרויסן און זיך געפּעטשלט אין פּליך. דער קאַסירער און דער שומר האָבן געמיינט אַז ער רעדט צו זיי. זיי האָבן געקוקט אויף אים שטיפעריש, אויסגעמישט מיט בהלה און ביטול און נישט פאַרשטאַנען אויף וועמען ער בייזערט זיך און אויף וועמען ער שרײַט ליגנער, שאַרלאַטאַנען.

אַרויסגייענדיק פון וועגערן האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אויף זײַן שכנה בײַ וועלכער ער האָט געבאָרגט די דײַטשע צײַטונג צום לייענען. פון הינטן האָט זי אויסגעזען ווי אַ דאַר מיידל, פון פאָרנט — ווי אַ מת. זי איז אַלט געווען הונדערט און צוויי יאָר, אין גאַנצן בלינד, און וועגער האָט געהאַט

בחינם פאַר זיך אַליין די צײַטונג וואָס די פּאָטשט האָט איר געבראַכט יעדן טאָג.

— ווײַבער ליגן אים אויפן זינען, — האָט סאַלאָמיר זיך אָנגערופן.

ווען מער האָט אים איין מאָל געזאָגט אַז ער איז קיין מאָל נישט געשלאָפן מיט אַ ווײַב. ער איז שפּעטער ברוגז געוואָרן אויף סאַלאָמירן פאַר די אומבאַשיידענע שאלות וואָס ער האָט אים געשטעלט.

— ער לאָזט נישט צו צו זיך, — האָט סאַלאָמיר געזאָגט.

קוטאָפּס שיך האָט ער איבערגעלאָזט אונטערן אײַזערנעם בעטל און געזאָגט וועגערן אַז זײַנע זאָקן שטינקען צו שטאַרק. ווען ער אײַלט זיך נישט וואָלט ער אים אויפן אָרט געוויזן ווי אַזוי צו וואַשן זאָקן אַן זייף און שפּאָרן געלט.

די פרישקייט אין דרויסן האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם. איינצלנע רעגן־טראָפּנס פון אַ קליינעם וואָלקן האָבן זיך אָנגעיאָגט מיטן ווינט. אַ מהלך ווײַטער, אין מיזרח, אַרויס פון דער געגנט, האָבן זיך דורכגעריסן שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון. אויף סאַלאָמירס זייגער איז שוין געווען שפּעטער ווי ער האָט גערעכנט און דבורה האָט געוואַרט אויף אים אין שטוב. ער האָט זי נישט געטאָרט איבערלאָזן אַליין צו לאַנג. איר תאווה צו רייניקן האָט נישט געהאַט קיין סוף. זי האָט אים פאַרלייגט ערגעץ און ער האָט נישט געקענט געפינען עטלעכע וויכטיקע כתבים, אַ הספּד אויפן טויט פון אַ יוגנט־חבר, וואָס ער האָט אָנגעשריבן מיט יאָרן צוריק און אַן אָנהייב פון אַן אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן. מיר האָבן זיך פאַרנומען אין דער ריכטונג צו זײַן שטוב. צו רימערן איז שוין נישט געווען ווײַט, אָבער ס׳איז געווען אַ ספק צי איך וועל טרעפן אַהין אַליין. ס׳לעצטע מאָל האָט אים סאַלאָמיר נישט געטראָפן אין דער היים. פון זינט דער נסיעה אויפן חשבון פון דער הסתדרות האָט רימערן געצויגן צו נסיעות. ווו נאָר אַן אומזיסטער פאָר האָט ער זיך מיטגעכאַפּט.

— ער איז געוואָרן יענער פויגל אויפן בית־עולם, — האָט סאַלאָמיר געזאָגט.

זיי זענען ביידע מיטגעפאָרן מיט די בעטלערס פון שטאָט וואָס מען האָט אײַנגעזאַמלט צו ווײַזן דאָס לאַנד. מען האָט באַדאַרפט ווײַזן ירושלים און סדום, אָבער ווײַטער ווי די צענטראַלע אָגד־סטאַנציע אין תל־אָביב איז מען

נישט פֿאַרפֿאַרן. ווען די בעטלערס האָבן דערזען וואָס דאָרטן טוט זיך זענען זיי אַלע אַראָפּ און נישט צוריקגעקומען ממשיך זײַן די נסיעה. ס'איז געווען אַ גערעכטער עקספּערימענט אָפּצורייניקן דאָס בעטלען אויף די גאָסן פֿון אונדזער שטאָט. אַנדערע מיטלען, אַרבעט, דירות, אַ קיאָסק, האָבן ווייניק געהאָלפֿן. איצט זענען זיי כמעט אַלע געפֿאָרן קיין תל־אָביב. זיך אויפֿגעהויבן באַגינען צו כאַפּן דעם ערשטן אויטאָבוס און צוריק געקומען מיטן לעצטן, צען מיט דרײַסיק בײַ נאַכט.

— רימער האָט דאָרט פֿאַרפּירט אַ ליבע, — האָט סאָלאָמיר געזאָגט.

מיר האָבן זיך אָפּגערוקט אָן אַ זײַט דורכצולאָזן פֿערד־און־וואָגן. יעקב נאָדל האָט פֿאַרשטעקט צוויי פֿינגער אין מויל און געטאָן צו אונדז אַ פֿײַף מיר זאָלן זיך אויפֿזעצן און אונטערפֿאָרן. ס'געסל האָט זיך געצויגן מיט אַ שיפּן באַרג־אַראָפּ און ער האָט געהאַמעוועט דעם וואָגן. די הינטערשטע רעדער האָבן זיך געגליטשט מיט אַ סקריפּ און איבערגעלאָזט צייכנס אויפֿן אַספֿאַלט. ער האָט שוין געהאַט מיט זיך איין פּאַסאַזשיר. לייב סילווער, דער בעל־הבית פֿון די הײַזער, איז דאָרטן געזעסן.

— וואָס טוט ער דאָ ? — האָט סאָלאָמיר זיך געפֿרעגט.

ער האָט געהערט אַז סילווער האָט אונטערגעהאַנדלט מיט נאָדלען וועגן באַפֿרײַען די שטוב. לויט נאָדלס עדות וועט ער באַקומען אַ גרויסע פּותיקי, אויב ער וועט אַוועק פֿון דאַנען מיט די חיות און מער נישט פֿאַרסרחען די לופֿט. נאָדל אַליין האָט זיך באַרימט אַז נישט די רעגירונג און נישט דער גביר פֿון אויסטראַליע זענען מיט אַ מאָל געוואָרן באַרעמהאַרציק און פֿאַרדינגען דירות זייער ביליק פֿאַר אָרעמע פּענסיאָנערן. דאָס האָט נאָדל מיט זײַנע חיות געדריקט אויף די פּרײַזן. ער האָט געהאַט פּרעטענזיעס שכנים זאָלן אים דאַרפֿן שיין באַדאַנקען. ס'וואָלט נישט געווען קיין חטא זיי זאָלן אים עפּעס צוצאָלן יעדן חודש. ווען סאָלאָמיר האָט זיך אַרײַנגעצויגן אין צריף האָט נאָדל מרמז געווען ער זאָל אים אַרײַנשטעקן עפּעס אין יד אַרײַן.

— ווער האָט געהערט אַז ממשלות און גבירים זאָלן רחמנות האָבן אויף אָרעמע פּענסיאָנערן ? — האָט ער געטענהט.

סאָלאָמיר איז געווען זיכער אַז עס איז אַרײַנגעפֿאַלן אַ טעות אין חשבון. ס'וואָלוועלע דירה־געלט פֿאַרן צריף איז געווען אַ ווילדע מציאה. איידער

ער האָט פאַרלאָזט צפת איז ער אויסגעפאָרן אַ האַלבע מדינה זוכנדיק אַ פּאַסיק אָרט פאַרן מוזיי און פאַר דער ביבליאָטעק און אומעטום, אַפילו אין די פאַרוואָרפנסטע מקומות, האָט מען געשונדן די הויט, שוין אָפּגערעדט אין אַ שטאָט, אין צענטער פון לאַנד. ווען ער דאַרף צאָלן לויטן אמתן ווערט וואָלט ער פאַרבליבן אין צפת.

— ער וועט זיך כאַפּן אויפן טעות און צושטעלן אַ חשבון פאַר דער גאַנצער צײַט, וועט מיר פינצטער ווערן אין די אויגן, — האָט סאַלאָמיר געזאָגט וועגן סילווערן.

מיר האָבן זיך אויפגעזעצט מיט אָראָפּהענגענדיקע פיס און יעקב נאָדל האָט אַ קנאַק געטאָן די בייטש אין דער לופט. ס'פערד האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פלינק און וואַכעוודיק. נאָדל האָט געשמייכלט צו אונדז מיט אַ מויל שיטערע ציין. ער איז געבליבן דער לעצטער פון די ערשטע תושבים אין דער סביבה. אַ מאָל זענען דאָ געוועזן נײַע עולים. ווען זיי האָבן זיך אַ ביסל אײַנגעזעסן זענען זיי אַוועק וווינען אין רײַכערע הײַזער. אויך נאָדל האָט זיך אַרויפגעאַרבעט. צוגעקויפט וועגענער, נאָך אַ פערד. זומער האָט ער געהאַנדלט מיט אויפס און גרינס, ווינטער האָט ער פאַרטיילט נאַפט אין די שטיבער. איצט איז ער צוריקגעפאָרן פון מאַרק, וווּ ער האָט פאַרקויפט בגדים, מעבל, כלים, וואָס ער האָט אויפגעזאַמלט לעבן טירן און טויערן פון שטיבער אין שטאָט. וואָס מענטשן האָבן אַלץ נישט אַרויסגעוואָרפן! הײַנט איז דער מאַרק געווען אַ שוואַכער און ער האָט צוריקגעפירט אַ קופּערנע פאַן, אַ פּײַערקע, פאַרראָסטע פאַטעלניעס, אַ זאַק מיט שיך, אַ בערגל ווײַבערישע קליידער, אַ געבעטע שטול מיט אַ לאַטע.

ס'געסל האָט זיך נאָך אַלץ געדרייט באַרג־אַראָפּ. ס'פערד האָט זיך אײַנגע־האַלטן מיט די הינטערשטע פיס און געהאַמעוועט דעם אימפּעט פון וואָגן. סילווער איז געזעסן אויף אַ קעסטל. ער האָט געהאַט אַ פול פּנים. ער איז ווײַס געוואָרן פאַר דער צײַט. איין מאָל אין חודש איז ער אַליין געגאַנגען איבער די הײַזער אויפמאָנען דירה־געלט. מען האָט אים אָפּגעוואָרט אויף די שוועלן מיט מזומן אין די הענט. אין אָנהויב האָט סאַלאָמיר גערעכנט אַז סילווער איז נישט מער ווי אַן אַגענט. ס'האָט זיך אים נישט געלייגט אויפן שׂכל אַז אַ גביר זאָל אַליין טאָן אַזאַ פּראָסטע אַרבעט. אָבער סילווערן האָט פון שטענדיק אָן געצויגן צום פּשוטן פאָלק. ס'געלט האָט אים נישט צו פיל

קאַליע געמאַכט. כ׳האָב געדענקט ווען ער איז אַרומגעפּאָרן אויף אַ ראָוועד איבער די גאַסן פון מעלבורן פאַרקויפן אויפן מעטער קישקעס פון בהמות. פריער האָט ער ארויסגעוואָרפן שיכורים פון זײַן פּעטערס אַ שענק. איין מאָל ווען ער האָט אַרויסגעוואָרפן אַ שיכור פאַר דער צײַט און דער פּעטער האָט אים אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט איז ער געקומען צו מײַן זיידן דעם שנײַדער זיך אויסלערנען אַ פאַך. מײַן זיידע האָט באַקוקט סילווערס הענט, די גראָבע פינגער און באַדויערט וואָס זיי וועלן קיין מאָל נישט פעיִק זײַן אײַנפעדעמען אַ נאָדל. ער האָט אים געזאָגט אַז צו זײַן אַ שנײַדער לערנט מען זיך נישט אויס. אַ שנײַדער דאַרף מען געבוירן ווערן.

לעבן נאָדלס שטוב זענען מיר אַראָפּ פון וואָגן. סילווער האָט אַראָפּגעשאָרט פון זיך צוגעקלעפּטע שטרויען. דער מאָנטל איז געווען טונקל. ס׳אַנדערע אָנטועכץ זײַנס איז אַרײַנגעפאַלן אין פאַרשידענע שאַטירונגען פון העל־בלוי. אויך זײַנע געדיכטע האָר האָבן אָנגעכאַפּט אַ בלוילעכע מראה.

— און דו, וואָס טוסטו דאָ ? — האָט ער זיך אומגעווענדט צו מיר מיט אַ טאָן ווי איך וואָלט אַריבער זײַן רשות אומגעפרעגט.

אַלע שטיבער דאָ זענען געווען זײַנע. ווען ער האָט זיך באַזעצט אין לאַנד האָט ער צוגעשטעלט אַ פּלאַן צו לינדערן דאָס לעבן פון אָרעמע פּענסיאָנערן. צוליב דעם האָט מען אים פאַרקויפט די הײַזער זייער ביליק. אויך דאָס געלט אויף צו קויפן די הײַזער האָט די רעגירונג אים געבאָרגט — הלוואות אויף לאַנגע יאָרן מיט אַ קליינעם פּראָצענט. אייגנטלעך האָט ער קיין אייגנס נישט אַרײַנגעלייגט אינעם עסק. דאָס דירה־געלט האָט אָפּגעצאָלט די חובות און זײַן פאַרדינסט איז געווען דאָס שליסלגעלט. סך־הכל האָט ער גענומען אַ מינימאַלע סומע בעתן פאַרדינגען אַ דירה און דאָס אויך ווערליק דעם עלטער פון פּענסיאָנער. אַ מענטש אין די זיבעציקער יאָרן האָט געצאָלט עפּעס מער, אין די אַכציקער — ווייניקער, נאָך עלטערע — גאָר ווייניק. אין גרעסערן סך־הכל האָט זיך עס אויסגעגלײַכט, ווײַל צווישן די עלטערע פּענסיאָנערן איז אויך דער אומזאָץ געווען אַ גרעסערער. ייִנגערע האָט סילווער נישט פאַרדונגען.

— באַנק־ענינים, — האָב איך זיך אָפּגערופן.

— קב״א־אַקציעס, — האָט סאַלאָמיר צוגעגעבן. ער האָט זיך געאײַלט אַרײַנגיין אין שטוב אָנזאָגן דבורהן אַז ער וועט זיך פאַרזאַמען און ער איז

געבליבן שטיין לעבן אונדז. דער חשד וועגן סילווערס טעות אין חשבון האָט אים נישט אָפּגעלאָזט. געוויינטלעך האָט ער סילווערן אויסגעמיטן. געשטאַנען ווי אַלע אין דרויסן מיטן מזומן אין די הענט אינעם טאָג ווען יענער איז געגאַנגען איבער די הײַזער, געגעבן קורצע ענטפֿערס און געטאָן אַלץ סילווער זאָל נישט אַרײַן אין הויף אַרומשמעקן דעם צריף.

— ער איז אַזוי אָנגעשטאָפּט מיט געלט, מסתמא געדענקט ער נישט וואָס ער האָט פֿאַרדונגען, — האָט סאַלאָמיר מיר געזאָגט, זיצנדיק אויפֿן וואָגן.

אויב די קלאַנגען זענען אמת און סילווער וועט אויסצאָלן נאָדלען, כדי צו טאָן עפּעס מיט די הײַזער, וועט ער דאַרפֿן אויף דאָס נײַ טראַכטן וואָס צו טאָן. ער זאָל זיך נאָר נישט דאַרפֿן ווידער ציִען מיט די ביכער, מיט די מצבות, מיט די אַנטיקן.

— ס׳איז פֿאַלג מיך אַ גאַנג, — האָט סאַלאָמיר געזאָגט ווען דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— זאָג נאָך אַ מאָל. וואָס פֿאַר אַן אַקציעס? — האָט סילווער איבער־געפֿרעגט.

ער האָט זיך אָנגעבויגן ווי אויף אָנצושטעלן אַ טויבלעכן אויער. אַרום אונדז איז שוין געווען שטיל. בלויז דאָס פֿערד וואָס נאָדל האָט אויסגעשפּאַנט האָט אונטערגעטופּעט מיט אַ פֿוס. געבלאָזן מיט די נאָזלעכער. אַרויסגעלאָזט אַנדערע קולות.

— קענאַרד בערנזאָנס אַקציעס, — האָט סאַלאָמיר געזאָגט. ער האָט זיך באַרימט אַז נאָך מענטשן אין דער סביבה האָבן אַרײַנגעלייגט זייער געלט אין די פּאַפּירן.

— זייער פֿײַן, זייער פֿײַן, — האָט סילווער געחזרט. — און ווער איז דער קענאַרד בערנזאָן?

נאָך דעם ווי ער האָט געהערט אַז אויך סאַלאָמיר האָט אינוועסטירט אין די קב״א־אַקציעס צו פֿאַרבעסערן זײַן אויסקומעניש, איז ער צוגעגאַנגען נעענטער, אים אָנגענומען בײַם אָרעם און אַרײַנגעפֿרעגט אין פּנים אַרײַן:

— מען מעג אים געטרויען געלט, דעם בחור פֿון אַמעריקע? ס׳איז ראַיעל?

— וואָס הייסט, ער האָט דאָך אונטער זיך אַן אימפּעריע?

— פֿון וואַנען ווייסט מען?

— ס׳איז מיר גוט. פון וואַנען ווייסט מען וועגן ראַטשילדן? — האָט סאַלאָמיר זיך אונטערגעשמייכלט.

— יענער גלײַכט זיך שוין אויס מיט ראַטשילדן?

סילווער האָט נישט אָפּגעלאָזט סאַלאָמירס אָרעם. מיט דער צווייטער האַנט האָט ער געצופּט אַ שפּיצל פון זײַן דיקער ליפּ.

— זיי זענען געוואָרן שותּפים, — האָט סאַלאָמיר געזאָגט.

— ווער האָט עס דערציילט?

סאַלאָמיר האָט אָנגעוויזן אויף מיר און אָנגערופן הלויס נאָמען. סילווער האָט אויפגעהערט צופּן די ליפּ און מיך פאַרהאַלטן מיט זײַן אויסגעשטרעקטער האַנט איך זאָל זיך נישט אַרײַנמישן און לאָזן סאַלאָמירן ווײַטער רעדן. זײַנע תּנועות זענען פאַרבליבן די זעלבע ווי אַ מאָל אין די יִנגלשע יאָרן.

נאָדל האָט אַרײַנגעפירט זײַן פערד אין הויף. סילווער האָט אָפּגעלאָזט סאַלאָמירס אָרעם.

— אויב אַזוי, וועל איך אויך קויפן די אַקציעס, ווי האָסטו געזאָגט הייסט ער? קענאַרד בערנזאָן? מען קריגט צו קויפן וויפל מען וויל?

— נישטאָ קיין שיעור, — האָט סאַלאָמיר געענטפערט סילווערן, נאָכ־זאָגנדיק הלויס אַן אויסדרוק.

נאָדל, טיפער אין הויף, האָט גערופן צו זיך אין שטוב אַרײַן. סאַלאָמיר איז אַרײַנגעגאַנגען אָנזאָגן דבורהן אַז ער וועט זיך לאַנג נישט זאַמען. כ׳האָב באַגלייט סילווערן ביז נאָדלס טיר.

— אַן אַפערִיסט, — האָט ער אָפּגעפּסקנט און סילווער האָט מיר אָנגעקוקט פון אַ זײַט. קישעלעך פון עלטער האָבן זיך געזאַמלט אַרום זײַן נאָז, אַרום די קינבאַקן. ער האָט אָנגעשטעלט אַ פּנים אויף צו רעדן, זיך מיישב געווען און אָנגעזאָגט נאָדלען אַז מען האָט געהערט זײַן רוף. ער האָט מיר פאַרגע־האַלטן איך זאָל זיך נישט אַרײַנלאָזן אין לײַכטזיניקע אַוואַנטורעס און מיר דערמאָנט די צײַט ווען ער איז געקומען צו מיר אין שטוב אַרײַן צורעדן איך זאָל נישט פאַרלאָזן דעם קיבוץ. ער האָט איצט, אַזוי ווי דעמאָלט, ציטירט מײַנע בריוו וואָס איך האָב אים געשריבן די ערשטע יאָרן קיין אויסטראַליע, ער זאָל איבערלאָזן דעם שאַכער־מאַכער פון מיסחר און קומען לעבן אָרנטלעך פון אייגענער אַרבעט. מעלקן קי, אַקערן פעלדער, פּאַשען שעפּסן, עסן צוזאַמען אין חדר־האוכל.

— אויך אין ישראל איז די שטאָט אַ דזשאַנגל, — האָט ער איבערגעחזרט. און אויב איך האָב דעמאָלט זיך נישט צוגעהערט צו זײַן עצה, פאַרלאָזט דעם קיבוץ און געוואָרן אַ פּקיד אין שטאָט, וואָלט גלײַכער געווען איך זאָל זיך האַלטן בײַ דער געוויינטלעכער באַנקאַרבעט. קענאַרד בערנזאָן און זײַן קאָמפּאַניע זענען פאַלשע לײַט, גרויס־שווינדלערס. נישטאָ פאַר זיי אומכשרע וועגן אויף אָפּצונאַרן און באַרויבן.

— שפּרינג נישט אין פײַער.

ער האָט מיך אָנגענומען בײַם אָרעם און אַרײַנגעפירט צו נאָדלען אין שטוב אַרײַן.

— שפּינוועבס, — האָט ער געזאָגט וועגן הלויס אַמביציעס.

אין נאָדלס שטוב זענען אַרומגעלאָפן צווישן די פיס פּישטשענדיק און פלינק יונגע גרינלעך־געלע קורטשיקלעך. באַנקעס פון נאַפט און הילצערנע קעסטלעך, ליידיק און האַלב־פול מיט אויפס און גרינס, זענען געשטאַנען אָנגעהויפט אַרום די ווענט, דרײַ און פיר די הויך. פון אַ נידעריקן קאַרב האָבן אַרויסגעשטאַרצט די שפּיצן אויערן פון אַ האָז. רייזל, נאָדלס ווײַב, איז געזעסן ברייט און שווער אויפן קאַנט פון בעט און געקאָרמעט אויף איר שויס אַ קליינעם, אַלטן, שוואַרצן הונט אַרומגעוויקלט אַרום האַלדז מיט אַ ווײַס ווינדל. אויף אַ יִדישער צײַטונג, אויסגעשפּרייט אויפן טיש, האָט אַ ברוינלעך גרויע קאַץ, די פיס פאַרלייגט אונטערן בויך, געזשמורעט מיט די אויגן איבער אַ פלאַכן צינקענעם טעלער מיט עטלעכע דינע, אויסגעטריקנטע ביינדלעך. נישט רייזל און נישט די קאַץ האָבן זיך אומגעקוקט ווען מיר זענען אַרײַנגעקומען אין שטוב.

יעקב נאָדל האָט זיך געפּאָרעט מיט פאַרשיידענע טועכצן; אַרויסגערוקט צום זיצן אַ בענקל, אַ ליידיק קעסטל אויף אַ זײַט, אָוועקגעשטעלט אַ האַלב פולע פלאַש בראָנפן אויפן טיש. ער האָט געבראַכט פון קיך דרײַ דיקע, גלעזערנע כוסות, זיך אײַנגעבויגן אויפן וועג און באַפרײַט אַ קאַטשקעלע וואָס איז אַרײַן און נישט געקענט אַרויס פון אַ שפּאַלט צווישן צוויי קאַסטנס. אונדז מכבד געווען מיט אַ מייער.

— פון אייגענעם גאָרטן, — האָט ער געזאָגט.

ווען ער איז געקומען אין לאַנד און מען האָט אים געשיקט אַהער וווינען, האָט ער פאַרפּאַרקנט דעם הויף, געמאַכט אַ גאָרטן און געהאָדעוועט חיות.

אין די יאָרן פון צנע האָט נישט געפעלט בײַ אים אין שטוב אַ זיסע פלוים, אַ פריש איי, אַן אוגערקע, אַן אינדיטשקע. ער האָט קיינעם נישט אָפּגעזאָגט. זײַנע פרײַזן זענען נישט געווען געפּעפּערט. אַלע זענען דעמאָלט געווען נײַע עולים און מען האָט נישט געוווּסט פון האַלטן זיך גרעסער פאַרן צווייטן. אַ היימישן שכן האָט ער געוויזן ווי אַזוי צו פאַרזייען קאַרטאָפל, פאַרזעצן אַ לימענע־ביימל, באַשפּריצן אַ ווײַנשטאָק. מ׳האָט געלעבט בשלום. מ׳האָט נישט געהערט מען זאָל זיך באַקלאָגן. ס׳רישעות האָט געוויזן דעם אמתן פּרצוף ווען מען האָט אָנגעהויבן פאַרקרימען מיט די נעז און זיך באַקלאָגט פאַר מלכות אויף די געמיינע ריחות פון זײַן הויף. ספּראָוועס האָבן נישט געפעלט, ביז זיי זענען אַלע אָוועק פון דאַנען און סילווער איז געקומען און אָפּגעקויפט די הײַזער פאַר שפּאָט־ביליק.

נאָדל האָט אָנגעגאָסן כוסות. ער האָט געוווּסט זײַן ווערט. אָן צו קענען שרײַבן און לייענען האָט ער געהאַלטן אַ חשבון אין קאָפּ. און אויב מען האָט באַדאַרפט איז רייזל צו נײַץ געקומען, זי איז געווען די געבילדעטע אין שטוב. געשטאַמט פון אַ חסידישער משפחה, אויסגעלייענט יעדן טאָג אַ ייִדישע צײַטונג, ער אַליין האָט געשטאַמט פון קאָוועלעס, בעל־עגלות. מען האָט געהאַנדלט מיט פערד, געהאָדעוועט הינער. אינטעליגענטן האָבן זיך נישט געהאַלטן אין דער משפּחה.

— נישט געווען בײַ אונדז קיין שנײַדערס, שוסטערס, — האָט ער געזאָגט. מיר האָבן אויסגעטרונקען לחיים און נאָדל האָט געוואָרט אויף סילווערס לעצטן פרײַז.

— מיסטער זילבערמאַן, — האָט ער אים גערופן.

רייזל האָט אויפגעהערט קאָרמענען דעם הונט. ער האָט געבילט מיט קליינע, שאַרפע ציין ווען זי האָט אים אָנגענומען בײַ דער דיקער הויט פון קאַרק און אים אַראָפּגעשטעלט אויפן דיל. שווער און שאַרכנדיק איז זי אַרײַן אין אַ פאַרטונקלטער קאַמער און דער הונט נאָך איר, נאָכשלעפנדיק אַ הינטערשט פיסל. אויך די קאַץ האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט אַ לאַנגן, שטילן גענעץ, נאָכן אויסציען די גלידער, אַראָפּ מיט נאָך שטילערע טריט פון טיש אויפן בענקל, אויפן דיל און אַרײַן נאָך רייזלען און נאָכן הונט אין טונקעלן צימער. איך האָב אַרײַנגעלייגט דעם מייער אין קעשענע, זיך

געזעגנט און אַרויסגעגאַנגען. פון דרויסן האָב איך געהערט ווי נאָדל האָט גערופן:

— רייזל, רייזל, כ׳גיי אָנפּויען דאָס פערד, ווילסט אויך אַ טרונק?

אין סאָלאָמירס הויף האָב איך גערופן זײַן נאָמען. ס׳האָט זיך גאָרנישט געביטן אַרום די אָנגעוואָרפענע שטיינער און טעפּ. ס׳גראָז איז געוואָרן העכער, דער צווײַג אין דער וועראַנדע וואָס האָט אונטערגעהויבן דעם דאַך איז זיך צעוואַקסן מיט אַ סך בלעטער. די טיר פון צפת לעבן בוים איז געווען איבערגעוואָרפן פון אויבן מיט אַ זאַק, וואָס האָט פאַרשטעלט שיינע־רחלס נאָמען.

— זי איז נישטאָ אין דער היים, — האָט סאָלאָמיר צוריקגערופן.

די קיך איז געווען ריין און אויפגערוימט. אַ קליינער אָפּגעפּוצטער אײַזקאַסטן, אַ גאַזפּלאַטע צום קאָכן. כלים אָנגעהאָנגען אויף דער וואַנט. דער טיש וואָס האָט פאַרשטעלט דעם אַרײַנגאַנג איז געשטאַנען בײַ דער זײַט. אויפן אָרט פון די אויסגעלייענטע צײַטונגען, פאַרעלטערטע זשורנאַלן און צעשאָטענע ביכער, וואָס זענען פריִער געווען אָנגעלייגט אויף די צוויי פּאָליצעס, זענען געשטאַנען ליאַלקעס און חיהלעך מיט רווחים צווישן זיך. אַ ציגײַנערין, אַ יאַפּאַנער, אַ חסידל, אַ נזירה, חתן־כלה, אַ קעמל, אַ שטרויס־פויגל. פון אַ בעליק אויפן סופיט איז אַראָפּגעהאָנגען אַ קראַנץ ציבעלעס אויסגעאַרבעט פון פּלאַסטיק. צווישן די ציבעלעס איז געווען אַרײַנגעשטעקט אַ געקינצלטער מייער, אַ רויטער בוריק.

— ביכער שטיקן זי, — האָט סאָלאָמיר געזאָגט אויפן וועג.

ער איז אַרויסגעפאָרן אויף אַ טאָג זוכן שיינע־רחלהן האָט ער געפונען, ווען ער איז צוריקגעקומען, אַ פרעמדע קיך. סאָלאָמיר האָט עפּעס אַרומגעזוכט אין גרויסן צימער, ווו די בילדער זענען געשטאַנען פאַרבונדן מיט בוידעמשטריק און דער איבעריקער שטח איז געווען פאַרלייגט מיט ביכער אין קאַסטנס, אין זעק, אין קאַרטאָנען און לויזע סטויגן. ער האָט אונטערגעהויבן אַ פאַרבונדן פּעקל ביכער און אַרונטערגערוקט אַ האַנט.

— זי איז אַוועק שפּילן אין קאָרטן, — האָט ער געזאָגט, הערנדיק מײַנע טריט און זיך נישט אומגעקערט. ער האָט נישט תופס געווען אַז אַ מענטש זאָל זײַן אַזוי פאַרקאַכט אין אַזאַרט. ס׳איז געווען בײַ אים רעכט אַז זי טאָר גאָרנישט לעבן אין קיבוץ. אָן די קאָרטן, האָט זי אים געזאָגט, איז דאָס

לעבן אין קיבוץ לאַנגווייליק.ביידע זאַכן האָבן נישט געשטימט אין זיין געדאַנק. אין קיבוץ האָט מען נישט געוווסט אַז זי איז אַלע יאָרן געפּאָרן צוליב דעם אין שטאָט אַריין צוויי מאָל אַ וואָך. טוביה רישין פלעגט זי אָפּוואַרטן אויפן שאָסיי, ווען זי איז אָנגעקומען מיטן לעצטן אויטאָבוס, ווייל זי האָט איין מאָל איינגעדרעמלט, פאַרפאָרן אין אַ דערפל אויף דער גרענעץ און געגעכטיקט ביים שאָפער אין שטוב. רישין פלעגט אָפּשטעלן דעם אויטאָבוס, און אַרויפשפרינגענדיק אויף די עטלעכע טרעפלעך פלעגט ער רופן איר נאָמען. די שאָפערן האָבן אים שוין געקענט. נאָך זיין טויט האָט זי מער נישט איינגעדרעמלט אין אויטאָבוס. דער קורצער וועג פון שאָסיי ביז אין שטוב אַריין אין דער שפּעטער שעה איז געוואָרן אומעטיק.

סאַלאָמיר האָט געזוכט זיינע כתבים וואָס דבורה האָט ערגעץ פאַרלייגט. כל־זמן ער האָט זיי געהאַט צו דער האַנט האָט זיך יעדן טאָג געקענט מאַכן די געלעגנהייט ער זאָל זיך אָנידערזעצן און פאַרענדיקן דעם יוגנט־ראָמאַן. אין יענע יאָרן האָט זיך אים געשריבן פון זיך אַליין. ער זאָל זיך דאַרפן איבער אַ נייס דערמאָנען וואָס ער האָט דאַרטן פאַרשריבן איז זיך גאָרנישט אויסצומאָלן אַזאַ זאַך. דעם הספד האָט ער געדענקט פון אויסנווייניק. דער רעדאַקטאָר האָט אים דעמאָלט זייער געלויבט און אַפילו פאַרויסגעזאָגט אַ קאַריערע אין שרייבן.

סאַלאָמיר האָט אונטערגעהויבן קאַסטנס און זעק. זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און אַרונטערגעקוקט הינטער סטויגן ביכער לעבן די ווענט. ווען ער האָט נישט דבורהן אַזוי ליב וואָלט ער זי אויסגעזידלט.

— זי חלשט נאָך אַן אייגענער ווירטשאַפט.

איבעררוקנדיק אַ קאַסטן האָט ער אומוויליק אומגעוואָרפן מיטן עלנבויגן אַ סטויג ביכער.

— פון דיין לאַנד, אויסטראַליע, — האָט ער געזאָגט אַנווייזנדיק אויפן איבערגערוקטן קאַסטן.

ס'איז געווען דאָרטן אָנגעמאָלט מיט שוואַרצן טינט: „פאָרן מוזיי מיר”. אַזוי האָט זיך סאַלאָמירס מוזיי גערופן און ס'האָט געהאַט צו טאָן מיט זיין נאָמען, ווייל אַ סך דורות האָבן זיינע אבות געלעבט אין דער שטאָט מיר. ס'זענען פאַרבליבן אָפּשריפטן אַז דער פוילישער קעניג קאַזשימיר דער גרויסער, האָט פאַרבעטן סאַלאָמירס אַן עלטער־עלטער־זיידן העלפן אויפ־

בויען פוילן. יענער איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אונטערן נאָמען ר׳ שלמה פון מיר. שפּעטערע דורות זענען געוואָרן וועלטלעך און האָבן פאַרפוילישט דעם נאָמען.

ער האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף די קני אויפזאַמלען די ביכער און איך האָב אים צוגעהאָלפן. ער האָט געעפנט דאָ און דאָרט אַ טאָוול און איבערגעלייענט דעם שער־בלאַט.

— האָסט זיך עפּעס אונטערגעהערט ביַי נאַדלען? וואָס האָבן זיי גערעדט? — האָט ער פּלוצלינג געפרעגט.

ער האָט לאַנג נישט געוואָרט און זיך אַליין געענטפערט:

— נאַדל וועט פון דאַנען נישט אַוועק.

ס׳האָט נישט געקענט געמאָלט זיַין אַז היות זאָלן דריקן אויף פּריַיזן פון דירות. נאַדלען האָבן זיך געחלומט פליי אין דער נאַז און ער האָט אַרויס־געלאָזט פאַלשע קלאַנגען, אַז סילווער וועט אים אַרויסלייגן אויפן טיש אַ פּותיקי. מען האָט נישט געהערט צו אַפּט גבירים זאָלן זיך וואַרפן מיט געלטער. אָבער סילווער האָט אָנגערופן אַ הויכע סומע, גענוג פאַר נאַדלען צו קויפן אַ ניַיע שטוב און לעבן פון גרייטן. נאַדל האָט אויסגערעכנט וויפל די היַיזער וועלן זיך הייבן אין ווערט, נאָך דעם ווי ער וועט אַוועק און ער האָט געמאָנט פּופּציק פּראָצענט.

— ווער עפּעס רעכט וועט אַריַינשטעקן אַהער אַ פוס? — האָט סאַלאָמיר געפרעגט.

— עשירים פון אַמעריקע.

מיט דעם האָט זיך סילווער פאַרנומען אין אויסטראַליע. פאַרוואַנדלט פוסטע גאַסן אין לעבעדיקע צענטערס. ער האָט מיר דערלאַנגט אַן ענגלישע ציַיטונג ביַי נאַדלען, איך זאָל זען וואָס ער האָט לעצטנס אויפגעטאָן. סאַלאָמיר האָט זיך אונטערגעהויבן און זיך אַוועקגעזעצט מיט צעשפּרייטע קני אויף אַ נידעריקן סטויג מיט ביכער. דער געדאַנק אַז ריַיכע וועלן זיך באַזעצן אין אַזאַ אָרעמקייט איז געוווען אַ געלעכטער. אויב עס וועט אים געראָטן איַינהאַלטן דאָ דעם מוזיי וועט זיך אפשר אויסלאָזן אַ ברכה. נאַדל וועט אַוועק, די גבירים וועלן קומען און ס׳וועט ווערן פריילעך. ער האָט אויסגעשטרעקט די פיס, זיך אַראָפּגעבויגן טיפער און געשאַרט צו זיך די ביכער.

— וואָס וועט ווערן פון זיי? — האָט ער געפרעגט.

ער האָט געעפנט אַ ביכל, איבערגעלייענט אַ שער־בלאַט. נאָך דעם האָט ער געעפנט נאָך און געלייענט פּאַמעלעך, האַלב צו זיך אַליין, נעמען און טיטלען: מערי פון שלום אַש. פליגמאַן פון הערש־דוד נאָמבערג. ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר, יהושע פּערלע. לייב נײַדוס, משה קולבאַק, שפּינאָזע, לידער פון מלך ראַוויטש. די לעצטע נעמען האָט ער גערופן מיט אַ געהעכערט קול ווי ער וואָלט זיי פאַרבעטן אויף אַ בינע. ער האָט געהאַט עפּעס צו זאָגן וועגן יעדן איינעם פון זיי. נאָמבערגס געשטאַלטן האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט פלעשלעך סם אויף צו נעמען זיך דאָס לעבן. מערי פון שלום אַש איז געווען דאָס ערשטע מאָדערנע מיידל אין דער ייִדישער ליטעראַטור וואָס איז אַוועק צו די גויים זוכן גליק און צוריקגעקומען אַ טראַגעדיקע צום ייִדישן פאָלק. מלך ראַוויטש האָט אַרײַנגעפּירט שפּינאָזען אין די אָרעמע שטיבער פון פאַרוואָרפענע שטעטלעך אין פוילן.

— ס'איז נישט קיין באָוול. מען טאָר נישט בראַקירן. אמתע ביכער, — אָט ער געזאָגט טוישנדיק זײַן קול. ער האָט זיך אויפגערעגט און אַ דינער געשריי האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין זײַנע ווײַטערדיקע רייד. ער האָט געוואָלט וויסן ווי לאַנג די אַלע ביכער וועלן זיך אַזוי וואַלגערן פאַרלאָזן און פאַריתומט.

— צי איז שוין טאָקע אַלץ הפקר?

— ווער איז רודאָלף ראָקער? — האָב איך געפרעגט און איבערגעלייענט דעם טיטל פון בוך וואָס איך האָב געעפנט: רעוואָלוציע און רעגרעסיע.

אויך וועגן אים האָט סאַלאָמיר געהאַט עפּעס וואָס צו זאָגן. אַ דײַטש וואָס האָט זיך אַרײַנגענומען אין קאָפּ אַרײַן צו ווערן אַ ייִדישער אַנאַרכיסט. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ ייִדיש מיידל און אַגיטירט אַנאַרכיזם אויף ייִדיש.

— מען קען עס באַרגן צום לייענען?

כ'האָב געדענקט אַז פּרינץ קראָפּאָטקין, דער באַגרינדער פון אַנאַרכיזם, איז געווען מײַן טאַטנס העלד. אין שטוב האָט מען גערעדט וועגן עקספּראָפּריאַציע.

— נישט דאָס. ס'איז אַן איינציקער עקזעמפּלאַר, — האָט סאַלאָמיר געענטפערט. ער האָט אַרויסגענומען דאָס בוך פון מײַן האַנט און עס אַוועק־געלייגט ווײַט הינטער זײַן רוקן. ער האָט אויך נישט געוואָלט לײַען די אַנדערע ביכער. נישט שלום אַש, נישט משה קולבאַק, נישט מלך ראַוויטש.

ער האָט געהאַט אַ באַזונדערן תּירוץ פאַר יעדן בוך פאַר וואָס ער קען עס נישט אַרויסלאָזן פון די הענט. די עטיק פון ברוך שפּינאָזע איז געווען ביי אים גאָר טייער. ס׳איז געווען דאָס ערשטע בוך אין זיין לעבן, וואָס ער האָט געמעגט אָנרופן זיין אייגנס. ווען ער איז אַלט געווען צוועלף אָדער דרייצן יאָר האָט זיך אים פאַרוואַלט האָבן אַן אייגענע ביבליאָטעק. שוין דעמאָלט האָט זיך אויפגעוואַכט אין אים די ליבע צו ביכער. געלט אויף צו קויפן האָט ער נישט געהאַט. אַ חבר האָט אַרויסגעגנבעט פאַר אים פון זיין טאַטנס אייַנבינדעריי אַ צעשאָטן בוך — די עטיק פון שפּינאָזע. סאַלאָמיר האָט עס דעמאָלט איבערגעלייענט פון אָנהויב ביזן סוף, נישט פאַרשטאַנען קיין איין געדאַנק און הנאה געהאַט פון יעדן וואָרט. זיין ליבע צו ביכער איז קיין מאָל נישט שוואַכער געוואָרן.

זיי זענען אים געקומען צו חלום. איין מאָל איז די גאַס שוואַרץ געווען מיט מענטשן. ס׳האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע דעמאָנסטראַציע, מען האָט געטראָגן שוואַרצע קלאַווירן. וואָס דאַרף איך קלאַווירן ? — האָט ער געפרעגט. האָט מען געענפערט עטלעכע פליגל ער זאָל זען אַז מען האָט אַרויסגענומען פון אינעווייניק די דראָטן, ביינדעלעך, שטעקעלעך און מען האָט זיי אָנגעפילט מיט ביכער. אַלע קלאַווירן וואָס ער האָט געזען ווי ווייט נאָר זיין אויג האָט דערגרייכט אין דער געדיכטער מאַסע פון מענטשן, זענען געווען פול מיט ביכער. ער האָט זיך זייער איבערגענומען וואָס מען ברענגט אים אַזעלכע טייערע מתּנות און ער האָט געהאַלטן פאַר די פאַרזאַמלטע אַ רעדע. אַ מאָסן־רעדנער איז ער שטענדיק געווען, האָט ער זיי אַזוי געזאָגט : פרויען און מענער, יונג און אַלט, טוט עפּעס. טוט עפּעס דערצו. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט אים באַגלייט אַ געפיל אַז עס איז נישט געווען אַ דעמאָנ־סטראַציע נאָר אַ לוויה.

סאַלאָמיר האָט זיך אויפגעשטעלט, אַרויסגענומען פון מיין האַנט שפּינאָזעס עטיק און געזאָגט אַז ער האָט צו שטעלן נאָך שאלות ווי למשל, פאַר וואָס זאָל אַ פאָלק פאַרלייקענען אַן אייגן לשון און וואָס וועלן מיר ענטפערן אויב מען וועט אונדז פרעגן, און ס׳וועט דאָך ווער אַ מאָל אַ פרעג טאָן, איר זענט צוריקגעקומען פון גלות, וואָס האָט איר פון דאָרט מיטגעבראַכט ?

ס׳איז געוואָרן שפּעט. מ׳האָט נאָך באַדאַרפט גיין צו רימערן. סאַלאָמיר האָט אַליין אייַנגעלייגט די איבעריקע ביכער און נאָך דעם איז ער אַרומגע־

גאַנגען, באַטאַפּט פּעק, אונטערגעהויבן קעסטלעך. ער האָט נאָך אַלץ געזוכט דעם פֿאַרלוירענעם הספּד און דעם אָנהייב פֿון זײַן יוגנט־ראָמאַן. איך האָב אַרויסגענומען פֿון מײַן טעקע די ענגלישע צײַטונג פֿון מעלבורן ער זאָל זען ווי סילבער איז געשטאַנען פֿאָטאָגראַפֿירט צווישן צוויי בילדער — אויף לינקס אַ פּוסטע גאַס מיט פֿאַרלאָזענע בנינים און אַ נפֿש־חיה פֿאַרן אויג, און אויף רעכטס — אַ צענטער וואָס שפּרודלט מיט לעבן. ס'קעפּל פֿון מאמר האָט זיך געלייענט: „פֿריער און שפּעטער". אויך די אָרעמע געגנט אין אונדזער שטאָט, מיטן באַרג פֿון הינטן און דעם ים פֿון פֿאָרנט האָט אין סילווערס אויגן געהאַט א צוקונפֿט.

סאָלאָמיר האָט זיך פֿאַרקוקט אויף די פֿאָטאָגראַפֿיעס. אין דרויסן, נאָכן פֿאַרשליסן די טיר, האָט ער געצויגן דעם שלאָס צו פֿאַרזיכערן אַז ער וועט זיך נישט עפֿענען.

— דער סוף וועט זײַן אַז איך וועל זיך אַ מאָל שטאַרק צעוויינען, — האָט ער געזאָגט.

אויפֿן וועג צו רימערן האָט ער אַרויסגעצויגן פֿון אונטער אַ שעניק מיט לעכער אַן אויסגעקרימטע רעם, באַטראַכט דאָס האָלץ, געדרייט, געצויגן, געמאָסטן אויף זיך און אָנגעהויבן אויסגלײַכן אַ געבויגענעם טשוואָק. ביז רימערס שטוב האָט ער געדרייט און געצויגן דעם פֿאַרזשאַווערטן טשוואָק און דערציילט די מעשׂה וועגן זקן אין די נײַע שיך אויפֿן הויכן שטיין.

יענער האָט זיך גערופֿן אַלפֿאָנסאָ דע־גרינבערג. געבוירן אין ליטע און געלעבט אין אַנגאָלאַ. זײַן געלט האָט ער אינוועסטירט אין כינעזישע ווערט־צעטלען פֿון אַ פֿריִערדיקער דינאַסטיע. דאָ אין ישׂראל האָט ער קאָרעספּאָנ־דירט מיט די נײַע מושלים אין כינע און פֿאַרלאַנגט פֿון זיי דעם אַלטן חוב. ער האָט קיינעם נישט געגלייבט, חושד געווען אַלעמען און נישט אַרײַנגעלאָזט צו זיך אין שטוב. סאָלאָמיר האָט אים איין מאָל געבראַכט צו אונדז אין באַנק. יענער האָט געקײַט קײַלעכלעך מאַסטיק און זיך געשוווירן פֿאַר הלוין אַז כל־זמן ער וועט לעבן וועט ער זיי נישט לאָזן צו רו, די נײַע כינעזישע מושלים.

ס'איז נאָך נישט געווען פֿינצטער ווען מיר זענען צוגעקומען צו רימערס שטוב. סאָלאָמיר האָט אָנגעלענט די רעם מיטן טשוואָק אין דער וואַנט און

אַרײַנגעקוקט דורך אַ שפּאַרונע פון פאַרמאַכטן לאָדן. ער האָט גערופן מיט דער האַנט איך זאָל אויך אַרײַנקוקן. רימער איז געשטאַנען מיטן פּנים צום פענצטער און גדעאַוונט פון אויסנווייניק. דאָס סידורל האָט ער געהאַלטן פאַרנט אין די אַראָפּגעלאָזטע הענט מיט אַ פינגער פאַרשטעקט אויף אַ סימן צווישן די בלעטער. זײַנע אויגן האָבן זיך געעפנט און פאַרמאַכט. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן, טונקעלן מאַנטל. דער ראַנד פון זײַן שוואַרצן קאַפּעליוש איז געווען שטײַף און ברייט. ס'איז אים אָנגעוואַקסן אַ באָרד.

— ער האָט פאַרפירט אַ ליבע, האָט ער זיך באַנײַט — האָט סאַלאָמיר געזאָגט שושקענדיק. ער האָט אים שוין פון לאַנג געעצהט איבערלאָזן דאָס געשטאַנק פון די פּגרים, די שכנים פון דער אונטערוועלט און פאַרן געלט וואָס ער האָט אָפּגענומען בײַ די דײַטשן זיך אײַנשאַפן אַן אמתע דירה, אין אַ שיינער סביבה און וווינען מיט לײַטן גלײַך.

— אפשר האָט ער בײַ זיך דאָס ווײַבל, — האָט סאַלאָמיר זיך אָנגערופן און אָנגעשטעלט אויך אַן אויער.

רימער האָט זיך געטראָפן מיט איר אין אויטאָבוס אויף דער רײַזע קיין תּל־אָביב. די בעטלערין האָט אײַנגעדרעמלט, איר גוף האָט זיך אויסגעקרימט און מטבעות האָבן זיך אַרויסגעשאָטן פון אירס אַ קעשענע. מען האָט געהאָלפן צונויפקלײַבן און דערלאַנגט רימערן דאָס געלט, ווײַל ער איז געזעסן דערנעבן און מען האָט געמיינט ס'איז זײַנס. דער דורכגאַנג צווישן די בענקלעך האָט זיי אָפּגעטיילט. ווען די בעטלערין האָט נאָך אַ מאָל אײַנגעדרעמלט און איר קאָפּ האָט געזונקען ביז ער איז געבליבן זײַטיק ליגן אויפן עק פון רימערס אַקסל האָבן זיך ווידער געשאָטן מטבעות. דאָס מאָל האָבן די בײַזיצערס שוין געזען פון וועלכער קעשענע, אָבער נישט די בעטלערין, זי האָט זיך איבער־געוועקט, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַלע פיר און אויסגעשטרעקט צו רימערן אַ האַנט מיט פאַרקאַלערטע מטבעות.

— אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן, — האָט סאַלאָמיר געזאָגט.

ער האָט מיך אָפּגעהאַלטן פון רעדן אַ וואָרט און זיך אײַנגעהערט. פון אינעווייניק האָט זיך נישט געהערט קיין קלאַנג. אויף דער וואַנט איבער רימערס בעטל איז געהאַנגען אַ גרויס בילד. כ'האָב געמאַכט מיט די הענט ווענטלעך לעבן די אויגן בעססער צו זען, אָבער ס'איז נישט געווען קלאָר צוליב דער שײַן פון לעמפּל וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין גלאָז.

מה טובו אוהליך יעקב, משכנותיך ישראל — —

האָט רימער פּלוצלינג אויפגעזוונגען. זײַנע קליידער האָבן אויסגעזען זייער נײַ. די באָרד האָט פאַראיידלט זײַן פּנים. זײַן פּלאַטשיקע נאָז האָט באַקומען יִחוּס. איצט האָב איך שוין דערקענט שלום־עליכמען אויפן בילד. סאָלאָמיר האָט אים געשענקט דעם פּאָרטרעט. רימער האָט איבערגעריסן דאָס זינגען און אָנגעהויבן פון דאָס נײַ. ער האָט איבערגעחזרט דעם פּסוק אַ סך מאָל. מיר זענען געשטאַנען אין דרויסן אפשר פינף מינוט, ביז ער האָט אויפגעהערט זינגען. מיר האָבן אָנגעקלאַפּט עטלעכע מאָל און ער האָט נישט געענטפערט. סאָלאָמיר האָט פּאַמעלעך אַראָפּגעדריקט די קליאַמקע, אָפּגעשפּאַרט די טיר און מיר זענען אַרײַן אינעווייניק. רימער האָט געקוקט אויף אונדז מיט אַ ווײַטן בליק ווי ער וואָלט נישט געוווסט ווער מיר זענען. אין די נײַע קליידער האָט ער אויסגעזען ווי אַ פרעמדער אין זײַן אייגן צימער. דאָס צעעפנטע תּהילימל איז געלעגן אויפן טיש מיטן פּנים אַראָפּ און דאָס סימן־בענדל איז אַראָפּגעהאַנגען פון איבערן קאַנט. אויך דאָס תּהילימל, אויך רימערס שיך זענען געווען נײַ.

וועקער קלאַפּט דאָס אַזוי־שפּעט בײַ נאַכט,
שמילקעלע וויליאַנטשיק ?

האָט ער געפרעגט מיטן ניגון פון אַן אַלט פאָלקסליד. סאָלאָמיר איז אַרײַן טיפער אין צימער און געמאַכט עטלעכע הקפות אַרום רימערן, באַטראַכטנדיק זײַן אָנטועכץ מיט שאלות וועגן פּרײַזן און קוואַליטעט. ווײַל ער האָט געוווּסט פון אַ פּלאַץ וווּ מען האָט פּאַר אַ האַלבן פּרײַז און אַפילו פאַר נאָך ביליקער געקענט באַקומען גאַנצע גאַרדעראָבעס ממש נײַ, אָדער אַזעלכע וואָס האָבן אויסגעזען ווי נײַ. גייענדיק איבער די הײַזער זוכן יידישע ביכער האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף אַ ייִד וואָס האָט אָפּגעקויפט בגדים פון פאַרשטאָרבענע מענטשן. זיי האָבן אָפּגערעדט צווישן זיך איינער זאָל דעם אַנדערן צושטעלן אַדרעסן. יענער וועט קומען נאָך אַ מלבוש און באַמערקן אין אַ ספרים־שענקל אַ יידיש בוך, זאָל ער אים לאָזן צו וויסן. סאָלאָמיר האָט געקויפט בײַ אים דעם לעדערנעם מאַנטל וואָס ער האָט איצט געטראָגן. ס׳איז געווען אַ מאָל אַ דאַמסקער מאַנטל און מען האָט בלויז באַדאַרפט איבער־שטעלן די קנעפּ. ער האָט אויך געקויפט בײַ יענעם אַ פּאָר ברילן, אַ וואָלענעם

סוועטער מיט עלעגאַנטע הויזן,ביידע העל־געל, און אויך אַ פּאָר רויטע וואַרעמע זאָקן. ער וואָלט רימערן אָוועקגעפירט צו יענעם סוחר און פּאָר אַ שיבוש אים אויסגעשטאָט ניי פון קאָפּ ביז די פיס.

רימער האָט מיט דער האַנט אַ שנייד געטאָן די לופט און איבערגעשניטן סאַלאַמירס רייד. אַזוי האָט ער געלעבט אויסגערעכנט, זאָכלעך. נאָר טאָמער איז עס געקומען צו אַ מלבוש האָט ער געקויפט ניי, ס'זאָל זיין שטאַרק און זיך האַלטן. ער האָט אויפגעקנעפּלט דעם מאַנטל מיטן רעקל און אונטער־געהויבן די מאַנקעטן פון די הויזן מען זאָל זען אַז ער זאָגט נישט קיין ליגן, אויך דאָס העמד און די זאָקן זענען געווען ניי. ער האָט אַרויסגעצויגן פון די הויזן אַ ברעג העמד און געצווונגען סאַלאַמירן אָנטאַפּן און פילן ווי ווייך און גלאַטיק די סחורה האָט זיך געשפּירט צווישן די פינגער. אויף מלבושים האָט רימער נישט געזשאַלעוועט. אַ מלבוש האָט באַדאַרפט אַרויסרופן דרך־ארץ. אין אַ ווינטערדיקן טאָג האָט ער זיך אָנגעטאָן ס'זאָל אים זיין וואַרעם און ער האָט אויסגערעכנט וויפל גאָטקעס, לייבלעך און זאָקן ער טוט אָן אין אַ פּראַסטיקן טאָג. אויך איצט, דעם אָוונט, האָט ער זיך וואַרעם אָנגעטאָן, ווייל כאָטש ס'האָט שוין געמעגט זיין זומער אין דרויסן האָט זיך אָנגעיאָגט אַ ביטערער ווינט און ס'איז געוואָרן אַ מיאוסע קעלט. ער האָט אויפגעקנעפּלט דאָס העמד אַ ביסל טיפער און מיך צוגערופן איך זאָל אויך אַ קוק טאָן וואָס ער האָט אַלץ אויף זיך געטראָגן.

בערשטלעך האָר, פּונקט ווי פון זיינע אויערן, זענען געוואַקסן אויף די פינגער. אויך זיין באָרד איז פאַרקראָכן מיט שיטערע האָר ביז אונטער די אויגן. צוליב די בגדים האָט רימער נישט געליטן דעם דאָרן פאָטאָגראַפיסט אויף די טרעפּ פון קינאָ. יענער האָט אַלע יאָרן, אויך אין די פרעסט, געטראָגן אַ דין העמדל מיט אַ שניפּס אויף צו ווערן געפרוירן. ער האָט פיינט געהאַט אַ קמצן אויף קליידער. ער וואָלט עס אים געזאָגט, דעם בולגאַר, נאָר ער האָט נישט געוווסט ווי אַזוי צו פאַרטייטשן דאָס יידישע ווערטל. אויך אויף יידיש איז אים דאָס ווערטל אַרויס פון זינען.

— קליידער מאַכן דעם מענטש, — האָט סאַלאַמיר זיך אָנגערופן, נאָר רימער האָט נישט געהערט. ער איז געווען צו פאַרנומען מיט זיך. ער האָט זיך געכעסנט און געברוגזט און דערציילט ווי אַזוי די אַנדערע בעטלערס האָבן אויף אים געקוקט ווען ער האָט זיך באַוויזן אויפן בית־עולם אין די

נײַע קלײדער. מען האָט זיך אָפּגערוקט מיט דרך־ארץ און געמאַכט פּאַר אים אַ פּלאַץ. אַניט וואָלטן זײ אים צוגעלאָזט צום עסק ?

— זעסט אויס ווי אַ משולח פון ווײַטע קאַנטן, — האָט סאָלאָמיר געזאָגט. ער האָט אים געבראַכט אַ פּערזענלעכן גרוס. די גאַס האָט זיך געפרעגט אויף אים. זײַן פּלאַץ אויף די טרעפּ פון קינאָ איז געבליבן לײדיק. קײנער איז נישט געווען להוט אויפן מיסחר מיט בײגל. מיט דעם איז רימער מסכים געווען. דער יונגער דור האָט זיך געזוכט לײַכטערע פּרנסות. זיך געסטרויעט אינטעליגענטיש, שיך מיט שפּיצן, פּויערשע טיכלעך. אין דער אמתן האָט ער באַדאַרפט האָבן אַ טוץ אויגן צו פּאַרטרײַבן די בחורים און די מײדן אויף די טרעפּ פון קינאָ, זײ זאָלן נישט גנבהנען בײגל און געלט. נאָך אין לאָדזש, האָט ער געדענקט, האָט מען שוין גערעדט אַז דער יונגער דור איז געוואָרן הפקר.

כ׳האָב אַרויסגענומען דעם בויגן פּאַפּיר פון מײַן טעקע, רימער זאָל תּתמענען. זײ האָבן נאָך בײדע געמאָסטן קלײדער. סאָלאָמיר האָט אָנגעטאָן רימערס טונקעלן מאַנטל און רימער האָט זיך געפּאַרעט לעבן אַ נידעריקן קופערט מיט אַ געוועלבטן דעק, וואָס איז פריִער געווען פּאַרדעקט מיט קאָלדרעס. ער האָט אַרויסגעצויגן פּאַרשײדענע אונטערקלײדער, געוואָרפן איבער די הענט, צעשפּרײט די אַרבל סאָלאָמיר זאָל שאַצן דעם ווערט און טרעפן דעם פּרײַז. איצט פון דער נאָענט איז שוין דאָס בילד אויף דער וואַנט געווען קלאָר. שלום־עליכם איז געזעסן לעבן אַ לײַכט, שטרויען טישל, אַ פּוס פּאַרלײגט אויף אַ פּוס און דער שטעקן מיטן געבויגענעם הענטל — אין דער ברײט אויף זײַן שויס. דעם העלן, זומערדיקן קאַפּעליוש מיט אַ פּאַלד און אַ קנײטש האָט שלום־עליכם אָפּגעלײגט אויפן ברעג פון טיש. אַ טעפּל אויף צו טרינקען קוואַלוואַסער איז אַראָפּגעהאָנגען פון אַ קײט אויף זײַן האַלדז. „שלום־עליכם אין קאַרלסבאַד” איז געווען אונטן צוגעשריבן.

סאָלאָמיר האָט אויסגעטאָן רימערס מאַנטל און רימער האָט צוריק אַרײַנגעלײגט דאָס וועש אין קופערט. די שטוב האָט פּאַרשמעקט מיט נאַפטאַלין. פון צווישן די קאָלדרעס האָט זיך אַראָפּגעגליטשט מיט אַ קלאַנג אויפן דיל אַ פּושקע מיט מטבעות. סאָלאָמיר האָט אויפגעהויבן די רונדיקע פּושקע און איבערגעלײענט דאָס געשריפטס : צדקה תציל ממות.

— אויך נײַ ? — האָט ער געפרעגט, אונטערשאָקלענדיק די פּושקע.

— נו טרעף וויפל ס'איז דאָרטן דאָ ? — האָט רימער געפרעגט.

סאָלאָמיר האָט געשאָקלט שטאַרקער, געשאָצט לויט דער וואָג, אויפגעהויבן די פושקע העכער צום אויער און ווידער געשאָקלט.

— גיב אים, — האָט רימער אָנגעוויזן אויף מיר.

איך האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט און אויסגעשטרעקט רימערן דעם בויגן פּאַפּיר ער זאָל זיך אונטערשרײַבן. הלוי האָט זיך געבייזערט וואָס איך האָב פאַרזאַמט די חתימה. רימערס נאָמען האָט אים געפעלט אויף דער רשימה פון קב"א־אייגנטימער. ער האָט מיר אָנגעזאָגט אַז אויב רימער וועט זיך קווענקלען, שטעלן אומזיסטע שאלות, אָדער אָנווײַזן אַנדערע סימנים פון חרטה זאָל איך האַלטן אין איין איבערחזרן אַז די אַקציעס טראָגן נישט קיין פּראָצענט, נאָר זיי וואַקסן אין ווערט. כ'האָב געהאַט מיט זיך קאַרטלעך מיט פאַרשיידענע דיאַגראַמען און ציפערן אויף מוכיח זײַן רימערן מיט וויפל ער וואָלט שוין רײַכער געווען ווען ער וואָלט זיך אונטערגעשריבן אַ סך פריִער. אָבער רימער האָט קיין שאלות נישט געשטעלט און סאָלאָמירס הילף איז געווען איבעריק. אומגעפרעגט, מיט דער צדקה־פּושקע אין דער האַנט, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט דערקלערן רימערן ווי אַזוי עס וואַקסט אַ קרן. וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פון הלוין און פון אַנאַרכינען האָט ער דאָ איבער־געחזרט. דערקלערט דעם אונטערשייד פון איין קרן און אַ צווייטן און דערציילט אַז זײַן אייגענער קרן אין באַנק איז שוין ווערט געווען דרײַ מאָל די אָריגינעלע סומע. ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ קליינער הלוואה, גאָר נישט זײַן אייגן געלט, די באַנק האָט געבאָרגט. הלוי האָט פאַרויסגעזען פינף יאָר ביז מען וועט זען אַ תכלית. דערווײַל איז עס צוגעגאַנגען אַ סך שנעלער. ווען ער וואָלט אָנגעהויבן מיט אַ גרעסערער הלוואה און אַ ביסל פריִער — וואָלט ער שוין איצט אַנדערש גערעדט.

רימער האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן טיש אונטערשרײַבן און איך האָב גענומען בײַ סאָלאָמירן די פושקע און געשאָקלט. איך האָב געשאָקלט די גאַנצע צײַט וואָס רימער האָט געחתמעט. ווען רימער האָט מיר געגעבן דעם בויגן האָב איך אים צוריקגעגעבן די פושקע.

— וויפל ? האָט ער געפרעגט און אונטערגעוואַרט.

כ'האָב געהויבן מיט די אַקסלען.

— דרײַ לוויות. — האָט ער געזאָגט.

איצט איז שוין געווען צײַט צו גיין אַהיים. אויך סאָלאָמיר האָט זיך געאײַלט. מען האָט געוואַרט אויף אים איז שטוב.

— אַן אישה ? — האָט רימער געפרעגט.

ער האָט באַהאַלטן די פּושקע מיט מטבעות אויפן פריִערדיקן פּלאַץ צווישן די קאַלדרעס אויפן קופערט און נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער אויפגע־זונגען מיט פּנים צו אונדז אַ ליד וועגן אַ ייִדעלע וואָס האָט געהאַט אַ ווײַבעלע. ער האָט זיך גאָר געביטן זינט ער איז געוואָרן אַ חזן אויפן בית־עולם. אפילו די אַלמנה פון קיאָסק האָט דאָס זעלבע געטראַכט. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, הלוי און איך, אין אַ מיטאָג־שעה טרינקען מייערן־זאַפט, האָט זי אָנגעוויזן אויף די טרעפּ פון קינאָ קעגן איבער דעם קיאָסק, אָפּגעווישט מיט צוויי פינגער אירע ליפּן אויף צו שווײַגן און געזאָגט :

— דאָ האָט ער געדרעמלט, דאָרטן זינגט ער.

סאָלאָמיר האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף רימערס אַקסל. מיטברומענדיק דאָס פּאַרצײַטישע ליד וועגן אַ ייִדעלע און טײַטלנדיק מיט דער צווייטער האַנט אויף דער וואַנט, האָט ער געזאָגט אַז דאָס האָט שלום־עליכם פריילעך געמאַכט רימערס האַרץ. ער וועט ברענגען אַהער אינעם אײַנזאַמען שטיבל אַרײַן נאָך אַ שלום־עליכם, ס׳זאָל ווערן נאָך פריילעכער. אַ רעם פאַרן צווייטן בילד האָט ער געפונען אויפן וועג, קומענדיק אַהער. ער וועט אָפּפּאַרבן דאָס האָלץ, שטאַרקן די ווינקלען און ס׳וועט זײַן אַ פּערפעקטע רעם פאַר נאָך אַ פּאָרטרעט. געלט וועט ער נישט נעמען, זאָל רימער וויסן אַז ער פאַרמאָגט אַן אמתן, ערלעכן פרײַנד.

רימער האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויפן בעט, אַראָפּגענומען דאָס בילד און צוריקגעגעבן סאָלאָמירן ער זאָל עס אַהיימנעמען. ער האָט נישט געוואָלט קיין לצים אין שטוב. ווו נאָר ער האָט זיך געדרייט האָט יענער אים נאָכגעקוקט און אָפּגעלאַכט מיטן קמץ־בערדל. אַ מענטש זאָל זיך אָנהענגען אַ טעפּל אויף דער וועסט. אַ גאַנצע נאַכט איז רימער צוליב אים נישט געשלאָפן. ער האָט זיך איבערגעוועקט אין דער פינצטער און געזען אַז עפּעס האָט זיך געמיניעט אויף דער וואַנט. צו ערשט האָט ער זיך נישט אָריענטירט ווו איז דאָס פענצטער און ווו דער פּאָרטרעט. דאָס טעפּל האָט געציטערט ווי אויף אַ לעבעדיקן מענטש. פון צומאַכן יענע נאַכט אַן אויג איז שוין געווען

אַפּגערעדט. ער האָט זיך געדרייט אויף אַלע זײַטן און געטראַכט וועגן לאַדזש.

סאַלאָמיר האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויפן בעט און צוריק אויפגעהאָנגען דאָס בילד.

— שלום־עליכמען וואַרפט מען נישט פון שטיבער, — האָט ער געוואָרנט.

ער האָט אַלע יאָרן געזאַמלט שלום־עליכם־פּאָרטרעטן, בילדער, צייכע־נונגען, פאָטאָגראַפיעס. ער האָט באַצאָלט אַ לעצטע פּרוטה פאַר פאַרגרעסערן אַ בילד. געהונגערט און געלאָזט קאָפּירן אַ פּאָרטרעט. ער האָט אויסגערעכנט שלום־עליכמס מעלות. זײַן רויטלעך פּנים האָט זיך אָנגענומען מיט כעס. זײַנע ליפּן זענען געוואָרן נאָך דינער. אין די אויגן האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אַ טרויריקער שניט. וועגן שלום־עליכמען האָט ער געזאָגט אַז ער איז געווען אַ גרויסער הומאָריסט. דאָס ייִדישע פאָלק האָט געלאַכט מיט אים דרײַ דורות. ער איז אַראָפּ פון בעט און פון גאַר נאָענט געפּרעגט רימערן:

— וואָס איז דאָס אַזאַ זינד צו ליגן אין בעט און טראַכטן וועגן לאָדזש?

רימער האָט נישט געענטפערט. ער האָט נאָך אַ מאָל אַראָפּגענומען דאָס בילד פון דער וואַנט און ווען סאַלאָמיר וואָלט נישט אויפגעהויבן די הענט און אָנגעכאַפּט די רעם וואָלט דאָס גלאָז זיך צעשפּאָלטן אויף זײַן קאָפּ.

ס׳איז שוין געווען פינצטער ווען מיר זענען אַרויס פון רימערס שטוב. מיר האָבן זיך געהאַלטן בײַ די הענט נישט אומצופאַלן איבער אַ שטיין אָדער אַ קלאָץ אויפן וועג. דער קאַלטער ווינט איז געווען פײַכט מיט ים. דער ריח פון אַ פּגר האָט זיך אָנגעיאָגט. מיר זענען שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג האָט סאַלאָמיר זיך דערמאָנט אין דער רעם וואָס ער האָט אָנגעלענט אָן דער וואַנט לעבן רימערס טיר. ער האָט אויך פאַרגעסן אַ שמועס טאָן וועגן ווײַבל און וועגן רימערס געלט. מיר זענען צוריקגעגאַנגען. פון רימערס שטוב האָט זיך נישט געהערט קיין שאָרך. מיר האָבן אַרײַנגעקוקט אינעווייניק. איך האָב געטראָגן דאָס שלום־עליכם־בילד און סאַלאָמיר די אויסגעקרימטע רעם. ער האָט געשוויגן אַ לענגערע ווײַלע און נאָך דעם האָט ער זיך אונטערגעברומט דעם ניגון פון מה טובו וועגן יעקבס געצעלטן. איך האָב נאָכגעברומט דעם ניגון אין קאָפּ, ביז איך בין אַרויף אויפן ליד

וואָס רימער האָט אויפגעזונגען סאַלאָמירן, ווען ער האָט געהערט אַז עס וואַרט אויף אים אין שטוב אַן אישה.

האָבן זיי געהאַט, אַ קדישל,
אַ קדישל,
אַ קדישל,
איז דאָס קדישל געשטאָרבן,
געשטאָרבן,
געשטאָרבן.

— אַן עם־הארץ און וואָרפט זיך מיט שלום־עליכמען, — האָט סאַלאָמיר זיך אָנגערופן. ער האָט זיך פאַרהאַלטן אויפצושטעלן דעם קאַלנער און גענומען די רעם אונטערן צווייטן אָרעם.

— אַ פריץ. ווען ער האָט נישט קיין געלט וואָלט איך גערעדט מיט אים אַ וואָרט ?

מיר זענען אַרויס פון די הייף און אַריַין אין אַ שמאָל געסל וואָס האָט געפירט צו סאַלאָמירס שטוב. אין דער פאַרקערטער ריכטונג האָב איך געהאַט אַן אויטאָבוס אַהיימצופאָרן. איך האָב אים געגעבן דאָס בילד און מיר האָבן זיך געזאָגט אַ גוטע נאַכט. ער איז געגאַנגען שטיַיפלעך און דער ווינט האָט זיך געשפּילט מיט די פּאָלעס פון זיַין מאַנטל. אַזוי פלעגט ער אַ מאָל אין צפת זיך אַרויסלאָזן אין אַ קאַלטער נאַכט זוכן אַ מענטש אויף צו רעדן אַ וואָרט. געוועזן דאָרטן טעג ווען אין דרויסן האָט נישט אויפגעהערט רעגענען, שיינע־רחל האָט געשוויגן אין אַ פאַרשלאָסענעם צימער און אין שטוב האָט קיין נפש זיך נישט באַוויזן. אויך ביַי אונדז אין שטאָט פלעגט עס אים אַרויסיאָגן פון שטוב זוכן אַ מענטש אויף דער גאַס. איצט האָט זיך עס געביטן צום בעסערן. די אַקציעס אין באַנק און דבורה מישורי אין דער היים האָבן געלינדערט דעם עלנט. ער האָט מער נישט באַדאַרפט זוכן וואַרעמקייט אינעם שטיינערנעם געלעגער אויפן הויף. דבורה האָט אים אויסגעוואַרעמט דאָס בעט. אין בעט איז זי גאָר געווען אַזוינס און אַזעלכעס. אירע איַינפאַלן האָבן אים וויַיט פאַרטראָגן. ער האָט שוין געפירט אַ מאָל ליבעס. אַ ליבע אין בערלין אין זיַינע סטודענטישע יאָרן. אַ ליבע אין קראָקע לעבן וואַוועל, ווו עס ליגן באַגראָבן פּוילישע מלכים. ער האָט זיך נישט

געקענט דערמאָנען עפּעס בעסערס ווי דבורה. פריִער אויפן וועג צו רימערן האָט ער געזאָגט וועגן איר:

— דאַכט זיך זי איז געווען אַ מאָל אַ זונה.

סאָלאָמיר האָט זיך פֿאַרהאַלטן אינעם ליכט פֿון אַ גאַסנלאָמפּ. ער האָט אַרײַנגעשטעלט דעם פּאָרטרעט צווישן די פֿיס און אויפגעהויבן אין דער הייך צו באַטראַכטן די אויסגעקרימטע רעם. ער האָט געדרייט, געצויגן, ביז אַ ווינקל האָט זיך געעפֿנט און איין לײַסט איז אַראָפּגעהאָנגען. ער האָט אַרויסגעצויגן די לײַסט, צענומען די גאַנצע רעם, באַקוקט איטלעכס העלצל באַזונדער און נאָך דעם אַריבערגעוואָרפֿן איינע נאָך דער אַנדערער איבערן בידעריקן פּאַרקן וואָס האָט זיך געצויגן לענג־אויס דעם געסל. ער האָט גענומען שלום־עליכמען אונטערן אָרעם און זיך געלאָזן גיין אַהיים.

איך האָב אַרײַנגעשטעקט אַ האַנט אין מאַנטל־קעשענע, געפֿונען דאָרט דעם מייער וואָס נאָדל האָט מיר געגעבן און איך האָב אים אויפגעגעסן אויפן וועג.

פרק ד

זומער

סוף זומער, אין אַ הייסן שבת, אַ חודש מיט חמסינען, האָט סאָלאָמיר געעפּנט זײַן מוזיי. ווען איך בין אָנגעקומען אין דער פּאַרנאַכטיקער היץ איז ער געזעסן פּאַרנט אויף דער וועראַנדע אין אַ פּאָר געלע הויזן, אַ ווײַס העמד, די לאַנגע אַרבל פֿאַרשאַרצט ביז אונטער די עלנבויגנס מיט אַ שפּיץ פֿון אַ מאַנקעט אין דרויסן, און ער האָט זיך אײַנגעהערט צו זײַנע אייגענע רייד אינעם אָנגעשטעלטן רעקאָרדער אויפֿן טישל. אויפֿן זעלבן טישל מיט די קרומע געטאָקטע פֿיס איז געשטאַנען אַ פֿלאַש מיט אַ גלאָז, ביידע ליידיק.

— עפּעס נײַס מיט די קב״א־אַקציעס ? — האָט ער געפֿרעגט און זײַן קאָפּ איז געבליבן אַראָפּגעבויגן צום רעקאָרדער. איצט האָט זיך געהערט דאָרטן אַ געוויין און אויך אַנדערע קולות האָבן זיך אַרײַנגעמישט. וועגן די קב״א־פּאַפּירן איז דערווײַלע קיין באַזונדערע נײַס נישט געווען. זיי זענען געפֿאַלן מיט אַ קורצער צײַט צוריק. צו ערשט ווייניק נאָך דעם אַ סך. ס׳האָט אויפֿגעוועקט אַ טומל און מען איז געוואָרן פֿאַרדאגהט. נאָר איידער די בהלה האָט זיך פֿאַרשפּרייט האָבן די אַקציעס זיך צוריק געהויבן נאָך העכער ווי זיי זענען פֿריִער געשטאַנען און די בהלה האָט זיך אויסגעלאָזט אין שפּאַנונג. איצט האָט מען שוין נישט געוווּסט וואָס עס וועט ווײַטער געשען. מען האָט געטענהט אַזוי און פֿאַרקערט. טייל מומחים האָבן גענומען ביידע מעגלעכקייטן אין אַכט. ווו מען איז געגאַנגען האָט מען וועגן דעם גערעדט און ס׳איז כמעט מקוים געוואָרן הלויס זאָג, אַז קענאַרד בערנזאָנס נאָמען וועט ווערן אַ בן־בית אין אַלע שטיבער.

קענאַרד בערנזאָן אַליין איז געקומען צו פֿליִען אין ישׂראל אין זײַן אייגענעם דזשעט־עראָפּלאַן מיט אַ סך באַגלייטערס, טייל — דעלעגאַטן צו דער

קאָנפערענץ אין לאַנד, אַלע — געסט אויף זײַן חתונה. די חופּה האָט מען געשטעלט לעבן דעם כותל־המערבי. די כלה איז געווען דאָס אַמעריקאַנער מיידל וועגן וועלכער עס זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען אַז ער איז אַוועק פון איר. בלעטער האָבן געדרוקט בילדער פון דער חופּה און מענטשן וואָס האָבן קיין מאָל נישט געהערט וועגן אַקציעס זענען געקומען קויפן זײַנע פּאַפּירן. הלוי האָט פאַרויסגעזען, אַז מער ווי די קאָנפערענץ וועט די חופּה האָבן דעם ריכטיקן אָפּקלאַנג אויף דער בערזע. פון ציפּוריס מושב־זקנים איז מען געקומען הערן גענויע פּרטים וועגן פאַרדינען געלט. סאָלאָמיר האָט זיי געבראַכט צו אונדז. די באַנק האָט אָפּגעשאַצט זײַן בריהשקייט און מען האָט אים געגעבן נאָך אַ הלוואה.

— אַ קאַלטן טרונק פאַר אַ גאַסט, — האָט ער אַרײַנגערופן דורכן פענצטער אין צריף אַרײַן.

כ׳בין אַרויף אויף דער וועראַנדע און זיך אַנידערגעזעצט לעבן טיש. ס׳העמד האָט זיך געקלעפּט צום לײַב, האָב איך געשאָקלט דעם קאָלנער און די לאַצן. צוזאַמען מיט די קולות פון רעקאָרדער האָט זיך געהערט מיט איבעררײַסן אַ טרוקן קלאַפּערײַ פון אַ האַמער אין האַלץ. דאָס האָט אַחמעד נעאַראַני אונטערגעשפּאַרט מיט אַ הילצערנעם דראַנג אַ מצבה, זי זאָל נישט אומפאַלן. סאָלאָמיר האָט אים אָנגעדונגען אויסצושטעלן די שטיינער דער הויף זאָל אויסזען ווי אַ פּאַרק.

אין עק איז געשטאַנען האַלב צעפּנט, אָן אַ טויער, די טיר פון צפת. איבער שיינע־רחלס אויסגעקריצטן נאָמען האָט אַ פײַל פון בלעך פאַרמאַלט אויף רויט און צוגעקלאַפּט מיט אַ טשוואָק, געטײַטלט דעם וועג טיפער אין הויף אַרײַן. דאָרטן האָבן צוויי רייען קדמונישע קרוגן, הויך און שמאָל, געפאַרעמט אָן אַלע באַשאָטן מיט ריין זאַמד. שטיקער ווײַסע זײַלן, ערטער־ווײַז אָנגעשפּאָלטן און פון פאַרשיידענע הייכן, זענען געשטאַנען אין אַברייטן קרײַז. פאַררוקט אינעם שאָטן פון בוים, איז די רוימישע טרונע פאַרדעקט מיט צוויי ברעטער און איבערגעוואָרפן מיט אַ גרויען קאָץ, געוואָרן אַ באַנק צו זיצן. דער איבעריקער שטח איז געווען באַשטעלט מיט פּלאַסטיקע מיל־שטיינער, בײַכיקע בלומענטעפּ, לוחות מיט אויסגעקריצטע מנורות, אומגע־שטאַלטיקע פיגורן; איינס, אַ פאַרשניטן פּנים מיט איין אויג. אונטערן

געזימס, לענג־אויס דער וועראַנדע, איז געווען פאַרצויגן אַ שמאָל לײַוונט מיט גרויסע אותיות: ברוכים הבאים למוזיאון מיר.

— ווו זענען די אַנדערע געסט?

דבורה מישורי האָט עס געפרעגט. זי איז אַרויס פון צריף און זיך אונטער־געהויבן אויף די שפּיץ־פינגער צו זען, אויב עס קומט נישט ווער אָן פון דערווײַטנס. הינטער איר זענען געשטאַנען צוויי טישן מיט כיבוד איבער־געדעקט מיט ווײַסע לײַלעכער. זי אַליין האָט געטראָגן אַ לאַנג קלייד, טונקל־גרין, אירע האָר פריש אָנדולירט. זי האָט אויפגעהויבן איר האַנט צו פאַרשטעלן די זון און געקוקט אויף איר זייגערל. ס׳איז שוין געווען שפּעט. אויף די מודעות אין דער געגנט, אָנגעקלעפּט אויף פאַרקענער, בודקעס, לײדיקע ווענט, אויך דאָ אויפן בוים, איז געווען געשריבן, אַז דער מוזיי וועט זיך עפענען פיר אַ זייגער נאָך מיטאָג. איצט איז שוין געווען באַלד זעקס פאַר נאַכט און ס׳האָט אויסגעזען, ווי מען וואָלט שוין געהאַט געקומען, זיך אַרומגעקוקט און זיך צעגאַנגען.

— מענטשן זענען בײַם ים, — האָט זיך סאַלאָמיר אָנגערופן נישט אויפהייבנדיק זײַן שווערן בליק. ער האָט צוגערוקט נעענטער ס׳פּנים צום רעקאָרדער און געהערכט דאָס קול.

זיי זענען נישט דורכגעקומען צווישן זיך צוליב די מצבות, וואָס ער האָט געהייסן אַחמעד נאַראַנין צעשטעלן איבערן הויף, געבויגן, פאַרזונקען, האַלב קרומלעך; און דבורה האָט נישט געוואָלט האָבן פאַרן פענצטער אַ פאַרציי־טישן בית־עלמין. אויך די טיר פון צפת האָט זי שיִער נישט פאַרברענט אויס קינאה. זי האָט נישט אויסגעזאָגט ווו זי האָט פאַרטאָן שיינע־רחלס פאָטאָגראַפיעס. זי האָט גאַרנישט געדענקט זי זאָל האָבן געזען די בילדער. די מיט דעם טונקעלן פּנים און לענגערער נאָז? — האָט זי איבערגעפרעגט ווען ער האָט זיי געזוכט און נישט געפונען. ס׳האָט אים געמאַכט זייער טרויעריק. און ווען ער האָט אָפּגענומען די צווייטע הלוואה אין באַנק, האָט ער אַרײַנגעשטעלט אַ מודעה אין צײַטונג און גערופן שיינע־רחלען זי זאָל אַהיימקומען — ער איז געוואָרן אַ פאַרדינער. אַ מחשבה האָט אים באַאומ־רויִקט. אַז זי זוכט אים אַרום אין צפת, טרויעריק און אַליין איבער די שמאָלע געסלעך גייט זי אַרום און וואַרט אויף אים. די ליבע צווישן איר און דעם מאָלער מיט וועלכן זי איז אַנטלאָפן האָט זיך שוין זיכער אויסגעלאָזט און

זי רופט אים ער זאָל קומען. דערפאַר איז ער געפאָרן אַהין זיך טרעפן מיט איר. דבורהן האָט ער געזאָגט, ס'איז אין שײַכות מיט אַ גט. ער וואָלט אויך אָן שיינע־רחלען געקענט אַרויסבאַקומען דאָס צײַגעניש, זיך דערוויסן ווו זי וווינט און צושיקן מיט דער פּאָסט, נאָר ס'האָט אים אָפּגעהאַלטן פון דעם מער ווי איין סיבה. ראשית, די סיטואַציע אין לאַנד. ס'האָט נישט געפּאַסט טאָן אַ.אַ זאַך אין אַזעלכע אומרויִקע טעג. מחבלים. קרבנות אויף די גרענעצן.

אָבער צפת איז שוין איצטער נישט געווען וואָס אַ מאָל. געוואָרן אַ קליין, פּראָווינציעל שטעטל, אײַנגעצוימט און פרעמד און ס'איז נישט געבליבן דאָרטן מיט וועמען אויסרעדן אַ רעכט וואָרט. דאָס הויז ווו ער האָט געוווינט האָט מען צענומען און אויפגעשטעלט הויכע רישטאָוואַניעס. ער האָט זיך נישט געקענט דערפרעגן בײַם שומר אויפן פּלאַץ, אַן אַלטער אַראַבער מיט אַ פאַרשלאָפענעם הונט, וואָס מען גייט דאָ בויען. אויך די שכנים האָבן נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן און שיינע־רחלען האָבן זיי נישט געזען. ער איז אויסגעגאַנגען די מקומות ווו זיי ביידע פלעגן אַ מאָל זוכן מערק־ווערדיקייטן פאַרן מוזיי. ער האָט געהערט אין זכרון איר געלעכטער ווען זיי האָבן פון אונטער אַן אײַנגעפאַלענער וואַנט אַרויסגעצויגן די טיר און דערזען דאָרטן איר אויסגעקריצטן נאָמען. זיי האָבן ביידע געטאַשטשעט די טיר אַהיים. שיינע־רחלען האָט ער נישט געטראָפן. ער זאָל זי נאָר נישט האָבן פאַרזאַמט. זי וואָלט זיך נישט אַרײַנגעריסן אַזוי ווי דבורה מיט איבעריקע שאלות וועגן געסט וואָס זענען אַוועק צום ים אַנשטאָט קוקן אויף קונסט. זי האָט געשאַצט אַ פאַרטראַכט געמיט און אים צו רו געלאָזן ווען ער איז געזעסן פאַרטיפט אין רעיונות.

אייגנטלעך האָט ער גאָרנישט געהאַט בדעה אָנצובעטן אַזוי פיל מענטשן צו דער עפענונג. אַ פּראָסטער לחיים מיט עטלעכע אינטימע פרײַנד, פּשוט און צניעותדיק, אַזוי האָט ער זיך דאָס פאָרגעשטעלט און ער האָט זיך געבעטן בײַ דבורהן זי זאָל נישט אָנבאַקן אַזוי פיל נאַשערײַען. יאָרן ווי ער אַליין האָט געלעבט אויף ברויט און ציבעלעס. אָבער זי האָט אים נישט אויסגעהערט. זי האָט אויך נישט געהאַט קיין געדולד אויסצוהערן זײַנע רייד אין רעקאָרדער. סך־הכל האָט ער עס באַטראַכט ווי רויער מאַטעריאַל פאַרן בוך וואָס ער האָט געפּלאַנט צו שרײַבן .אפשר דאָס בוך פון זײַן לעבן. אַ רעדאַקטאָר האָט אים נאָך מיט יאָרן צוריק פאָרויסגעזאָגט אַ שרײַבערישע

קאַריערע. יענעמס ווערטער האָבן זיך פֿאַרגעדענקט, אַזוי ווי ער וואָלט זיי ערשט נעכטן געהערט. איצט, ווען דער מוזיי איז שוין אָפֿן, די ביכער — אויסגעשטעלט, די בילדער — אויפֿגעהאָנגען וועט ער זיך נעמען אין די הענט און אָנשרײַבן דאָס בוך. מיט שיינע־רחלען וואָלט זיך אים זיכער געשריבן אַ סך לײַכטער. זי פֿלעגט לאַכן ווען ס'איז איר געפֿעלן געוואָרן עפּעס אַ זאַך וואָס ער האָט דערציילט. ער האָט דבֿורהן געזאָגט, אַז די קינאה איז אומ׳ויסט און ס'איז נישטאָ וואָס צו זײַן אייפֿערזיכטיק. פֿון דער ליבע מיט שיינע־רחלען איז קיין זכר נישט פֿאַרבליבן, אַחוץ אפֿשר איר געלעכטער אין זײַן זכרון און די טיר פֿון צפֿת אין הויף.

דבֿורה איז צוגעקומען צום טיש, אַ דריק געטאָן מיטן פֿינגער אויפֿן קנעפּל און דער רעקאָרדער איז אָנטשוויגן געוואָרן. סאָלאָמיר האָט דאָרטן דערציילט וועגן אַ סעקטע יאַפּאַנער וואָס זענען געקומען קיין ירושלים טאַנצן לעבן דעם כותל־המערבֿי. איידער מען האָט זיך פֿאַרזאַמלט צו קענאַרד בערנזאָנס חופּה, אַ צוויי־דרײַ־שעה פֿריִער, זענען זיי אָנגעקומען מיט פֿענדלעך אין די הענט, מיט אויסגעהאַפּטענע מגן־דודן אויף זייערע בלויע קליידער, געזונגען פֿריילעכע פּסוקים פֿון דער תּורה און געוויינט לעבן דער וואַנט. סאָלאָמיר איז געפֿאָרן אַהין אַ קוק טאָן פֿון דער נאָענט אויף דעם גרינדער פֿון דער קב״א־געזעלשאַפֿט. ס'האָט אים געצויגן אַ קוק טאָן אויפֿן מענטש וואָס אין משך פֿון אַ צוויי צענדליק יאָר איז געוואָרן שטיין־רײַך און קאָמאַנ־דעוועט מיט אַ וועלט. ער זאָל גלייבן הלוין, האָט יענער אײַנגעפּירט אַ נײַעם גײַסט אין די הויכע, פֿינאַנציעלע קרײַ[ז]ן. נישט מער דער שטאָלצער מאַגנאַט, שטײַף, געצווימט, אַריסטאָקראַטיש, אָפּגעזונדערט, סודותדיק, נאָר דער פֿאָלקס־גבֿיר. קענאַרד בערנזאָן האָט זיך טאַקע אויפֿגעפֿירט ווי אַזאַ איינער לעבן דעם כותל. זיך אויסגעמישט מיטן פּשוטן פֿאָלק, געטיילט דאָלאַרן אַן איבערצוקלײַבן ווײַמען, געגאַנגען צו דער חופּה אין געוויינטלעכע קליידער. די געסט זענען געווען אויסגעפּוצט, געשײַנט און געגלאַנצט, און ער אַליין אין אַן אָפֿן העמדל, אַן אַ קראַוואַט, אַ פּשוטע יאַרמלקע מיט אַ ווײַסן מגן־דוד און די כּלה: אַ זיבעצן־יאָריק מיידל אין אַכטן חודש.

— צו דער חופּה פֿון פּרינץ איז מען געלאָפֿן ווי אויף בייז־וווּנדער, — האָט דבֿורה זיך אָנגערופֿן, און דאָ [ז]ענען אירע טישן מיט כּיבוד געבליבן שטיין פֿאַרשעמט און באַליידיקט. מען האָט אַהער געמעגט קומען פֿינקטלעך.

אין קיבוץ וואָלט דאָס נישט געשען. דאָרטן אַז מען האָט פאַרבעטן איז מען געקומען. גוט וואָס זי האָט קיינעם פון דאָרטן נישט פאַרבעטן. מען וואָלט זי אוודאי באַרעדט. די מידקייט אין אירע הענט איז נאָך נישט אַוועק און דאָ האָט דער כיבוד שוין געטריקנט דרײַ שעה אין דער היץ. זי האָט גערעכנט אײַנסדרן די טישן נאָך דעם ווי געסט וועלן אָנהייבן קומען, נאָר סאָלאָמיר האָט זיך אײַנגעעקשנט אַז די מאכלים דאַרפן וואַרטן אויף די געסט. אַזוי, האָט ער געדענקט, האָט מען זיך נוהג געווען אין חוץ־לאַרץ ווען אַ שטאָט האָט געעפנט אַ מוזיי. זי האָט אויך אַרויסגעשיקט פאַרבעטונגען קיין ניו־יאָרק, לאָנדאָן, פּאַריז, אַנדערע שטעט, און געוואַרט אויף זייער אָפּרוף. זי האָט זיך געלאָזט אײַנרעדן פון אים, אַז עס וועלן אָנקומען טעלעגראַמעס פון אַ סך לענדער. ער אַליין האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן רעקאָרדער. איין טאָג האָט ער אַרײַנגערעדט אַהין, דעם אַנדערן טאָג האָט ער אַרויסגערעדט פון דאָרטן. זי האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז פאַראַן אַזוי פיל צו רעדן, און זי האָט מער נישט געוואָלט הערן נישט פון די יאַפּאַנער, נישט פון שיינע־רחלען און נישט פון קענאַרד בערנזאָן.

— ווען רישין האָט געלעבט האָט דאָס מאַשינדל געשוויגן, — האָט זי געזאָגט. סאָלאָמיר האָט נישט געענטפערט. רישין איז געלעגן אין קבר און נאָך אַלץ רעגירט אַ וועלט. בײַם לעבן האָט ער גאָרנישט אַזוי פיל אויפגעטאָן. אַ פליגן־כאַפּער.

— וואָס האָסטו צו אַ קענאַרד בערנזאָן ? — האָט ער געוואָלט וויסן.

וועדליק דבורהן האָט שוין יענער געמאַכט צו פיל טאַראַראַם און צוליב אים האָט מען פאַרלוירן געלט. זי האָט שוין אָנגעהויבן פאַרשטיין אַ חשבון און חושד געווען הלוין מיט סאָלאָמירן אַז זיי האָבן בײדע געמאַכט יד־אחת קעגן איר. אַניט וואָלטן זיי איר צו וויסן געטאָן בײַ צײַטנס, וואָס צו טאָן מיט די קב״א־פּאַפּירן. זיי וואָלטן איר געהייסן פאַרקויפן די אַקציעס איידער זיי זענען געפאַלן און צוריק אָפּקויפן איידער זיי האָבן זיך געהויבן, וואָלט זי אַרויס מיט אַ גרויסן פאַרדינסט. היזק וואָלט עס זיכער נישט פאַרשאַפט. פאַר וועמען האָט זי זיך געמעגט אַרויסכאַפּן וועגן דעם מיט אַ וואָרט, פאַר דער טאָכטער ? זינט יענע איז אַוועק מיטן האַלבן גוי לעבן ערגעץ אין אַ מושב, האָט זי פאַרגעסן אַז זי האָט אַ מאַמען. אפילו וועגן געווינס האָט מען דער טאָכטער נישט אויסגעזאָגט טאָמער וועט עס דער גוי צונעמען. רישין

האַט געקענט האַלטן אַ סוד. ס'האָט זיך געמאַכט אַ לוויה אין קיבוץ, איז זי נאָך דעם אונטערגעבליבן לעבן זײַן קבר און אים אָפּגעגעבן אַ באַריכט. זי איז אים נאָך אַלץ נישט מוחל געווען וואָס ער איז דערטרונקען געוואָרן. וואָס פּלוצלינג אין אַ קילן טאָג האָט זיך אים פאַרגלוסט גיין שווימען אין כנרת אויף אַ פּלאַץ פאַרבאָטן צו באָדן זיך! ער איז קיין מאָל נישט געווען אַזאַ הייסער שווימער. זיך אָפּגעטראָגן און איבערגעלאָזן אויף איר דעם גאַנצן עול פון געלט. זי האָט אים אויסגערעכנט וויפל זי וואָלט שוין פאַרמאָגט, ווען די באַנק וואָלט איר נישט געקאַרגט אַ גוטע עצה. זי וואָלט צוריקגעקויפט די אַקציעס פאַר אַ דריטל פרײַז. ס'מיינט נײַן מאָל אַזוי פיל. אַדרבא ער האָט דאָך אויך געקענט בינדן ציפערן, זאָל ער מאַכן אַ חשבון. בײַם לעבן האָבן אים זיך גאָרנישט געחלומט אַזעלכע סומעס. וואָס זי וואָלט געטאָן מיטן געלט? וואָס אַנדערע טוען. מיט געלט שפּירט מען זיך פרײַ און מען ווייסט שוין וואָס צו טאָן. זי וואָלט זיך אויפגעהויבן און זיך אַרײַנגעפאָרן קיין פּאַריז זיך צו זען מיט אירער אַ חברטאָרין נאָך פון די מיידלשע יאָרן, פון דער היים; אָדער זי וואָלט גאָר געפלויגן צום שוואָגער קיין בראַזיל. יענער איז געוואָרן אַן עושר, האָט זי געהערט. לעבט שוין איצט מיט אַ גויע. פאַרן קיבוץ וואָלט זי שוין אָפּגעפונען אַ תירוץ. מיט געלט באַדאַרף מען גאָרנישט קיין תירוצים.

קענאַרד בערנזאָן איז אַ גוטער בײַשפּיל. יענער האָט שוין גאָרנישט נושא־חן געווען אין אירע אויגן. געמאַכט אַ קאָנפערענץ מיט אַ חתונה און מען האָט געטאַנצט אַרום אים ווי אַרום אַ גאָלדן קאַלב. אין די בלעטער האָט מען אויסגערעכנט ווער עס איז דאָרטן אַלץ געווען בײַ דער כותל־וואַנט. רבנים. כנסת. אַ האַלבע ממשלה. לויט אירע השגות איז שוין בערנזאָן אַריבער די גרענעץ פון פײַנעם געשמאַק. אין חוץ־לאַרץ מילא, אָבער אין ישראל האָט ער זיך געמעגט אויפפירן סטאַטעטשנע. אַ מיליאָנער מיט אַ צעלאָזענעם כאַראַקטער איז נישט געווען לויט איר גוסט. ער האָט גאָרנישט אויסגעזען אַזוי יונג. אין בלאַט האָט זיך געשריבן זיבן און פערציק יאָר. מיטן קאַלטענע־וואַטן בערדל און אונטערגעהויקערטן אַקסל האָט ער איר אויסגעזען אַ סך עלטער און זי דערמאַנט אין נחומטשע סטאָלפּ פון מעזריטש. יענעם האָט מען חתונה געמאַכט מיט אַ צעוווירענער בתולה אַריבער די פופציק און דער דאָ האָט נישט געפונען עפּעס בעסערס ווי אַ קאַלב אין אַכטן חודש.

— דער טאָג איז שוין אַוועק, — האָט זי נאָך אַ ווײַלע שווײַגן געזאָגט מיט אַן אײַנגעהאַלטן קול. סאַלאָמיר האָט זיך אַרומגעקוקט. די זון איז שוין געוואָרן נידעריקער און די שאָטנס פֿון די פֿיגורן אין הויף האָבן זיך פֿאַרלענגערט. ער האָט אויפֿגעהויבן אויף דבֿורהן אַ ווייכערן בליק, ס׳זאָל ווערן צווישן זיי שלום און ווען זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו די טישן צו באַטראַכטן דאָס געבעקס און די פּרוכטן, האָט ער הינטער איר פּלייצע גערעדט צו מיר אויף שטום־לשון, אַז איצט, נאָך דעם ווי זי האָט זיך אויסגעכעסט וועט זי שוין בלײַבן רויִק און נישט שטערן אים נאָך אַ מאָל אָנשטעלן דעם רעקאָרדער. ער האָט שוין געקענט זײַן סגאַל. אַ שטורמישע נאַטור מיט פּלוצעמדיקע שטימונגען.

— נאָר דורך ליבע קען מען דערקאָנען אַ מענטש, — האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן. אין בעט איז יענע געוועזן אַן אומרו. אַפֿילו בײַ טאָג האָט זי נישט געאַרט. און זי האָט גאַרנישט געדאַרפֿט ס׳זאָל זײַן פֿינצטער. מײַן אוצר האָט זי אים גערופֿן. טאָמער האָט זי אָנגעכאַפּט די ניכפּה, האָט זי קאַליע געמאַכט אוצרות. אָבער איצטער וועט זי זײַן פֿאַרנומען מיט געבעקס און סאַלאָמיר האָט געוויזן מיט דער האַנט ווי אַזוי איר טעמפּעראַמענט האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּזעצן, געוואָרן שטילער, נידעריקער ביז וואַנען זײַן האַנט איז געבליבן ליגן אויפֿן רעקאָרדער. ער האָט אַ דריק געטאָן דאָס קנעפּל און אים צוריק אָנגעשטעלט.

דבֿורה האָט אַ דריגע געטאָן. אויסגעדרייט צו אונדז מיטן רוקן האָט זי אונטערגעהויבן אַן עק פֿון אַ לײַלעך און באַטראַכט די מאכלים. זי האָט אָפּגערוקט אַ טעלער, איבערגעלייגט אַ שטענגל ווײַנטרויבן, אַוועקגעשטעלט אַ שיסל איילבערטן אויף אַ פֿרײַערן פּלאַץ. גלײַך געמאַכט אַ האָר אויפֿן קאָפּ. פֿון רעקאָרדער האָבן זיך געהערט געמישטע קולות און איך האָב געדענקט דעם מאָמענט ווען סאַלאָמיר האָט זיי אויפֿגענומען לעבן כותל־המערבֿי. מיר זענען דאָרטן אַלע געווען אויף דער חופּה. הלוי, אַנאַרכין. קענאַרד בערנזאָן מיט זײַנע געסט האָבן זיך פֿאַרזאַמט און די יאַפּאַנער האָבן שוין דאָרטן געטאַנצט. נאָכן אויסזינגען די פּסוקים פֿון ישעיהו הנבֿיא זענען זיי געלאָפֿן מיט אימפּעט ווײַנען לעבן דער וואַנט אָפּשטופּנדיק אַנדערע מתפּללים פֿון וועג. זיי האָבן פֿאַרשטופּט אַ מנין ייִדן און דער בעל־תּפֿילה האָט זיי נישט געפֿונען ווען ער האָט אַרויסקוקנדיק פֿון סידור געוואָרפֿן אַ בליק איבער

זײַנע אַקסלען. נישט מפסיק זײַענדיק, מאַלנדיק דאָס דאַוונען מיט די ליפּן האָט ער געקוקט איבער די ברילן אויף די לײַט אין די בלויע קליידער מיט די שרײַיקע מגן־דודן אויף די רוקנס וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן און ער האָט נישט פאַרשטאַנען פון וואַנען זיי האָבן זיך דאָס פּלוצלינג אַהער גענומען. ער האָט געקוקט מיט אויפגעריסענע אויגן ווי איינער לעבן אים האָט דורכגעשטעקט דעם קאָפּ צווישן די צעשפּרייטע פּיס פון אַ צווייטן אין פראָנט, אויסגעשטרעקט די הענט צו טאַפּן די וואַנט און זיך פאַרגאַנגען אין אַ יללה. אַלע האָבן זיי געוויינט מיט גוואַלדן און ער האָט נישט געהערט זײַן אייגן קול, דערפאַר האָט ער זיך אומגעקוקט זוכן זײַן מנין. דער בעל־תּפֿילה האָט געצויגן פון פאַרנטביידע עקן פון טלית, אָנגעטאָפּט מיט טרייסלענדיקע פינגער די יאַרמלקע, פאַרוואָרפן די עטרה העכער איבערן קאָפּ און ער האָט אויפגעהערט דאַוונען. ער האָט נישט געוווּסט ווער זיי זענען, וואָס זיי טוען דאָ, וואָס זיי האָבן געוואָלט פון דער וואַנט. סאַלאָמיר האָט אים אונטערגעזאָגט אַז דאָס זענען אַזעלכע פרומע גויים, האַלבע ייִדן, האָט דער ייִד פאַרריסן זײַן באָרד אַזש די ווײַסע הויט פון זײַן האַלדז האָט זיך אָנגעזען און ער האָט זיך צעשריגן.

דבורה האָט מיט איין מאָל אַראָפּגעצויגן די לײַלעכער פון ביידע טישן און צוליבן האָסטיקן שלעפּ האָבן זיך מיטגעקאָלערט מאַראַנצן ,עפּל. אויך אַ טעלער מיט שניטקעס אויפן ברעג פון טיש איז אַראָפּגעפאַלן אויפן דיל. זי האָט אויסגערופן, אַז זי וועט מער נישט וואַרטן. זי וועט אַלץ אָפּרייניקן, פאַרקלאַפּן די טיר און אויב געסט וועלן קומען, זאָלן זיי קומען, זי וועט זיי אַלע משלח זײַן. זי האָט געשריגן און אויך פון רעקאָרדער האָט דער בעל־תּפֿילה גערופן זײַנע דאַוונערס. פון טומלניש האָט יענער אונטערגעשטאַמלט:

— האַלבע ייִדן! רבותי! וואָס הייסט האַלבע ייִדן?!

סאַלאָמיר האָט אָפּגעשטעלט דעם רעקאָרדער. דבורה האָט זיך נישט אײַנגעשטילט. האָט ער זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען אויפהייבן די לײַלעכער פון דיל. ער האָט זיך פאַרהאַלטן און אויסגערופן אַז עס קומען געסט.

*

מיט אַ ברייטן הילוך, קנאַקנדיק קערלעך פון אַ שקאַרמיץ, איז אָנגעקומען

יעקב נאָדל דער בעל־עגלה. ער האָט געהאַלטן דעם שקאַרמיץ נאָענט צום פּנים און אין ערשטן אויגנבליק האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער האָט באַקומען אַן אומגעוויינטלעך לאַנגע און שפּיציקע גאָמבע. ער איז פֿאַרבײַ די טיר פֿון צפֿת, אויסגעגאַנגען די אַלטע פֿון די קדמונישע קרוגן, אַרײַן אין ברייטן קרײַז פֿון די ווײַסע זײַלן און דעם גאַנצן וועג געשפּיגן אַרום זיך דאָס שאַלעכץ. ווען ער איז אַדורך דעם שאָטן פֿון בוים און זיך אָפּגעשטעלט לעבן די טרעפּלעך פֿון דער וועראַנדע האָט לעבן דער טיר פֿון צפֿת זיך באַוויזן רייזל זײַן ווײַב. אויך זי האָט געהאַלטן אַ שקאַרמיץ לעבן איר גאָמבע.

— מענטשן פֿון ים, — האָט דבורה זיך אָנגערופֿן. די נאָדלס האָבן איר געפּעלט צום רומל. איין מאָל ווען זי איז אַרײַן צו זיי אין שטוב האָט זי נישט אויסגעהאַלטן דאָרטן מער ווי אַ מינוט דעם געמיינעם ריח. זי האָט נישט געקענט כאַפּן דעם אָטעם און זי איז גלײַך אַרויס, זיך געוואַשן און געביטן קליידער דער ריח זאָל נישט קלעפּן צו איר. זי האָט נישט אָנגעהויבן פֿאַרשטיין, ווי אַזוי סאָלאָמיר איז דאָרטן אָפּגעזעסן שעהען. אין די קינדער־יאָרן, האָט ער איר געזאָגט, האָט ער זיך געהאָדעוועט אויף אַ פֿאָלוואַרק און ער איז תּמיד היימיש געווען מיט די ריחות פֿון חיות. אויך זי האָט אין קיבוץ אַ מאָל געאַרבעט בײַ די הינער, בהמות. נישט צו פֿאַרגלײַכן די ריחות. איצט זענען די נאָדלס געקומען אַהער נאָך אַ שפּאַציר איבער די גאַסן אָנמאַכן אַ מיסטקאַסטן. אומזיסט האָט זי באַגיבען באַשפּריצט דעם הויף מיט וואַסער ס'זאָל זיך נישט הייבן קיין שטויב, זיך געבויגן אין דרײַען אויפֿצוקלײַבן פֿאַרוואַלגערטע פּאַפּירלעך. זי האָט מיט אַ טיכל אָפּגעווישט דעם שווייס וואָס זי האָט דערשפּירט אויף זיך און אַנטקעגנגייענדיק נאָדלען האָט זי אויפֿגעזונגען אַ פּיזמון וואָס מען האָט אָפֿט געהערט אין ראַדיאָ וועגן אַפּהיטן דאָס לאַנד זויבער און שיין :

— ארץ יפֿתי.

נאָדל האָט זיך פֿאַרנייגט דרײַ מאָל, אויך אין מײַן זײַט אַרײַן. דער קבלת־פּנים איז אים געפֿעלן געוואָרן און ער האָט געשמייכלט דורך־ארצדיק אין זײַנע שבתדיקע בגדים. ער האָט אָנגעוויזן אויף רייזלען אין דער אַלטע און געזאָגט, אַז ער האָט זי געבראַכט אַהער קוקן אויף מענטשעלעך וואָס מען האָט אויפֿגעהאַנגען אויף די ווענט אינעווייניק אין צריף. ער אַליין איז

געווען פּטור פון אַזאַ פאַרווייַלעכץ. אין אַ שבת־נאָך־מיטאָג האָט ער געהאַט עפּעס בעסערס צו טאָן: סאָרטירן זאַכן וואָס ער האָט דורך דער וואָך אָנגעזאַמלט לעבן די הײַזער פון שטאָט, אָבער רייזל האָט אים פאַרנודזשעט מען זאָל לאָזן פרײַ דעם שבת און אַרײַנגיין צו די שכנים פאַרברענגען.

— ס׳וועלן דאָרטן זײַן אינטעליגענטע מענטשן, — האָט ער איבערגעחזרט וואָס זי האָט געזאָגט. באַלד אין דער פרי האָט שוין רייזל זיך אָנגעהויבן פּוצן, געביטן קליידער און היטלען און זיך געדרייט ווי אַ באַראַנעסע פאַרן שפּיגל. זי איז תמיד געווען אַ ראָמאַנטישע. אין רויִקע טעג וואָלט זי אים אין גאַנצן נישט געפּאַסט. ער האָט זי אָנגעטראָפן אין דער מלחמה אין אַ פאַרוואָרפן דאָרף, ערגעץ ווײַט אין רוסלאַנד. אַ ייִדיש מיידל איינע אַליין. אַ בתולה.

— אַן עקרה, — האָט ער צוגעגעבן. זי האָט זיך קיין מאָל נישט געקינדלט אָבער ער האָט זי צוליב דעם נישט פאַרטריבן. אַדרבא, דאָ אין ישׂראל איז דער דין געווען אויף זײַן זײַט און ער האָט געהאַט אַלע רעכט זי אויסצובײַטן אויף אַן אַנדערער, אַ ייִנגערער, וואָס זאָל אים אָנשיטן אַ שטוב מיט בנים. אַפילו ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַזאַ געדאַנק אין קאָפּ האָט ער וועגן דעם קיין פּיפּס נישט געטאָן, זי זאָל זיך נישט מצער זײַן. זי איז געבליבן אַ קײַלעכדיקע יתומה נעבעך אָן אַ קרוב אויף דער וועלט. דערפאַר האָט ער זיך געסטאַרעט זי זאָל האָבן בײַ אים פון כל־טוב און ס׳האָט איר גאָרנישט ניט געפעלט אַלע יאָרן. איטלעכן שבת, איידער ער האָט גענומען סאָרטירן אין הויף די סחורה, האָט ער זי גערופן זי זאָל זיך אויסקלײַבן קליידער, שיך, שטוב־כלים, אַנדערע מציאות, פון שענסטן און פון בעסטן. ס׳האָט זיך תמיד געפונען פון וואָס צו קלײַבן. שוין יאָרן ווי ער האָט נישט געקויפט קיין מלבוש, נישט פאַר זיך און נישט פאַר איר. די שטאָט האָט אַלץ צוגעשטעלט:

— אַ יאָלדישע וועלט, — האָט ער זיך אונטערגעלאַכט.

רייזל, ברייט און נידעריק, אין אַ לאַנג קלייד וואָס האָט זיך נאָכגעשלעפּט מיט אַ שפּיץ אויף דער ערד, אין אַ פילצענעם הוט מיט אַ שנאָל און אַ שלייף אויף דער זייט, איז שוין אויסגעגאַנגען די אַלעע פון די קרוגן און אַרײַן אין קרײַז פון די ווײַסע זײַלן. נאָדל האָט זי גערופן, זי זאָל נישט אָפּשטיין און ער האָט אַ וואָרף געטאָן הינטער זיך דעם לײדיקן שקאָרמיץ, וואָס ער

האָט צעקוועטשט אין זײַן פויסט. ס׳קײַלעכל האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין בוים און זיך פֿאַרקאָלערט ביזן ברעג פֿון דער טרונע. דבורה האָט אָפּגעקערט איר בליק נישט צו קוקן אַהין. זי האָט זיך פֿאַרקוקט אויף די זײַטיקע קעשענעס פֿון נאָדלס רעקל אָנגעשטעלט מיט פֿולע שקאַרמיצן טייל מיט אַ פֿאַרקנייטשט, אַנדערע מיט אַן אָפּן אויערל. זי האָט זיך אַ װענד געטאָן צו סאַלאָמירן מיט סימנים ער זאָל עפּעס טאָן און אָפּהאַלטן נאָדלען פֿון באַשמוצן די שטוב.

סאַלאָמיר האָט אויפֿגעהויבן די אַראָפּגעשלעפּטע לײַלעכער און דעם טעלער מיט די שניטקעס. ער האָט נאָך אַלץ געבויגן דאָ און דאָרטן אַ קני אויפֿצו־קלײַבן אַ פֿאַרקאָלערטן עפּל ווען רייזל איז צוגעקומען צו דער וועראַנדע. נאָדל האָט אויסגערופֿן אונדזערע נעמען און זי האָט זיך העפֿלעך באַגריסט מיט אַן אונטערגעהויבן פּנים און האַלב צעעפֿנטע וויִעס. נאָדל האָט זי אונטערגעהאַלטן בײַם אָרעם בעת זי איז אַרויף אויף די צוויי טרעפּ און זי צוגעפֿירט צום לענגערן בענקל לעבן דער וואַנט זיך אָנידערזעצן אָפּרוען פֿון לאַנגן שפּאַציר.

— איצט וועט אײַך מײַן רייזל עפּעס פֿאַרלייענען, — האָט ער מודיע געווען און זיך געמאַכט באַקוועם ווי אויף צו נעמען אַ פֿאָטאָגראַפֿיע. ער האָט צו רעכט געמאַכט דעם קנופּ פֿון קראַוואַט, אַ ציִ געטאָן די הויזן אויסצוגלײַכן אַ קנייטש. רייזל האָט אַרײַנגעלייגט איר בײַטל אין פֿאַלד פֿון קלייד אויף איר שויס. אירע וויִעס זענען פֿאַרבליבן האַלב צעעפֿנט. ס׳האָט זיך אָנגעזען אויף נאָדלען אַז ער איז אַ ביסל אויפֿגערודערט און ווען ער איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט זיך האָט ער מיטן עלנבויגן אַ שטופּ געטאָן דאָס ווײַב ווי אויף אַן אָפּגערעדטן סימן און זי האָט אַרויסגענומען פֿון איר בײַטל און צעעפֿנט זייער פֿאַמעלעך אַ פּאָר ברילן מיט דראָטענע הענטלעך און אַ האַלב יִדיש בלאַט. זי האָט אַרויפֿגערוקט דעם פֿילצענעם הוט העכער אויפֿן קאָפּ צו מאַכן פּלאַץ אַרום די אויערן און טײַטלענדיק מיט אַ פֿינגער האָט זי געלייענט צו ערשט מיט די ליפּן בלויז, אין גאַנצן אָן אַ קול כּדי אויסצופּרובירן די ווערטער אויב זיי וועלן ריכטיק אַרויסקומען:

— זילבערמאַן פֿאַרקויפֿט זײַנע הײַזער, — האָט נאָדל אַרויסגעפּלאַצט. ער האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויפֿן ווײַב. ער האָט אַרויסגענומען אַ נײַעם שקאַרמיץ פֿון קעשענע און געשאָצט מיטן בליק דעם רושם פֿון

דער ידיעה. ער אַליין איז שוין נישט געווען קיין היגער. ער האָט אָפּגעמאַכט מיט לייב סילווערן צו באַפרײַען די שטוב און יענער, נאָכן חתמענען דעם קאָנטראַקט, האָט אים אויסגעצאָלט אין דער האַנט אַרײַן דרײַ פערטל פון דער אָפּגערעדטער סומע — גענוג אויף צו קויפן אַ נײַע דירה, דאָס איבעריקע אַרײַנלייגן אין באַנק און לעבן פון גרייטן.

רייזל האָט אָפּגעפונען איר קול צו שפּעט. זעענדיק אַז ער האָט ריכטיק אַרײַנגעשאָסן האָט ער זיך נאָכגעפרעגט בײַ מיר אויף קענאַרד בערנזאָן. ער האָט ווי זײַן שטייגער פאַרדרייט דעם נאָמען און אים גערופן קייניש בירנמאַן. זאָלן זײַנע גוטע שכנים וויסן, אַז ער איז שוין מיט מזל געוואָרן אַן אייגנ־טימער פון אַקציעס און ער האָט זיי אײַנגעקויפט אין דער ריכטיקער צײַט אויך, ווען זיי זענען געשטאַנען גאָר נידעריק און זיי האָבן זיך גלײַך געהויבן.

— דרײַ מאָל אַזוי פיל, — האָט ער אויסגערופן. ער האָט גערעדט וועגן די אַקציעס ווי ער וואָלט גערעדט וועגן פערד. אַז מען דאַרף זיי קוקן אין די ציין און נישט זשאַלעווען די בײַטש ווען זיי לויפן. צוליב די קב״א־פּאַפּירן האָט ער געפונען סילווערס מודעה אין דער צײַטונג. מחמת איצט האָט ער שוין נישט געזשאַלעוועט רייזלען געלט יעדן טאָג אויף אַ יידיש בלאַט, אַבי זי זאָל לייענען פּאַוואָלינקע טאַמער וועט זיך דאָרטן שרײַבן וועגן דער בערזע און דעם קורס פון זײַנע פּאַפּירן.

— כ׳בין דאָך אַ בעזגראַמאָטנער, — האָט ער אָנגעוויזן אויף זיך.

*

סאָלאָמיר האָט זיך צוגעזעצט אויף זײַן פריִערדיקן פּלאַץ פאַרשוויצט פון זוכן די עפּל און מאַראַנצן. מיט אַ האַנטעך וואָס ער האָט געפונען האָט ער געווישט דאָס פּנים, איבערגעקוקט די מודעה אין צײַטונג און נאָכגעקוקט דבורהן ווי זי איז אַרײַן אינעווייניק אין צריף. זי האָט נישט באַדאַרפט זײַן אַזאַ שלאַנג און זיך באַליידיקן פון נאָדלס אויפפּירעכץ. ס׳איז נישט געווען פון וואָס צו פילן זיך באַליידיקט. אויך אין צפת האָט מען אין אַנהויב נישט געוווּסט וואָס דאָס איז אַזוינס קונסט און קולטור. טאָמער האָט אַ מאָלער געעפנט אַ גאַלעריע האָט ער געלעבט ווי אַ פּרוש און געוואָרט ס׳זאָל פאַרבלאָנדזשען אַ טוריסט פון חוץ־לאָרץ. מיט דער צײַט איז געוואָרן אַנדערש. איז געקומען שבתע־נאַכטס האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט משפּחות־

וויַז פון די שטיבער און מ׳איז געגאַנגען איבער די גאַלעריעס קוקן אויף בילדער. אויך דאָ, האָט ער געפּלאָנט, וועט מען אוועקשטעלן אונטערן בוים אַ צוויי טישן מיט בענק, אַ גאַסט וועט קומען קוקן אויף אַ בילד, אויסבאָרגן אַ בוך, און מען וועט אים מכבד זײַן מיט אַ גלאָז טיי, פאַרבײַסעכץ, ער זאָל זיך שפּירן היימיש. ער האָט אַנגעקוקט נאָדלען און געפרעגט:

— איז ווען וועט מען זיך דאָס צײַען פון דאַנען?

דער אָפּשטייענדיקער שלייף אויף רייזלס פּילצענעם הוט איז אים קענטלעך אַרײַן אין בליק. ער האָט זיך נישט געקענט דערמאָנען ווער ס׳האָט פריִער געטראָגן דעם הוט. דער שלייף האָט געהאָט אַ פּאָר פליגל ווי אַ פויגל און נאָדל גופא, האָט ער באַמערקט, האָט געמאַכט אָן אַ שיעור תנועות קנאַקנדיק די קערלעך. אַ גאַנצער אָרקעסטער. איין שפּײַ איז נישט געווען ענלעך אויפן צווייטן. מער ווי איין מאָל האָט ער אים געזען זיך אַרויסשטעלן אין אַ זומערדיקן שבת־נאָכמיטאָג האַלב נאַקעט אויפן הויף סאָרטירן סחורה. נאָדל איז דאָרט קיינמאָל נישט געווען אַליין. ס׳פערד האָט געטופּעט, אַ ציג האָט געמעקעט, עופות זענען געשפּרונגען איבער זײַנע פיס. אויף די ברייטע שטאָפּלען פון אַ טאָפּעלן לייטער זענען געווען אַנגעשטעלט בלעכן מיט וואַסער פאַר פייגל צו שטילן זייער דאָרשט. אין אַ הייסן טאָג איז קליין־און־גרויס געקומען צו פליִען קאָפּן אַ טרונק, באַנעצן אַ פעדער. נישט אַלץ איז אַרונטער אונטער די צוויי בלעכענע דעכלעך און אויך אין דרויסן זענען געלעגן סטויגן סחורה. פון ברייטן בוים זענען אַראָפּגעהאָנגען ריב־אײַזנס, קאָכלעפל, אַ הענטל פון אַ ראָווער, פאַרזשאַווערטע נאָפּטלאָמפּן, אַ ברייטע טרובע פון אַ גראַמאָפאָן, אַ בראָנדזענע פאַן. ווען דער ווינט האָט זיך געשטאַרקט און צעוויגט די צווײַגן פון בוים האָט זיך געהערט אַ קלאַפּערײַ.

נאָדל האָט זיך נישט תמיד געאײַלט פּטור ווערן פון זײַן סחורה. ער האָט אויך געזאַמלט אויף בעסערע צײַטן. ווען אַלטע זאַכן זענען אַרײַן אין דער מאָדע האָבן נישט געפעלט קיין קונים אויף מציאות. אין אַ שבת אין דער פרי, ביז רייזל איז צוריקגעקומען פון דאַווענען, האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבערן הויף, גערעדט צום פערד, געמוסרט דעם הונט מיטן געליימטן פוס, צוגעגאָסן וואַסער אין די בלעכן אויפן לייטער ס׳זאָל זײַן פול ביזן ראַנד, אַרויפגעלייגט אַ געוויכט אויף אַ לויז דעכל, פאַרצויגן אַ שטריק פון בוים

צום פּאַרקן און זיך גאָר אָוועקגעשטעלט אַ פּאַרטראַכטער שאַצן זײַן ווערט. שוין די קאָלירן אַליין האָבן דערפּרייט דאָס אויג.

דער טאָג צום ציִען זיך פון דאַנען איז נאָך געווען גאַנץ ווײַט אין נאָדלס אויגן. קודם האָט ער גערעכנט קויפן אַ דירה און דאָס איבעריקע אַרײַנלייגן אין באַנק אויף פּראָצענט, אָבער הלוי האָט אים צוגערעדט אינוועסטירן דאָס גאַנצע געלט אין די געפאַלענע קב״א־אַקציעס. דירות וועלן אויך שפּעטער נישט פעלן, אָבער אַזאַ זעלטענער שאַנס צו מאַכן גיכן רווח וועט זיך מער נישט איבערחזרן. מען וואָלט נישט געקענט זאָגן, אַז ער האָט חרטה געהאַט אויפן עסק. ווען די אַקציעס האָבן זיך געהויבן האָט ער זיי גלײַך פאַרקויפט מען זאָל אים אָפּציילן דאָס מזומנס אין דער האַנט אַרײַן. ס׳האָט אים עפּעס געקאָסט און ער האָט גלײַך צוריק געקויפט די זעלבע סחורה אָבער ס׳האָט זיך געלוינט, ווײַל ציפערן זענען נישט געווען בײַ אים קיין מיוחס. נישט צו פאַרגלײַכן צום געפיל ווען די פינגער האָבן געשפּירט די באַנקנאָטן קנאַקעוודיק נײַ. ער האָט שוין געקענט קויפן פאַר דעם דרײַ דירות.

— וואָרט ביז זילבערמאַן וועט עס הערן, — האָט ער געזאָגט. ער האָט געמיינט, אַז יענער וועט פּלאַצן ווען ער וועט זיך דערוויסן וועגן דעם. ער וועט עס אים זאָגן ווען די אַקציעס וועלן זיך הייבן.

— ביז צען מאָל אַזוי פיל, — האָט נאָדל צוגעגעבן.

סאָלאָמירן איז אַ שאָד געווען וואָס ער האָט נישט אויסגענוצט די געלעגנהייט צו קויפן אַ ביסל געפאַלענע אַקציעס. וואָלט ער אַרײַנגעלייגט די צווייטע הלוואה וואָס ער האָט באַקומען פון באַנק, וואָלט ער אויך אַרויס מיט אַ גיכן פאַרדינסט, אָבער ער האָט זיך געמוזט צואײַלן עפענען דעם מוזיי. ווי דאָס הארץ וואָלט אים געזאָגט, אַז סילווער וועט אים אונטערשטעלן אַ פיסל. סילווער איז אים אַרײַן ווי אַ ביין אין גאַרגל. יענער איז אים פון אָנהייב אָן נישט געפעלן געוואָרן צו שטאַרק, און גוט וואָס ער האָט זיך געהאַלטן פון דער ווײַטנס און אים אויסגעמיטן. סילווערס טבע אַרײַנצו־שטעקן די נאָז אומעטום איז אים שוין גאַרנישט געפעלן געוואָרן. נישט געפונען קיין אַנדער זמן אַרײַנצושטעלן אַ מודעה אין צײַטונג, אַז ער פאַרקויפט די הײַזער, ווי אין טאָג ווען דער מוזיי האָט זיך געעפנט.

— אַ גייענדיק עסק וועט מען פון דאַנען נישט טרײַבן, — האָט ער

געזאָגט און מיר דערלאַנגט דאָס בלעטל, טאַמער לייב סילווער וועט קומען אַהער צו דער עפנונג זאָל איך כאַפּן מיט אים אַ וואָרט וועגן דער מודעה.

— און דער דירעקטאָר וועט דאָ זײַן? — האָט נאָדל געפרעגט מיינענדיק הלוין, און מיר אָנגעזאָגט נישט פאַרגעסן צוריקגעבן שפּעטער די צײַטונג.

הלוי האָט שוין באַדאַרפט דאָ זײַן. ער האָט באַדאַרפט קומען אַהער פון שטובקרײַז ווו ער האָט רעפערירט וועגן בערזע־ענינים. ס'האָבן זיך געשאַפן שטובקרײַזן אין אונדזער שטאָט אַרומצורעדן וועגן דער קב״א־געזעלשאַפט און דעם מיסחר מיט אַקציעס. מען האָט זיך אָנגעהויבן פאַראינטערעסירן אַפילו אין די קלענסטע פּרטים און געוואָלט פאַרשטיין דעם אונטערשייד פון פּראָצענט און דיווידענדן, די נפקא־מינה צווישן אָבליגאַציעס און אַקציעס, וואָס איז אַזוינס פּרעמיע, עמיסיע און דער טײַטש פון 'נאָסטראָ', 'אַדזשאָ', ווען איז אַן אַקציע ביליק און ווען טײַער און אַזוי ווײַטער. שטובקרײַזן האָבן זיך אָרגאַניזירט לויט בראַנזשעס. אַקאַדעמיקערס, סוחרים, אַרבעטער, ספּאָרטלײַט, אגד־שאָפערן. מען האָט זיך אויך געמישט. ריטאָ עולמי איז אַרײַן אין פּנחסיק דעם קצבס קרײַז, ווײַל אין מושב־זקנים האָט מען נישט געוואָלט איינער זאָל וויסן וואָס בײַם צווייטן טוט זיך. אַפילו ווען זיי האָבן זיך אָנגעטראָפן אין באַנק האָט מען אָוועקגעקוקט איינער פון אַנדערן. אויך גאולה מינץ, די וואָס דער קצב האָט אין אַ רעגנדיקער ווינטערנאַכט באַליידיקט צוליב אַ מאַגערע הון, איז אַרײַן מיט איר מאַן אין קצבס קרײַז. צוליב בערנזאָנס אַקציעס האָבן זיי זיך איבערגעבעטן און זיך מוחל געווען די קריוודע. הלוי האָט אויסגענוצט דעם פאַל צו באַווײַזן אַז די בערזע פאַראייניקט מענטשן.

— ער איז שוין געוואָרן בערנזאָנס רעכטע האַנט, מעג ער זיך פאַר־שפּעטיקן, — האָט דבורה זיך אָנגערופן אַרויסקומענדיק פון צריף. איצט האָט זי שוין אויסגעזען רויִקער און זי האָט אָוועקגעשטעלט אויפן טיש פלעשער מיט קאַלטן לימאָנאַד.

— וואָס, ער האָט שוין די שטעלע? — האָט סאַלאָמיר זיך געחידושט. שוין וואָכן ווי ער איז צוליבן מוזיי כמעט ווי נישט אָפּגעטרעטן בײַ אונדז אין באַנק און ער האָט נישט געוווּסט וואָס דאָרטן איז דערווײַלע געשען. אָבער הלוי האָט נאָך געאַרבעט אין באַנק. דער פּאָסטן צו ווערן קענאָרד בערנזאָנס פאַרשטייער אין ישׂראל איז שוין געווען באַשטימט פאַר אים.

מען האָט בלויז געוואָרט אויף דער ענדגילטיקער באַשטעטיקונג, וואָס האָט באַדאַרפט אָנקומען פון שווייצאַריע אַ ליאַדע וואָך.דערפאַר איז הלוי אַרומ־געגאַנגען ווי צערודערט ווען די אַקציעס זענען געפאַלן. ער האָט עס גענומען פּערזענלעך, ווי ס׳וואָלט געווען זײַן מפּלה. ער האָט נישט גערוט, נישט געלאָזט אַנדערע רוען, נאָר אַרײַנצוברענגען וואָס מער געלט אויף אָפּצוקויפן די סחורה און אויף אַזאַ אופן פאַרהאַלטן די ירידה. צו ווּעמען האָבן מיר נישט געקלונגען, ווו זענען מיר נישט אויסגעוווען! מיר זענען געגאַנגען איבער די הײַזער, געפאָרן חוץ דער שטאָט. צו נאַדלען אין שטוב אַרײַן איז הלוי געקומען ווען ער האָט געהערט וועגן דעם עסק מיט סילווערן. ער האָט גאָרנישט געשפּירט דאָרטן דעם ריח. אויף סאַלאָמירן האָט ער זיך געברוגזט הלמאי ער איז פאַרפאַלן געוואָרן און נישט געפונען קיין אַנדער צײַט, דווקא ווען די אַקציעס זענען געפאַלן, זיך צו פאַרנעמען מיט עפּענען אַ מוזיי. זײַן חשבון איז געווען אַז קענאַרד בערנזאָן וועט געדענקען וואָס מיר האָבן פאַר אים געטאָן אין אַן עת־צרה. ווען אַנדערע האָבן זיך אָפּגעקערט פון אים זענען מיר אים געבליבן געטרײַ. זײַן באַגעגעניש מיט אים שפּעטער אין ישראל האָט אין הלוין טאַקע געמאַכט אַ גאַנץ איבער־קערעניש. הלוי איז נאָך דעם כמעט נישט אײַנגעזעסן אין דער היים. ער האָט זיך אײַנגעשאַפן אַ סעקרעטאַרשע וואָס האָט זיך גערופן ריימאָנדאַ און צוזאַמען מיט איר געגאַנגען אין די שטובקרײַזן. זי איז געווען אונדזער בלאָנדע קליענטין, פאַרשוירן ווי אַ יינגל, וואָס אַ מאָל איז זי געווען גרייט נאָכגיין הלוין בלינדערהייט אויף דער בערזע. איצט האָט זי געאַרבעט פאַר אים פרײַוויליק. ווען ער וועט באַקומען די שטעלע וועט ער צאָלן גוטע שׂכירות.

נײַע כוחות האָבן זיך אויפגעוועקט אין אים. די לאַנגע שעהען אין באַנק, דאָס אַרומלויפן איבער די שטובקרײַזן אין די אָוונטן, אויך אין די שבתים, האָט אים גאָרנישט מיד געמאַכט. אין די פרימאָרגנס האָט ער מער נישט געציילט די נעמען אויף די רשימות צו וויסן וויפל מענטשן ס׳האָבן שוין געקויפט בערנזאָנס אַקציעס, נאָר געוויגן אין דער האַנט די וואָג פון פּאַפּיר. איין מאָל האָט ער אָנועקגעלייגט אויף מײַן טיש אַ בריוול פון עמוס שיי, דער יונגער פּקיד וואָס האָט פּרעטענדירט אויפן קב״א־פּאָסטן אין לאַנד. יענער האָט אָנגעבאָטן אָפּצוקויפן בײַ הלוין די שטעלע. הלוי האָט זיך אונטער־

געלאַכט און אַרײַנגעשטופּט דאָס בריוול אין זײַן שופלאָד אַנגעפּילט מיט פאַרלעגענע דאָקומענטן. זיך פאַרקויפן פאַר געלט? אַנווערן די זכיה צו זײַן אין קענאַרד בערנזאָנס קרײַז? — האָט ער געפרעגט און זיך אָוועקגעשטעלט מיטן פּנים צום פענצטער קוקן אין דרויסן און פּעטשלען דעם פּליך אויפן קאָפּ.

— כ'האָב תמיד געזוכט אַ מורה־דרך, — האָט ער מיר דעמאָלט געזאָגט.

*

דאָ אין הויף האָט מען געוואַרט אויף הלוין. דער הויף האָט זיך אָנגעפּילט מיט געסט און סאַלאָמיר האָט זיך פאַרענטפערט אַז אַן הלוין קען ער נישט עפענען דעם מוזיי. יענער האָט אַ סך געהאָלפן מיט הלוואות און עצות און אַן אים וואָלט דאָס אַלץ גאָרנישט צו שטאַנד געקומען. הלוי האָט אויך בדעה געהאַט צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן קענאַרד בערנזאָן פאַרן פאַרזאַמלטן עולם.

— נאָך אַ פערטל שעה, — האָט סאַלאָמיר געענטפערט וועגערן ווען יענער, צו ווײַזן ווי שפּעט ס'איז, האָט אַרויסגענומען פון זײַן קעשענע דעם זייגער מיטן פאַרגעלטן ציפערבלאַט, דעם זעלבן וואָס מיר האָבן געזען הענגען אויף זײַן וואַנט. וועגער האָט געווישט זײַנע ברילן. נישט פון היץ. ער איז געקומען אַהער אין חמסיניקן טאָג אָנגעטאָן אין אַ האַלב ווינטערדיקן סוועטער איבערן ברוינעם העמד פאַרקנעפּלט ביז אַרויפצו און ס'איז אים נישט הייס געווען. ער האָט נישט געליטן פון היץ. ער איז געקומען פרעגן הלוין, פאַר וואָס ער האָט געזאָגט אַז די צדקה־ אַנשטאַלטן זאַמלען נדבות פאַר אַנדערע און נעמען צו דאָס געלט פאַר זיך אַליין.

— פאַר וואָס האָט איר זיי גערופן מיט געמיינע נעמען? — האָט ער געוואָלט סאַלאָמיר זאָל אים ענטפערן.

סאַלאָמיר האָט באַדאַרפט אויפנעמען נאָך געסט און ער האָט אים אָפּגעשיקט צו אונדז אין באַנק אַרײַן. אָבער וועגער איז שוין געווען בײַ אונדז עטלעכע מאָל, נאָר ער האָט זיך נישט געקענט דערשטופּן צו אונדזערע טישן צוליבן אָנגעלויף וועגן די קב״א־אַקציעס. אַלע מאָל ווען ער איז געקומען איז געווען פול מיט קליענטן. באַלד אין דער פרי, נאָך איידער די טירן האָבן זיך געעפנט האָט מען זיך שוין געשטופּט לעבן אַרײַנגאַנג און אַזוי איז עס

געווען ביז פּאַרנאַכט. איין מאָל האָט וועגער אויסגעוואָרט אַ לאַנגע ריי און זיך דערשטופּט צו הלוין מיט דרײַ בריוו אין די הענט, ענטפערס פון די צדקה־אינסטיטוציעס, ׳השגחה׳, ׳מקור־הרחמים׳, ׳מתן־בסתר׳, הלוי זאָל איבערלייענען און אײַנזען זײַן טעות. ווײַל וועגער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף זיי, ער האָט זיי געשריבן אַז ער וויל זיי קענען האָט מען אים פאַרבעטן, שיין אויפגענומען, און מען האָט אים געוויזן וואָס עס טוט זיך אין ירושלים, וויפל מענטשן עס נייטיקן זיך אין זייער הילף. קראַנקע, אַלמנות, יתומים, עלנטע זקנים. הלוי האָט געקוקט פאַרמאַטערט אויף די בריוו, באַטראַכט וועגערן פון אויבן ביז אַראָפּ און אים געהייסן קומען אַ צווייט מאָל, נאָך דער קאָנפערענץ.

איצט האָט וועגער אַרויסגענומען די בריוו און געוויזן סאָלאָמירן די אונטערשריפטן פון באַרימטע רבנים. וועגער איז קיין מאָל נישט פרום געווען. דער איינציקער זכר פון פרומקייט איז דער ציבעלע־זייגער וואָס איז פאַרבליבן בײַ אים גאַנץ און ער גייט נאָך ריכטיק פון זינט ער האָט אים באַקומען אַ געשענק צו זײַן בר־מיצווה.

— יאָ, איך רעספּעקטיר רעליגיאָן, — האָט וועגער כמעט געשריגן. ער וועט נישט אָוועק פון הלוין ביז יענער וועט נישט מודה זײַן, אַז ער איז באַגאַנגען אַ חטא וועגן ערלעכע לײַט. סאָלאָמיר האָט אים געפירט צום טיש עפּעס טועם זײַן.

— ער וועט זיך באַרויקן, — האָט ער מיר געזאָגט אין אַ זײַט. אויך אין מושב־זקנים פלעגט ער אים אײַננעמען מיט אַ זיס מאכל. אין די פרימאָרגנס ווען סאָלאָמיר האָט דאָרטן געדעקט די טישן צום עסן האָט ער אונטער־גערוקט וועגערן, וואָס האָט דאָרטן געפרישטיקט ווי אַ טייל פון זײַן שכירות, אַ טעצל מאַרמעלאַד, נאָך אַ גלאָז מילך. סאָלאָמיר האָט אים אויך ווען פאַרבעטן צו זיך אויף אַ מיטאָג צו באַווײַזן הלוין אַז אים וועט געראָטן אײַנרעדן וועגערן, ער זאָל קויפן קב״א־פּאַפּירן. דבורהן האָט ער געזאָגט, אַז וועגער איז אַ פרײַנד פון די סטודענטישע יאָרן ווען זיי האָבן ביידע שטודירט אין בערלין פּעסימיסטישע פילאָסאָפיעס. וועגערן האָבן זיך דעמאָלט די באַקן געררייטלט פון זעט, אַזוי האָט ער זיך אַנגעגעסן, אָבער קענאַרד בערנזאַנס אַקציעס האָט ער נישט געקויפט.

*

סאַלאַמיר איז אַנטקעגנגעגאַנגען יהושע רימערן. זיי האָבן זיך שוין נישט געזען אַ לענגערע צײַט. דער איז געווען פאַרנומען מיטן מוזיי און דער מיט פרנסה.

— נאָך אַלץ אויפן זעלבן אָרט? — האָט סאַלאַמיר זיך נאָכגעפרעגט. ער האָט געהאַט נאָך צו פרעגן און ער האָט עס אָפּגעלייגט אויף שפּעטער, באַטראַכטנדיק רימערס פאַרקעמטע באָרד, דעם לײַכטן גלאַנציקן מלבוש, די אָפּגעפּוצטע שיך לכבוד שבת. ס'האָט געגלאַנצט פון אים מיט ריינקײַט, גאַרנישט ווי אין די טעג ווען ער האָט פאַרקויפט בייגל אויף די טרעפּ פון קינאָ. בלויז זײַן שוואַרצער קאַפּעליוש מיטן האַרטן, ברייטן ראַנד האָט דערמאָנט אין יענעם פאַרנאַכט ווען מיר האָבן דורך זײַן פענצטער געהערט אים זינגען פסוקים פון תהילים. סאַלאַמיר האָט זיך אין צווישנצײַט געטראָפן מיט אים בײַם רב געבן עדות, אַז רימער איז פאַרבליבן אָן אַלמן אַלע יאָרן. רימער האָט דאָרטן אויך אויסגעפרעגט וועגן אָפּשרײַבן אַ יאָר קדישים וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט פאַר דער בעטלערין מיט וועלכער ער האָט זיך געגרייט חתונה צו האָבן. איצט האָט ער זי פאַרגעשטעלט. זי האָט אויסגעזען העכער פאַר אים. דאַר, אונטערגעבויגן, לאַנגע אוירינגען, אונטערגעפאַרבטע באַקן.

— אַ ציגײַנערין, — האָט סאַלאַמיר שפּעטער געזאָגט.

ווען ער וואָלט זי דאָ געזען איינע אַליין וואָלט ער זי גאָרנישט דערקענט. ער האָט זיי ביידן געטראָפן בעטלען נדבות אויף דער אגד־סטאַנציע אין תּל־אָביב. ס'איז געווען נאָך אַ לאַנגן טאָג אַרומזוכן שיינע־רחלען אין יענער סביבה און ער האָט זיך געאײַלט כאַפּן דעם לעצטן אויטאָבוס וואָס איז אָפּגעגאַנגען צען דרײַסיק בײַ נאַכט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט קויפן אַ בילעט לעבן איינציקן קאַסע־פענצטערל וואָס איז נאָך געבליבן אָפן, האָט ער זיי געזען. די סטאַנציע איז שוין געווען כמעט פּוסט. דאָ און דאָרטן האָט זיך ווער פאַרבײַגעאײַלט און אַרײַן אין אַ האַלב פינצטערן אונטערערדישן דורכגאַנג. דער פאַרקויפער פון צײַטונגען און זשורנאַלן האָט שוין אײַנגעפּאַקט זײַן סחורה. אַ בייזער זקן האָט געקערט דאָס מיסט מיט אַ ברייטער צעריבענער באַרשט איבערלאָזנדיק קערטלעך און אויסגענוצטע בילעטן צוגעטראָטן צום קלעפּיקן בעטאָן. פון אַן אויסגעצויגענער שוואַרצער גומענער קישקע האָט אַרויסגערונען אַ שטראָמל וואַסער. דער גערוך פון

השתנה האָט געשלאָגן נאָך שטאַרקער ווי בײַ טאָג. די בעטלערין איז געזעסן מיט אויסגעצויגענע פיס אויף אַן אונטערגעשפּרייטן קאַרטאָן און געשאָקלט שלעפּעריק די פּושקע מיט מטבעות. יהושע רימער איז געשטאַנען איבער איר מיט אַן עלנבויגן אָנגעשפּאַרט אין זײַל און אַרײַנגעזונגען אין איר אויער:

כלה, כלה, מזל־טוב
דער חתן איז אַן אבן־טוב.

— איז ווען וועט מען טרינקען לחיים? — האָט סאָלאָמיר אים איצט געפרעגט.

רימער און זײַן באַגלייטערין האָבן זיך נישט געשפּירט בניחה צווישן די געסט. זיי האָבן זיך געהאַלטן אָן אַ זײַט, געקוקט איבער די אַקסלען מיט חשד, אויסגעמיטן אַ גלײַכן בליק און געווען קאַרג אויפן וואָרט. סאָלאָמיר האָט זיי באַגלייט צו דער וועראַנדע זיי זאָלן זיך מיט עפּעס מכבד זײַן. רימער האָט אויסגעזאָגט דער בעטלערין וועגן זײַן אָפּגעשפּאַרט געלט. די באַנק־קבלה וואָס ער האָט איר געוויזן האָט נישט געמאַכט אויף איר קיין רושם, האָט ער זי אָהערגעבראַכט טאָמער וועט הלוי דאָ זײַן, וועט ער אים אַ פרעג טאָן וועגן דעם זי זאָל הערן דעם ווערט פון די פּאַפּירן. אַז אין באַנק אַרײַן איז אים נישט אויסגעקומען אַרײַנצופאַלן. מען איז געווען צו פיל פאַריאָגט מיט פּרנסה. דרײַ טעג אויפן בית־עולם, די רעשט וואָך אין תל־אָביב.

— און וואָס איז מיט דער אַסטמע? — האָט סאָלאָמיר געפרעגט.

רימער האָט געזוכט עפּעס וואָס טועם צו זײַן. ער האָט געמאַכט אַ שטילע ברכה און פאַרביסן אַ קיכל. ווי ער וואָלט נישט געהערט וואָס מען האָט אים געפרעגט האָט ער געקײַט פּאַמעלעך, פאַרקוקט אין ערגעץ נישט און נאָכגעטראַכט דעם טעם פונעם מאכל. זײַנע אויערן זענען געווען באַוואַקסן מיט האָר. צום סוף האָט ער געזאָגט:

— ס׳כאַפּט מיך אַ מאָל אָן, גיב איך זיך אַ פאַרקײַך.

*

אין קרײַז פון צווישן די זײַלן האָט זיך געהערט לודוויג קוטאַפּס געלעכטער. ער האָט אויפגעלאַכט ווען שושנה ציפּורי האָט אים געזאָגט, אַז ער איז

נאָך אַ מאַן צום האָבן און מען קען זיך אין אים פאַרליבן. זי וואָלט זיך געקניפּט אין די באַקן ס'זאָל ווי טאָן, אַזוי האָט זי חרטה געהאַט אויף דעם וואָס זי האָט אין אָנהייב נישט געוואָלט אַרײַננעמען צו זיך די קוטאַפּס אויף אומזיסטע קעסט. נישט וואָס זיי זענען געקומען צו איר אין גאַנצן אָן אַ פּרוטה. זיי האָבן עפּעס אָפּגענומען פאַר באַפרײַען זייער דירה און מען האָט פאַרקויפט אַ ביסל צירונג, צוזאַמען מיט דער פּענסיע און ביטוח־לאומי האָט געסטײַעט צו דעקן די הוצאות אויף די ערשטע חדשים. אַחוץ דעם איז נישט אַריבער אַ חודש און ערנעסטינאַ קוטאַף האָט אויסגעפונען ווו חיים ציפּורי האָט באַהאַלטן אַ שפּאָרן חלק פון איבעריקן געלט וואָס שושנה האָט שוין געהאַט אויפגעגעבן ווי פאַרפאַלן.

סאַלאַמיר האָט געדאַנקט זײַנע בעל־הבתים, די ציפּוריס, פאַרן סורפּריז. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך אַ מאַלצײַט פאַר די געסט. אַחמעד נעאַראַני האָט געהאָלפן זייער שאַפער אַראָפּטראָגן פון טענדער און אויפשטעלן אין הויף די געבראַכטע פעלדטישן. צוויי סאַרווערינס אין ווײַסע פאַרטעכער מיט שפּיצלעך איבער זייערע שבתדיקע קליידער, מיט פאַפּירענע אָנגע־שטײַפטע שטערנטיכלעך אויף די קעפּ, האָבן זיך געפּאַרעט מיט די כלים, מיטן עסן. סאַלאַמיר האָט פאַרענדיקט די שמירה אין מושב־זקנים און זיי האָבן אָפּגעשאַצט זײַן אַרבעט. ס'האָט אים זייער געריהרט און ס'האָט צו ביסלעך פאַרגלעט דעם עגמת־נפש וואָס סילווערס מודעה אין דער צײַטונג האָט אים פאַרשאַפט. די מחשבה אַז די הײַזער וועלן פאַרקויפט ווערן און ס'וועט נישט בלײַבן קיין זכר פון אַ זקן אין דער געגנט האָט אים באַגלייט די גאַנצע צײַט און אים נישט געלאָזט אָנשטעלן פאַר די געסט אַ פריילעך פּנים. ס'איז נישט געווען היימלעך צו הערן אינעם טאָג ווען ער האָט געעפנט דעם מוזיי אַז מסתמא וועט ער אים מאַרגן, איבערמאָרגן, אין אַ וואָך אַרום דאַרפן פאַרמאַכן און ווידער נעמען דעם שטעקן אין דער האַנט און וואַנדערן נע־ונד. וווהין וועט ער זיך ציִען מיט דעם גאַנצן באַגאַזש? מען האָט נישט דערקענט אויף אים אַז ער איז געווען עפּעס באַזאָרגט און גוט וואָס קיינער פון די פאַרזאַמלטע האָט וועגן דעם נישט געהערט. גוט וואָס מען האָט צוגענומען בײַ נאָדלען די צײַטונג, ווער ווער וועט האָבן געדולד צו זײַנע רייד. ער האָט אים געזען זיצן מיט רייזלען אויף דער וועראַנדע נאָך אַלץ אויפן זעלבן פּלאַץ און נאָכקוקן די אָנקומענדיקע געסט.

— ס׳געפיל איז אזא, — האָט ער געזאָגט איידער מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן די ציפּוריס, און ער האָט דערציילט ווי אַזוי ער איז אין צפת געקומען הערן אַ רעדנער. ס׳האָט זיך פאַרזאַמלט אַן עולם גרעסער ווי מען האָט אויסגערעכנט און די סדרנים האָבן אַריינגעבראַכט דורך דער הינטערטיר נאָך בענק צו זיצן. דערווײַלע האָט מען געמאָלדן אַז דער רעדנער וועט נישט קומען און דער רעפעראַט איז אָפּגערופן. די סדרנים אין הויף האָבן דאָס נישט געהערט. זיי האָבן זיך גערוגזט, געקרימט, זיך געוואָרפן וואָס מען האָט זיי פאַרשאַפט אַזוי פיל אַרבעט, נישט געזען אַז אין אַנהייב זאַל האָט מען זיך שוין אָנגעהויבן צעגיין און — ווײַטער געשלעפּט בענק פון הויף.

— אבל זה לא חשוב, — האָט ער געזאָגט און געדריקט חיים ציפּוריס געזינטערע האַנט. חיים ציפּורי האָט איבערגעוואָרט די דאַנקרייד און שבחים און ממשיך געווען זײַן איבערגעריסענעם שמועס. זײַן ווײַב האָט זיך געמעגט דערקלערן אין ליבע, האָט ער געזאָגט, אים האָט עס שוין מער נישט געאַרט. ער איז שוין מער נישט געווען דער אייפערזיכטיקער מאַן און דאָס געפיל פון קנאה האָט שוין געהערט צום הבל־הבלים פון לעבן. אויך ערנעסטינאַ, וועט לויט זײַן אײַנזען נישט מקנא זײַן ווײַל פון זינט ער האָט זי געקענט, נאָך פון די טעג ווען ער איז געלעגן אין שפּיטאָל, האָט זי אויסגעשענקט איר גאַנצע ליבע דעם שוואַרצן קעצל מיט וועלכן זי האָט זיך גאַרנישט צעשיידט און אויך אַהערגעבראַכט מיט זיך אין אירע אָרעמס. ס׳בייזע באַשעפעניש האָט אים פריִער צעדראַפּעט די האַנט. אויף סאַלאַמירן האָט עס געשפּיגן ווען ער האָט איצט אַ גלעט געטאָן די פעל. ערנעסטינאַ האָט אויפגעהויבן ס׳קעצל אין דער הייך און אָנגעוויזן אויפן צעביסענעם אויער. ס׳איז פאַרבליבן בייז און ווילד, ווײַל ס׳האָט זיך געהאַדעוועט צווישן שטשורעס. יינגלעך האָבן עס געקאַפּעט ווי אַ באַלעם, האָט זי עס אַרײַנגענומען צו זיך.

— זי איז געראָטן אין מײַן פעטער דעם טאָלסטאָיאַנער, — האָט קוטאָף געלאַכט.

די מעשה וועגן פעטער האָט ער דערנאָך אַרײַנגערעדט אין רעקאָרדער, ווײַל סאַלאַמיר האָט געזאַמלט געשיכטעס צו באַשרײַבן דאָס לעבן פון מענטשן. פון דאָרטן, פון רעקאָרדער, האָב איך געהערט די געשיכטע ווי

אַזוי ערנעסטינאַ קוטאַף האָט אויסגעפונען אַ חלק פון פאַרשטעקטן געלט. שושנה האָט איר דערציילט וועגן איר מאַנס אייגנשאַפטן צו באַהאַלטן געלט אין פאַרשיידענע נאָרעס. זיי זענען זיך געוואָרן אמתע חברטאָרינס און זיך אויסגעזאָגט סודות. ערנעסטינאַ האָט איר דערציילט, אַז קוטאַפס זיידע איז געווען אַ דײַטש און שושנה האָט איר געוויזן דעם נומער פון טויטן־לאַגער אויף איר אָרעם. זי האָט זיך מער נישט גערירט אָן ערנעסטינאַן און זיך מישב געווען מיט איר וועגן שטובזאַכן און וועגן דער ווירטשאַפט. ערנעסטינאַס עצות האָט מען געשפּירט אויף אַזאַ אופן, ווי מען וואָלט זיך צו זיי אַליין דערטראַכט. זי האָט אײַנגענומען אַ בייזן זקן, אויסגעגלײַכט אַ קרומען בליק, געטרייסט אַ מענטש אין אַן עת־צרה. מען האָט זיך ווינציקער געקריגט אין מושב־זקנים. אַזאַ איידלקײַט, האָט שושנה ציפּורי געזאָגט אויף איר, האָט זי גאָרנישט געפונען צווישן ייִדן.

אין אַ רעגנדיקן טאָג, ווען ציפּורי איז אַרויס פון שטוב צו גיין אין אַ קאַנצעלאַריע זיך משתּדל זײַן וועגן העכערן דעם פּראָצענט פון זײַן מום, האָט ערנעסטינאַ צוגערופן שושנהן צום פענצטער זי זאָל אַ קוק טאָן אויף איר מאַן און זאָגן, אויב זי האָט באַמערקט אויף אים עפּעס נישט געוויינלעכס. שושנה האָט געקוקט אויף אים ביז ער איז אַראָפּ פון די טרעפּ און פאַר־שווונדן געוואָרן פון איר בליק, אָבער עפּעס ספּעציעלעס אויף אים וואָס זאָל זיך וואַרפן אין די אויגן האָט זי נישט באַמערקט. ערנעסטינאַ האָט געמיינט, אַז זײַנע אַקסלען האָבן איר אויסגעזען צו הויך ווײַל זיי זענען תּמיד געווען נידעריק און אַראָפּגעלאָזט. שושנה האָט אין דער רגע נישט געזען פאַר זיך צו קלאָר איר מאַנס אַקסלען. זי האָט געזען ווי ער האָט אָנגעהאַנגען דעם שטעקן מיט דער געבויגענער גאַלקע אויפן פאָרענטש און פאַרשנאַלט דעם פּאַסיק פון גראַנאַטענעם רעגן־מאַנטל, אַ מלבוש וואָס ער האָט זעלטן געניצט; זי האָט געזען זײַן שטײַפן קאַרק, דעם פוס וואָס ער האָט נאָכ־געשלעפּט. ווי אומזיכער ער האָט צוריק אויסגעשטרעקט די האַנט נאָכן שטעקן! פון די טרעפּ האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט זײַטיק. צו ערשט דער שטעקן, נאָך דעם איין פוס, נאָך דעם אַ צווייטער. ווי אַ האַלבער בר־מינן האָט ער אויסגעזען אין אירע אויגן דורך דער פאַררעגנטער שויב. ס׳איז איר נישט אײַנגעפאַלן צו קוקן אויף זײַנע אַקסלען.

דעם פרימאָרגן ביז ציפּורי איז צוריקגעקומען זענען זאַכן געפאַלן פון

אירע הענט. זי האָט זיך געקרימט ווי מען האָט נישט באַדאַרפט, געשריגן דורכן טעלעפאָן, באַליידיקט אַ קעכין, זיך באַדאַרפט דערמאָנען וואָס זי האָט אַ מינוט פריִער גערעכנט צו טאָן. אַ מאָל איז ער געווען אַזאַ ברייטער, אַ פאַצעט. אַז מען האָט באַדאַרפט האָט ער אונטערגעהויבן אויף די הענט אַ קראַנקען ביז מען האָט איבערגעביטן דאָס בעטגעוואַנט. אים געוואַשן און זיך נישט געמיאוסט. זי וואָלט געקענט עפּעס דערציילען וועגן אים. ווען זי וואָלט נישט געווען אַזוי פאַריאָגט וואָלט זי זי זיך אַנידערגעזעצט רחמנות האָבן אויף זיך אַליין. וואַרטנדיק דעם פרימאָרגן אויף זײַן צוריק־קומען האָט זי געפרעגט ערנעסטינאַן וואָס זי האָט זיך עפּעס פאַרקוקט אויף ציפּוריס אַקסלען.

ווען וואָלט אײַנגעפאַלן אַז ער האָט זיי אונטערגעבעט מיט געלט?

בײַ נאַכט ווען דער מושב־זקנים איז שוין געשלאָפן און דער בנין איז געשטאַנען שטיל און פינצטער, אַחוץ עפּעס אַ לעמפּל וואָס האָט געלויכטן פאַרנט בײַם אַרײַנגאַנג, האָבן זיי ביידע, שושנה און ערנעסטינאַ, זיך אַרײַנ־געשאַרט אין קיך ווי סאָלאָמיר האָט זופנדיק טיי געבלעטערט פאַרדרעמלט אַ דײַטשן זשורנאַל מיט קאָלירטע אילוסטראַציעס. ער האָט אויך זיי אַנגעגאָסן טיי און נאָך דעם האָט מען אויסגעשפּרייט דעם גראַנאַטענעם מאַנטל אויפן ברייטן קיכטיש. מען האָט אים גוט אויסגעטאַפּט, אויפגעטרענט בלויז עטלעכע נעט אַרום די אַקסלען, געגנוג אויף אַרויסצוציען מיט צוויי פינגער איין באַנקנאָט נאָכן צווייטן. גאָט צו דאַנקען, שווייצאַריש געלט. ישׂראלדיקע וואַלוטע וואָלט נישט געטויגט. סע פאַלט אין ווערט כּמעט מיט איטלעכן טאָג. מען האָט איבערגעציילט, פאַרשריבן די סומע, צוריק אַרײַנגעשטופּט און פאַרנייט די נעט, חיים ציפּורי זאָל נישט דערקענען אַז מען האָט דעם מאַנטל אָנגערירט.

שושנה האָט נאָך דעם אויסגעטאַפּט אַלע זײַנע בגדים. ס'האָט געפעלט נאָך איין פּערטל צו דער סומע וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך ווען ער איז געפאַלן אויפן וועג אין באַנק אַרײַן. ווי נאָר אַ בגד איז אַרײַן אין אירע הענט האָט זי עס אויסגעטאַפּט. ס'איז שיִער נישט געוואָרן אַ חלאת. אויף וויפל זי האָט זיך געקענט דערמאָנען, איז עס גאָרנישט געווען זײַן טבע צו באַהאַלטן געלט אין קליידער. איצטער האָט זי שוין פון מאָל צו מאָל פאַרהאַלטן איר בליק אויף זײַנע אַקסלען. זיי האָבן טאַקע אויסגעזען העכער,

ווען ער האָט אַנגעטאָן דעם רעגן־מאַנטל און זיך אַרויסגעלאָזט פון שטוב. ער זאָל נאָר נישט ווידער אַוועקפאַלן אויפן וועג, האָט זי נאָכגעטראַכט, און געוואַרט אומגעדולדיק אויף זײַן צוריקקומען. זי האָט אויך אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם וואָס ערנעסטינאַ האָט איר געזאָגט. פֿריִער האָט זי קיין צײַט ניט געהאַט צו טראַכטן. זי איז אַרומגעגאַנגען און געדאַגהט, געזאָרגט, זיך געיִישובט, געספקט, באַשליסן עפּעס אָדער נישט באַשליסן, אָבער סתּם אַזוי פֿאַרקלערט זײַן איז נישט געווען אין איר טבע. ערנעסטינאַן האָט זי געפרעגט, ווי קומט עס ער זאָל פּרעדיקן אַ סקראַמנע לעבן און פון דער צווייטער זײַט זיך אַרומטראָגן מיט געלט פֿאַרנייט אין נעט פון מאַנטלען. ערנעסטינאַ האָט געקוקט אויף איר מיט אירע גרינע אויגן וואָס זענען פֿאַרליבן פריש און ליכטיק און גאַרנישט אָפּגעניצט. אַזוי האָט זי אויסגעזען עלטער פאַר קוטאָפן. איר רוקן איז געווען אַנגעבויגן, איר קאָפּ ווײַס, איר הויט שיטער מיט גרוי־ברוינלעכע פלעקן. פון אַ פאַלב אין איר רעכטער באַק, אַ חן־גריבל פון העט־העט, זענען אַרויסגעוואַקסן עטלעכע שטײַפע אומהאָר. ערנעסטינאַ האָט גערעדט צו איר וועגן די תּהומען אין דער נשמה פון אַ מענטש און אַז עס זענען נישטאָ קיין בריקן פון איין תּהום צום אַנדערן. שושנה האָט עס פאַרטײַטשט אויף איר אייגן לשון. איין האַנט ווייסט נישט וואָס די צווייטע טוט.

דאָ, אינעם קרײַז פון די זײַלן, האָט זי געקוקט אויף איר מאַן וואָס האָט זיך עפּעס צערעדט וועגן קינאה און אייפערזוכט. ער האָט נישט אויסגעזען צו גוט אין אירע אויגן. דער קאַרק זײַנער איז געוואָרן שטײַפער און ער האָט זיך געדרייט מיט גאַנצן גוף אויף אַ קוק צו טאָן אין אַ זײַט. פריִער האָט ער אין מיטן רעדן פאַרקוועטשט די אויגן און געשטאַנען אַזוי אפשר אַ מינוט ביז ער איז צוריק געקומען צו זיך. זי האָט עס שוין באַמערקט עטלעכע מאָל. ווי אַ פינצטערניש וואָלט אים פּלוצעם באַפאַלן אָדער אַ ווייטיק. מען האָט אים אַרויסגעגעבן אַ דאָקומענט אַז ער איז געוואָרן אַ בעל־מום אויף הונדערט פּראָצענט. דערפאַר האָט מען נישט געוואַרט, פאַרקויפט דעם אַלטן אויטאָ און געקויפט אויף זײַן נאָמען אַ נײַעם, אַ גרויסן, אָן צו באַצאָלן אַ פּרוטה שטײַערן. ס'האָט באַטראָפן אַ גרויסן אונטער־שייד. מען האָט גאָרנישט באַדאַרפט צולייגן. פאַרן געלט פון אַלטן פאָרד האָט מען באַקומען דעם נײַעם פון ענגלאַנד. מען האָט זיך אײַנגעבראַנגט

אַ שיינע סומע. אָבער ער האָט שוין מער נישט געקענט אַרבעטן. אַפילו אַ בענקל אַריבערטראָגן איז אים געווען צו שווער. ער האָט געהאַט געגוג צײַט צו שפּילן מיט קוטאָפן שאָך פון אויסגווייניק. צו מאָל איז דאָרטן בײַגעזעסן אַ קיבעצער. יענער האָט אויך חשק געהאַט זיך אויסלערנען אויסהאַלטן ווייטיק. ס'שטאַרבן האָט זיי אַזוי נישט געאַרט, אַבי ס'זאָל נישט ווײ טאָן. דאָס שפּילן האָט ציפּורין פאַרמאַטערט אָבער ער האָט געטענהט, אַז עס פרישט אים אָפּ. אַזאַ מידקייט וואָס דערפרישט די כּוחות. ער האָט עס אַזוי פאַרטײַטשט, אַז די גאַנצע קונץ איז באַשטאַנען אין דעם ווי אַזוי צו פאַרטרײַבן פון קאָפּ איבעריקע נאַרישקייטן און האַלטן אויפן זינען די פּאָזיציעס פון די צוויי און דרײַסיק שטוקעס.

ווו ער האָט באַהאַלטן דאָס איבעריקע געלט האָט ער נישט אויסגעזאָגט. שושנה האָט געפּרוווט מיט דער הילף פון רוס דערגיין עפּעס אַ רמז. ציפּורי האָט געטענהט, אַז ער האָט אויך געקויפט קב״א־פּאַפּירן. אַלע זענען מטורף געוואָרן אויף קענאַרד בערנזאָן, מען האָט פאַרקויפט דירות, יאַטקעס, צירונג, איז ער אויך פאַרכאַפּט געוואָרן פון משוגעת און געקויפט קב״א־אַקציעס. אָבער נישט בײַ אונדז אין באַנק. הלוי האָט געעצהט שושנהן אַ זוך טאָן אין שטוב אפשר וועט זי געפינען אַ קוויטל מיט עטלעכע ציפערן. בענק האָבן געעפנט געהיימע חשבונות אויב אַ קליענט האָט נישט געוואָלט מען זאָל וויסן וואָס ער פאַרמאָגט. שושנה האָט יאָ געזוכט און נישט געזוכט. דאָס מאָל איז זי געווען אין אַ ספק אויב ער זאָגט דעם אמת.

— אפשר טרײַבט ער גאָר חוזק, — האָט זי געזאָגט.

*

דבורה האָט גערופן די געסט צו די טישן. ס'איז געווען דאָרט פון כּל־טוב. וואָס האָבן די ציפּוריס נישט אָנגעבראַכט! ס'האָט מסתּמא באַטראָפן אַ שפּאָר ביסל געלט. אויב זיי האָבן זיך געלאָזט קאָסטן אַזוי פיל איז עס סאָלאָמיר מסתּמא ווערט געווען אין זייערע אויגן. ער איז געשטיגן אין אירע און זי האָט אים מרמז געווען ער זאָל איר מוחל זײַן אויב זי האָט זיך פריִער אַרויסגעכאַפּט מיט אַן איבעריק וואָרט. זי איז מער נישט בייז געווען. די היץ האָט געווירקט אויף איר צום שלעכטן. איצט האָט זי די היץ נישט געאַרט און דאָס וואָרטן האָט זיך געלוינט.

סאַלאַמיר האָט באַגלייט דאָ איינעם, דאָ אַ צווייטן צו די טישן. אַנאַרכין איז אָנגעקומען ביַי צייַטנס צו דער סעודה און ער האָט אויך געבראַכט סאַלאַמירן אַ מתּנה. אַ געשאַנק פאַר דער ביבליאָטעק. זייַן קורצע געשיכטע פון צווי אַקציעס אויף דער בערזע אין תּל־אביב וואָס ער האָט געלאָזט אָפּדרוקן אין אַ קליינער צאָל עקזעמפּלאַרן צו פאַרטיילן צווישן פרייַנד. סאַלאַמיר האָט אַרייַנגעאָטעמט דעם ריח פון פּאַפּיר. ביכער האָבן אים תּמיד גערירט און ער איז זיך מודה געווען, אַז ווען נאָר ער האָט געהערט וועגן ווער־עמען וואָס האָט אָנגעשריבן אַ בוך האָט ער נישט געקענט דערשטיקן אין זיך אַ קנאה. ער אַליין האָט שוין פון לאַנג זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ באַגער אָנצושרייַבן זייַן לעבנס־געשיכטע. ער האָט שוין געהאַט דעם גאַנצן פּלאַן פאַרטיק אין קאָפּ. ער וועט אָנהייבן מיט אַ באַשרייַבונג פון זייַנע אָבות, די וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין דער שטאָט מיר און געהאָלפן אויפבויען פוילן. ער וועט באַשרייַבן זייער לעבנס־שטייגער, זייערע מינהגים. געווען צווישן זיי באַרימטע רבנים, סוחרים וואָס האָבן געהאַנדלט מיט דאַנציג. ער וועט אַרייַנגעבן עפּעס שלום־עליכמדיקס אין זייַן שרייַבן. שלום־עליכם איז געווען אַ קענער. אַ צווייטער צו אים איז גאָרנישט געבוירן געוואָרן. דערפאַר האָט ער זיך אַזוי פאַרליבט אין אים. נישט אויפגעהערט לייענען זייַנע ביכער. געזאַמלט זייַנע פּאָרטרעטן.

— און קענאַרד בערנזאָן ווערט דאָ דערמאָנט ? — האָט ער געפרעגט איבערמישנדיק די בלעטער. ער האָט זיך פאַרקוקט אויף אַ דיאַגראַמע, אויף די זיגזאַגדיקע ליניעס אַרויף און אַראָפּ.

אַנאַרכין האָט צוגעשיקט זייַן ווייַב צו די טישן ברענגען פון דאָרטן עסן. ווען ער האָט געאַרבעט אויף דער קורצער געשיכטע פון די צווי אַקציעס האָט ער נאָך דעמאָלט נישט געהאַלטן צו שטאַרק פון דער קב״א־געזעלשאַפט. ערשט לעצטנס האָט ער געביטן זייַן אויסבליק אויף קענאַרד בערנזאָנס פּאַפּירן. ס'איז געשען נאָך דעם ווי בערנזאָנס שליח איז געקומען קיין ישׂראל צוגרייטן די קאָנפערענץ. יענער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי דער מיניסטער אין דער סינגאַפּורער רעגירונג מיט וועלכן אַנאַרכין האָט אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געדאַוונט איטלעכן שבת אין דער זעלבער שול. ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט

האָט יענער אויפגעגעבן פּאָליטיק און געוואָרן קענאַרד בערנזאָנס הויפּט־יועץ אין אויסלענדישע פינאַנץ־ענינים.

דעם פרימאָרגן ווען אַנאַרכין האָט געהערט אין ראַדיאָ דערמאָנען דעם שליחס נאָמען און ער האָט שפּעטער אין אויטאָבוס געזען דאָס בילד אין צײַטונג, האָט ער אַרײַנקומענדיק אין באַנק אַריבערגערופן צו הלוין די גוטע נײַעס. נאָך שטייענדיק בײַ דער הינטערטיר, האָט ער געשריגן צו אונדזערע טישן, פאַרגעסנדיק אַז עס איז נישט געווען אָנגענומען אין באַנק צו שרײַען אָדער לאַכן אין די פרימאָרגנס. מען איז אַרײַנגעקומען מיט ערנסטע פּנימער, מיט פאַרנומענע בליקן, מיט אַ קאַרגן גוט־מאָרגן. אַ העכער קול האָט געמינערט דעם כּבוד פון דער אינסטיטוציע, אויך פון די באַאַמטע.

אַנאַרכין האָט יענעם טאָג שוין קיין סך נישט געאַרבעט. יעדער ווײַלע איז ער צוגעקומען צו אונדזערע טישן איבערגעבן עפּעס אַ דערמאָנונג פון יענע סינגאַפּורער צײַטן. ער האָט זיך פאַרבונדן מיטן שליח און באַנײַט די פרײַנדשאַפט. ער האָט נאָך דעם אויסגעמעקט אין זײַנע חשבונות אַלע אַנדערע אַקציעס און פאַרשריבן בלויז קב״א־פּאַפּירן. ער האָט עס געטאָן ווען די אַקציעס זענען געפאַלן און די ביכער האָבן באַלד נאָך דעם געוויזן גרויסע רווחים. פון דעם אַליין איז געווען צו לערנען, אַז נישט תּמיד האָט דער שׂכל געהאַט דאָס לעצטע וואָרט אויף דער בערזע. ער איז אַרײַן אַרבעטן אין אונדזער אָפּטייל אויף איבערצונעמען הלויס פּאָסטן ווען הלוי וועט איבערנעמען די קב״א־אָנפירערשאַפט אין לאַנד. ער האָט באַקומען אַ העכערע דרגא, אַ גרעסער געהאַלט. ער האָט צוגעשטעלט בעתן חתמענען זיך זײַן מיטלסטן נאָמען: בענעדיקט. ער האָט אויך מיר געשענקט אַ וואַזאָן מיט אַ קאַקטוס־בלימל.

סאַלאָמיר האָט נאָכגעקוקט אַנאַרכינס ווײַב, אַדעלאַ, ווי זי האָט זיך אָוועק־געקײַקלט, נידעריק, קײַלעכדיק צו די טישן נעמען עסן. ס׳רוב געסט האָבן זיך שוין דאָרטן פאַרזאַמלט.

— אַן אמתער אַריסטאָקראַט, — האָט ער געזאָגט וועגן אַנאַרכינס פרײַנד. ער האָט זיך אָנגעטראָפן מיט שליח לעבן כּותל־המערבי אויף בערנזאָנס חופּה. יענער האָט געמאַכט אויף אים אַ באַלדיקן רושם. הויך, ווײַס־באַזיל־בערט, פאַרפומירט, אַ גלאַטיק פּנים, אַ רויטלעכע נאָז, אויך דער קאַרק רויטלעך און צערונצלט. די אַריסטאָקראַטישקייט איז געלעגן אויף אים ווי

אַנגעמאָסטן. סאַלאַמיר האָט אַפילו אויפגענומען יענעמס קול. כ׳בין שטאָלץ צו זײַן אַ ייִד, האָט דער שליח אַרײַנגעשריגן אין רעקאָרדער. אַנאַרכין איז צוליבן שליח געווען דאָרטן דער סאַמע מחותן. צוזאַמען מיט הלוין האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט קענאַרד בערנזאָנס אַלטער מאַמען וועלכע איז מיטגעקומען קיין ישׂראל פירן איר זון צו דער חופּה. זי איז געווען דאַר און קליין און זיך געהאַלטן אין איין באַקלאָגן, אַז זי האָט שוין נישט קיין כּוח אויסצוהאַלטן פון איר זונס גוטסקייט. דאָרטן אין ברוקלין ווו זי האָט אָפּגעלעבט אַלע יאָרן, האָט זי געהאַט אירע באַקאַנטע און געוווּסט ווער אירע שכנים זענען. ס׳איז געווען מיט וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט. האָט זי דער זון אַראָפּגעבראַכט קיין שווייצאַריע און דער טומל פון דאָזיקן לאַנד איז נישט געווען פאַר אירע נערוון. ״God bless you, God bless you״ האָט זי אַרײַנגערעדט אין סאַלאַמירס רעקאָרדער.

אַדעלאַ איז צוריקגעקומען מיט צוויי טעלערס. אַן אָפּצוקאָפּן דעם אָטעם האָט זי אויסגערעכנט, וואָס פאַר אַ מאכלים זי האָט געזען אויף די טישן, וואָס זי האָט גענומען און וואָס זי האָט דאָרטן איבערגעלאָזט. אַזוי איז זי איין מאָל, ווען אַנאַרכין איז נישט געווען דעם טאָג בײַ דער אַרבעט, אַרײַנ־געקומען אין באַנק, אויסגעוואָרט איר ריי און זיצנדיק לעבן הלויס טיש אויסגערעכנט אָן אַן אָפּשטעל איר מאַנס נײַע חטאים. ער האָט געשיכּורט מיטן שליח אין שטוב. געזונגען גראָבע לידער. זי האָט געפונען פּאָרנאָ־גראַפישע בילדער. זינט דער שליח איז געקומען איז אַנאַרכין געוואָרן אויפגעלעבט און פריילעך. ער איז פריִער קיין לעביונג נישט געווען. געלעבט אַלע יאָרן שטיל און געלאַסן. ער האָט זיך געהאַט זײַן שאַך, זײַן קינאָ, זײַנע אַקציעס און ס׳איז געווען שלום־בית אין שטוב. חברן האָט ער זיך מיט קיינעם נישט געחברט.

איצט האָט זי אַרויפדערלאַנגט איר מאַן אַ טעלער מיט כּל־טוב און אין איר אייגענעם האָט זי מיט די שפּיצן פון צוויי פינגער אונטערגעהויבן אַן עק פון אַ פענעצל וווּרשט, זוכנדיק מיטן בליק וואָס טועם צו זײַן קודם.

— דער שליח איז נאָך דאָ אין לאַנד ? — האָט סאַלאַמיר געפרעגט.

זיי האָבן נישט געענטפערט. אַדעלאַס פּנים האָט זיך פאַרפינצטערט. אַנאַרכין האָט זיך פאַרקוקט אויפן עסן. די נידעריקע זון האָט באַשײַנט זײַן גאָלן קאָפּ מיט אַן אָפּגלאַנץ אויפן טעלער אין זײַן אויפגעהויבענער האַנט.

*

הלוי איז אַנגעקומען בײַם סוף פֿון דער סעודה. ער האָט זיך אַרויפֿגעשטעלט אויף דער טרונע אונטערן בוים און מודיע געווען אַז ער וועט וואַרפֿן געלט. ער האָט געשורשעט מיט אַ פּעקל באַנקנאָטן וואָס ער האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע און געוואָלט זען אויסגעשטרעקטע הענט צו כאַפּן דאָלאַרן. אויף קענאַרד בערנזאָן האָט עס געטאָן אויף דער קאָנפֿערענץ אין הילטאָן־האָטעל אין תּל־אָביב כּדי קלאָר צו מאַכן דעם באַגריף וועגן פֿאַלקס־קאַפּיטאַליזם, די פֿילאָסאָפֿיע פֿון דער קב״א־געזעלשאַפֿט. דער עולם איז נאָך געווען צעשפּרייט איבערן הויף מיט די טעלער אין די הענט. מ׳איז געזעסן און געשטאַנען ווו נאָר עס האָט זיך געלאָזט. אויף ברונעמשטיינער, בלומענטעפּ, לעבן מצבֿות, סקולפּטורן; און רײמאַנדאַ האָט זיי אַלע צונויפֿגערופֿן אונטערן בוים. ביז מען האָט זיך דערנעענטערט האָט הלוי געפֿרעגט די, וועלכע זענען שוין געשטאַנען אַרום אים צי זיי האָבן זיך ווען עס איז אַנגעטראָפֿן אויף אַ מענטש וואָס האָט נישט באַגערט דעם דאָלאַר. ער אַליין האָט נאָך אַזאַ איינעם נישט באַגעגנט און ער האָט דערציילט אַ פֿאַל, וואָס איז זיך מיט אים פֿאַרלאָפֿן: ער האָט אײַנגעזען, אַז מענטשן באַגערן געלט צו יעדער צײַט, צו יעדער שעה אַפֿילו, מען זאָל זיי אויפֿוועקן פֿון שלאָף אין מיטן דער נאַכט. ס׳איז זיך פֿאַרלאָפֿן אין בנין ווו ער האָט געוווינט, אין שותּפֿות־דיקן הויז. מען האָט זיך איבערגעוועקט פֿון דעם ליאַרעם צוליב דער גנבֿה אין מיטן דער נאַכט. ס׳האָט שוין געמוזט זײַן צווישן צוויי און דרײַ פֿאַר טאָג ווען ער איז אַרויס פֿון שטוב אַ קוק טאָן אין דרויסן וואָס איז געשען. פֿאַרנט פֿאַרן הויז זענען שוין שכנים געשטאַנען אין פּיזשאַמעס, אין נאַכט־העמדער און אַ פּאָליציאַנט האָט פֿאַרשריבן פּרטים און גענומען עדות. ווען מעט האָט אים דערזען און דער פּאָליציאַנט האָט געהערט מיט וואָס ער פֿאַרנעמט זיך, האָט מען פֿאַרגעסן אין גנבֿ, אין דער גנבֿה, אין פֿריִערדיקן ליאַרעם און מען האָט זיך צונויפֿגעדרענגט ענגער אַרום הלוין הערן אַ גוטע עצה וועגן פֿאַרדינען געלט אויף דער בערזע.

איצט, ווען אַלע האָבן זיך שוין געהאַט פֿאַרזאַמלט אונטערן בוים האָט הלוי געוואָרפֿן די באַנקנאָטן איבער די קעפּ און מען האָט זיך געשטופּט מיט אויסגעשטרעקטע הענט צו כאַפּן וואָס מער געלט. אָבער אַלע דאָלאַרן

זענען צוריק אַרײַנגעפאַלן אין הלויס האַנט אַרײַן. Yes, everybody watns the dollar — האָט ער אויסגערופן אויף ענגליש און זיך אונטערגעהויבן אויף די שפּיץ פינגער : but there are strings attached to it. ער האָט געוויזן אַז זײַנע באַנקנאָטן זענען געווען צוגעבונדן מיט דינע שנירלעך צו זײַן קעשענע און אַז דאָס ענגלישע ווערטל האָט אויסגעדריקט אויף איין פוס די גאַנצע תּורה פון דער קב״א־געזעלשאַפט.

ווען די געסט האָבן זיך אַ ביסל אײַנגעשטילט האָט וועגער זיך צוגעשטופּט צו הלוין, אויסגעשטרעקט די בריוו פון די צדקה־אינסטיטוציעס און פאַר־לאַנגט ער זאָל אויפן אָרט מודה זײַן, אַז ער איז באַגאַנגען אַ פעלער און זיך אַנטשולדיקן פאַר אָנרופן ערלעכע מענטשן מיט געמיינע צונעמען. הלוי האָט גענומען די בריוו, געפאַכעט די בויגנס אַזוי ווי פריער די דאָלאַרן, אויסגערופן פאַר אַלעמען וואָס וועגער האָט פאַרלאַנגט, מען זאָל וויסן אין וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט און אָנגערופן די צדקה־אַנשטאַלטן מיט נאָך ערגערע נעמען. אויב הלוי האָט פריִער זיך געקווענקלט צי ער זאָל נעמען די בריוו בײַ וועגערן האָט ער זיי איצט נישט געוואָלט צוריקגעבן און זיי זענען געוואָרן עדות אויף נײַע חברותות, קליינע פירמעלעך וואָס האָבן זיך לעצטנס געמערט ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן, אויסגעניצט די קאָניונקטור אין לאַנד, זיך מיטגעכאַפּט מיט קענאַרד בערנזאָנס הצלחה, זיך אָנגערופן מיט ענלעכע נעמען ווי די קב״א געזעלשאַפט, זיך דערקלערט פאַר מומחים אויף דער בערזע, צוגעזאָגט מענטשן גליק און אויסגענאַרט זייער געלט.

הלוי האָט פאַרגליכן קענאַרד בערנזאָנען צו אַ וואַלפיש און די חברותות צו קליינע פישלעך וואָס שווימען אַרום אין ים און כאַפּן שיריים פון זײַן מויל. זייערע אַגענטן זענען געגאַנגען איבער די הײַזער און אָפּגענאַרט תּמימותדיקע מענטשן. זיי זענען אויך געקומען צו הלוין אין שטוב אַרײַן. אַן אַגענט האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און פאַרקויפט זײַן ווײַב, דניאלה, אַקציעס מיטן נאָמען קב״ד. זי האָט אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט, געחתמעט וועקסלען. ווען ער איז אַהיימגעקומען אין אָוונט האָט זי זיך באַרימט פאַר אים אַז זי האָט אײַנגעקויפט קב״א־פּאַפּירן ביליקער ווי אין באַנק, ממש מציאות און אויף ראַטעס דערצו. ביז זי וועט אויסצאָלן דעם חוב וועט שוין דער פּראָצענט זײַן גרעסער ווי דער קרן. אומזיסט האָט ער איר אויפגעוויזן

דעם אונטערשייד צווישן קב״א און קב״ד, ס'האָט זיך איר נישט צוגעגלייבט אַז מען האָט זי אָפּגענאַרט.

הלוי האָט נישט דערציילט וועגן זײַן קריגערײַ מיטן ווײַב, וואָס זי האָט אים פאַרגעוואָרפן אַז פון אַלע זײַנע אַרומלויפענישן, פון אַלע זײַנע עצות וואָס ער האָט געגעבן אַנדערע מענטשן, האָט זי נישט באַמערקט ס'זאָל זיך וואַלגערן אַן איבעריקע פרוטה אין שטוב. אַנדערע האָט ער רײַך געמאַכט, זיך אַליין האָט ער נישט געהאָט אין זינען. וואָס דניאלה האָט נישט געוואָלט אויסהערן האָט ער איצט געלאָזט הערן די פאַרזאַמלטע לעבן זיך אונטערן בוים, אַז די אַלע נאָכמאַכערס און אימיטאַטאָרס וועלן אונטערגיין און די קב״א־געזעלשאַפט וועט באַשטיין. ס'איז אמת געוועזן אַז קענאַרד בערנזאָן האָט געהאַט שׂונאים, ווײַל יעדע הצלחה רופט אַרויס קינאה, און די שׂונאים האָבן אויסגעטראַכט אויף אים בילבולים: אַז ער האָט געפעלשט דאָקומענטן און גורם געווען דעם באַנקראָט פון אַ באַקאַנטער באַנק אין פראַנקרײַך; אַז ער האָט פאַרגוואַלדיקט אַ מינערײַעריק מיידל; אַז אין עסטרײַך האָט געוואָרט אויף אים אַ תּפיסה־אורטייל און אין ענגלישן פּאַרלאַ־מענט האָט מען דערמאָנט זײַנע פינאַנציעלע אינטריגעס; צוליב דעם זענען די אַקציעס געפאַלן. אָבער דער פאַקט וואָס זיי האָבן זיך גלײַך צוריק געהויבן און נאָך געשטיגן העכער ווי זייער קורס איז פריִער געשטאַנען, איז אַ סימן אַז די אַלע קלאַנגען זענען פאַלש און אויסגעטראַכט און דער אמת איז אַרויס ווי בוימל אויפן וואַסער. און הלוי האָט אויסגעשריגן אַזוי ווי בערנזאָן האָט עס געטאָן אויף דער קאָנפערענץ אין הילטאָן־האָטעל אין תּל־אָביב:

— הוראַ פאַר די קב״א־אַקציעס! זיי וועלן שטײַגן העכער און נאָך העכער!

ער האָט אָפּגעאָטעמט אַ רגע, צוריקגעגעבן וועגערן די בריוו און גערופן דעם געוועזענעם מוזיק־לערער, מרדכי מאָרגענשטערן, יענער זאָל זיך אַרויפשטעלן לעבן אים אויף דער טרונע און עפענען דעם פּלאַקאַט, וועט מען אָנזאָגן פאַר די וועלכע האָבן שוין אײַנגעקויפט קב״א־פּאַפּירן אַ גאָר גוטע בשׂורה.

מאָרגענשטערן האָט זיך צוגעשטופּט צו הלוין. ער האָט אויסגעזען גאָר

אַנדערש ווי אין שפּיטאָל. איצט איז ער געווען אָנגעטאָן זייער עלעגאַנט. אַ טונקעלער אָנצוג, אַ מיידלשע בלוזקע, לאַקירטע לאַטשן. ווען ער איז געזונט געוואָרן האָט ער איבערגעוויזן צו אונדז זײַנע חשבונות און געוואָרן הלויס אַ מענטש. ער איז אָפּגעזעסן גאַנצע טעג אין באַנק פֿאַרשנדיק דעם קורס פֿון בערנזאָנס אַקציעס און געווי.ן די נײַסטע בילדער וואָס ער האָט אויסגעשניטן פֿון די צײַטונגען, ווו בערנזאָן האָט אַלץ אָנגעשפּאַרט, מיט וועמען אין דער וועלט ער האָט זיך געטראָפֿן און אויך אַנדערע אינפֿאָר־מאַציעס אין דער פּרעסע וועגן דער קב״א־געזעלשאַפֿט. ער האָט געהאַט אַ גאַנצע קאָלעקציע. ער האָט אויסגעפֿונען ענלעכע ביאָגראַפֿישע שטריכן צווישן זיך און קענאַרד בערנזאָן.ביידע זענען זיי פֿרי פֿאַריתומט געוואָרן, געליטן דחקות אין זייער יוגנט און זיך געהאָדעוועט אין דער פֿרעמד.

מאָרגנשטערן האָט אויפֿגעוויקלט דעם פּלאַקאַט אויף וועלכן עס האָט זיך באַוויזן אַ מאַפּע מיט אַן אויפֿשריפֿט און הלוי האָט איבערגעגעבן וועגן דעם אָפּמאַך וואָס קענאַרד בערנזאָן האָט געשלאָסן מיט די ממשלות פֿון דער ׳דריטער וועלט׳, אַ קאָנטראַקט אין די שווערע מיליאָנען וואָס וועט אַרויס־רופֿן אַ שטאַרקן נאָכפֿרעג אויף די קב״א־פּאַפּירן און משפּיע זײַן זייער קורס זאָל זיך הייבן אויף די בערזעס אין דער וועלט. אונטערן אויפֿשריפֿט: דער גרויסער פֿרײַנד פֿון אַפֿריקע — האָט זיך אָנגעוויזן אויפֿן פּלאַקאַט ווי קענאַרד בערנזאָן איז געשטאַנען מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט צום שוואַרצן קאָנטינענט.

ווען ס׳איז טונקל געוואָרן האָט מען אָנגעצונדן די לעמפּלעך אין דרויסן, אַרויפֿגעצויגן אויף דראָטן איבערן גאַנצן הויף, און געעפֿנט דעם צריף. דרײַ צימערן זענען געשטאַנען אָפֿן. מיט בילדער, מיט ביכער, מיט קונסטווערק. שופֿרות, מנורות, בשׂמים־ביקסלעך, מזוזות, אַ פּאָרטרעט פֿון בנימין־זאב טעאָדאָר הערצל, צוויי ספֿרי־תּורה־מענטעלעך, אַן אַלטע כּתובה אין לאַטײַנישע אותיות אײַנגערעמט אונטער גלאָז. די בילדער זענען געווען בלויז שלום־עליכם־פּאָרטרעטן פֿון אַלע תּקופֿות אין זײַן לעבן. פֿון וויג ביז צום קבר, ווי סאָלאָמיר האָט עס דערקלערט אין זײַן רעדע. אָבער זיי זענען נישט געווען צעהאָנגען לויט אַ כראָנאָלאָגישן סדר. בײַם אַרײַנקומען, אויף דער וואַנט קעגן איבער דער טיר, איז געהאָנגען אַ גרויסער פּאָרטרעט, שלום־עליכם אויפֿן טויטנבעט. באַלד נאָך דעם, אַ בילד ווײַטער, האָט זיך

שלום־עליכם שפּאַצירט אין קאַרלסבאַד מיט אַ טעפּל צו טרינקען קוואַל־וואַסער אָנגעהאָנגען אויף אַ קייטל איבער דער וועסט.

ס'איז געטאָן געוואָרן מיט דער כּוונה זיי זאָלן אילוסטרירן סאָלאָמירס מחשבות וועגן לעבן. ער האָט זײַן רעדע אָנגעהויבן מיט אַ שאלה: צי איז שלום־עליכם אויף אַן אמת טויט? און צי זענען די באַגריפן פון לעבן און טויט נישט מער ווי צוויי זײַטן פון דער זעלבער מטבע? ער האָט גערעדט אין דרויסן ווײַל אינעווייניק אין צריף איז געווען צו הייס און ס'איז אויך נישט געווען גענוג פּלאַץ פאַר אַלע געסט. אויך פאַר די בילדער איז נישט געווען גענוג פּלאַץ אויף די ווענט. דבורהן האָט נישט געאַרט ס'זאָל זײַן ווייניקער מיט אַ פּאָרטרעט אָבער סאָלאָמירן האָט דאָס האַרץ נישט געלאָזט איבערלאָזן אַ שלום־עליכם ערגעץ אין אַ ווינקל. ער האָט זיך אַן עצה געגעבן און אויפגעהאָנגען צוויי רייען, איינע איבער דער צווייטער. אַחוץ דעם האָט ער איבערגעצויגן אין צימער, אונטן און אויבן, אַ צען־פופצן צענטימעטער אָפּגערוקט פון די ווענט, צוויי בוידעמשטריק און יעדער בילד האָט ער אָנגעשטעלט באַלכסונדיק מיט אַ ווינקל, איין קאַנט האָט זיך אָנגעלענט אין דער וואַנט און דער צווייטער — אין שטריק. אויף אָנצוקוקן ריכטיק יעדער בילד האָט מען באַדאַרפט אַרײַנשטעקן אַ ביסל דעם קאָפּ און דעמאָלט האָט עס געמאַכט אַ רושם ווי מען וואָלט זיך מתייחד געווען מיט איטלעכן שלום־עליכם באַזונדער.

אויפן פּלאַץ וווּ הלוי איז פריִער געשטאַנען, אונטערן בוים, און דערקלערט די פילאָסאָפיע פון דער קב״א־געזעלשאַפט, האָט איצט סאָלאָמיר זיך אַרויפגעשטעלט פאַרענטפערן זײַנע אייגענע שאלות. דער טויט און דאָס לעבן האָבן נישט אויסגעזען אין זײַנע אויגן ווי אַ יאָ מיט אַ ניין. אַ מענטש, האָט ער געזאָגט, איז פעיִק אַרויסצושפּאַנען פון זײַנע גרענעצן און בלײַבן אַ חלק פון אומענדלעכן אוניווערס. איידער ער האָט אָנגעהויבן רעדן האָט ער מיך דערמאָנט, איך זאָל נישט אַראָפּלאָזן אַן אויג פון לייב סילווערן, אים אָפּרופן אין אַ זײַט ווען איך וועל קענען און פרעגן אַ היתּכן אויף דער מודעה אין דער צײַטונג. צי האָלטן שוין טאַקע די הײַזער אין דער אָרעמער געגנט בײַם פאַרקויפט ווערן.

איך האָב אָפּגעזוכט סילווערן אין דער ביבליאָטעק. ער איז געקומען אַהער קוקן אויף די ביכער וואָס מען האָט געשיקט פון אויסטראַליע, זען

אויב סאָלאָמיר האָט געהאַלטן וואָרט און אויפגעהאַנגען אַ בלעטל אויף דער וואַנט צו פאַראייביקן דעם נדבנס נאָמען. יענער האָט נישט איבערגעלאָזט קיין יורשים און אין זײַן צוואה האָט ער געבעטן סילוווערן ער זאָל געפינען פאַר זײַנע ביכער אַ היים אין ישׂראל. סילוווער האָט אים געטאָן די מיצווה. ער האָט אויך געבראַכט דעם נדבנס ביינער קיין ישׂראל. יענער איז געווען אַ היימלאָזיקער מענטש. איך האָב אים אויך געקענט. מען האָט דערציילט וועגן אים אַז אַ מאָל איז ער געפאָרן פון אַמעריקע קיין רוסלאַנד צוזאַמען מיט זײַנער אַ טאָכטער און איר שוואָרצן מאַן, בויען דאָרטן קאָמוניזם. מען האָט זיי אַלע פאַרשיקט קיין סיביר און בלויז אים האָט זיך אײַנגעגעבן צו אַנטלויפן, אָבער אַמעריקע האָט שוין צוריק נישט אַרײַנגעלאָזט, איז ער געקומען קיין מעלבורן און געעפנט אַ ייִדישע ביבליאָטעק.

איך האָב אַרויסגענומען די ייִדישע צײַטונג מיט דער מודעה. סילוווער האָט זיך אונטערגעשמייכלט אויף מײַן חשבון. ער האָט אָנגעשטעלט אויף מיר אַ לענגערן בליק און זיך געחידושט וואָס איך פאַרנעם זיך מיט פרעמדע געשעפטן. פון ווען אָן, האָט ער געוואָלט וויסן, האָב איך אָנגעהויבן אַרײַנקוקן אין די קליינע ביזנעס-אַנאָנסן פון די טאָגבלעטער. אַ מאָל, האָט ער געדענקט, בין איך געווען אַן אידעאַליסט און גרינגגעשעצט עולם-הזהדיקע ענינים. ווען ער איז געווען מײַן גאַסט אין קיבוץ, האָב איך געשמועסט מיט אים וועגן גאָר אַנדערע זאַכן. ווען איך האָב אים אַרומגעפירט ווײַזן דאָס לעבן דאָרטן, ווי אַזוי מען דערציט קינדער, ווי מען האָדעוועט חיות, האָב איך גערעדט, געדענקט ער, ווי אַזוי אַ מענטש דאַרף זיך אויפפירן אויף דער וועלט און אַז איך האָב זיך אָנגעהויבן אָפּלערנען פון שעפסן באַשיידענע מידות.

קײַען שטרוי און בלײַבן פריילעך, — האָט ער מיר ציטירט.

דורכן אָפענעם פענצטער האָט זיך אַרײַנגעטראָגן דער טומל פון הויף. איבערן טומל האָט זיך געהערט סאָלאָמירס קול. ער האָט שוין מער נישט דערמאָנט דעם טויט, און דערציילט ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ זאַמלער פון ייִדישע ביכער. שלום-עליכם האָט אים געבראַכט דערצו. יורשים האָבן אַרויסגעוואָרפן זײַנע ביכער האָט ער זיי צונויפגעקליבן און אַהיימגענומען. ער האָט נאָך דעם אַרויסגעלאָזט אַ קול-קורא צו ייִדישע קהילות אין דער וועלט, ס'איז נישט געווען קיין קול אין מידבר. אַרגענטינע, אורוגווײַ, אויסטראַליע

האָבן זיך אָפּגערופן און ער האָט דערמאָנט דעם נדבן פון מעלבורן, מאָריס מירקין. יענער האָט געשיקט אַ גאַנצע וואַנט.

— וואָס איז געוואָרן פון דיר ? — האָט סילווער געפרעגט. ער האָט מיר דערלאַנגט אַ בוך און אַראָפּגענומען נאָך איינס פון דער פּאָליצע איך זאָל עפּענען אַ טאָוול און זען די ערנסטע ליטעראַטור, וואָס מיר האָבן לאַנג צוריק געלייענט. אַ באַנד גרעצס געשיכטע פון ייִדישן פאָלק. מערי, אַ ראָמאַן פון שלום אַש. ביידע בענד זענען געווען אָפּגעריבן, צעריסן, טייל ריסן אונטערגעקלעפּט מיט געלבלעך פּאַפּיר די בלעטער זאָלן אויסזען גאַנץ. גאַנצע שורות האָבן געפעלט, בלויז מאָריס מירקינס אָוואַלער שטעמפּל פון זײַן ביבליאָטעק האָט זיך נישט אָפּגעריבן. דאָרטן, בײַ מירקינען אין ביבליאָ־טעק, האָבן מיר זיך געטראָפן צום ערשטן מאָל, סילווער און איך. סילווער האָט נאָך דעמאָלט געוואָרפן שיכּורים פון זײַן פעטערס שענק און געווינט אין אַ שפּײַכלער אויפן פעטערס הויף. אויף ליידיקע פעסלעך פון ווײַן האָבן מיר אין די אָוונטן געלייענט די ביכער. ס'האָט אים פאַרדראָסן וואָס איך בין אַוועק פון קיבוץ. געווען אַ צײַט ווען ער האָט זיך געגרייסט מיט מיר און איך האָב אים אַנטוישט. אויפגעהערט זײַן אַ חלוץ און געוואָרן אַ באַנק־באַאַמטער.

— אַ פּקידל, — האָט ער געזאָגט, — וואָס האָט אין אַ הייסן שבת נישט געהאַט עפּעס בעסערס צו טאָן ווי לייענען ביזנעס־אַנאָנסן אין די בלעטער.

— וואָס איז געוואָרן פון אַלע מענטשן אין ישׂראל ? — האָט ער געפרעגט.

דורכן פענצטער האָט סאַלאָמיר געליבט אונדזער באַנק און הלוין פאַר זײַנע גוטע עצות און פאַר די הלוואות וואָס מען האָט אים געגעבן זיך צו שטעלן אויף די פֿיס. גלײַך אויף זייער ערשטער באַגעגעניש האָט הלוי אים באַקענט מיט קענאַרד בערנזאַנס פילאָסאָפיע. יענער האָט צוגעזאָגט אויפ־שטעלן אין ישׂראל אַ פאַנד פאַרן ייִדישן בוך.

סילווער האָט צוגעהאַלטן מײַן האַנט איך זאָל אים נישט איבעררײַסן אין מיטן די רייד. ער איז אַוועקגעווען געשעפטליך און צוריקגעקומען, האָט ער מער נישט דערקענט קיין מענטשן. אַלע זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ משוגעת : קב״א־אַקציעס. אַלע האָבן געהאַנדלט אויף דער בערזע. פון אַ באַקאַנטן גרויסן פאַבריקאַנט האָט ער געהערט, אַז מען טוט נאָך עפּעס אויף אין לאַנד, מען בויט נאָך, מען אַרבעט, אָבער ס'איז אַלץ לפנים. אַן אָנשטעל.

די גרויסע פאַרדינסטן זענען געלעגן אין קענאַרד בערנזאַנס פּאַפּירן. ווי אַזוי קען אַ פאָלק זיך לאָזן אַזוי אָפּנאַרן.

די פאַרדאגהטקייט האָט זיך אָנגעזעצן אויף אים. ס'האָט אים נישט געלאָזט רוען. דער פאַבריקאַנט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט גאָרנישט ניט איבער־געטריבן. אַ סימן זענען געווען די געזעמלעך מענטשן וואָס מען האָט אין אַלע שעהען פון טאָג געזען לעבן די בענק. ווער האָט זיך דאָרטן נישט געשטופּט צו די אַרויסגעהאָנגענע באַריכטן פון דער בערזע? אַלע שיכטן פון פאָלק. חסידים, ווײַבער, זעלנער. שפּעט בײַ נאַכט, אויטאָבוסן זענען שוין נישט געפאָרן, די גאַסן זענען שוין געווען פּוסט, האָט ער אָנגעטראָפן דעם גאַסן־קערער אָנגעלענט אויפן שטעקן פון דער באַרשט לייענען לעבן דער באַנק די באַריכטן פון דער בערזע. איינער אויף קוליעס איז דאָרטן אויך געשטאַנען. אַ פּאָרל האָט זיך דאָרטן געקושט.

*

דורכן אָפענעם פענצטער האָט זיך געהערט ווי סאָלאָמיר איז ווידער אַרויף אויף דער טעמע פון טויט און פאַכענדיק מיט די שמאָלע רצועות פּאַפּיר אויף וועלכע ער האָט אָנגעוואָרפן ראשי־פּרקים פון זײַן רעדע, האָט ער אויסגערופן, אַז דער טויט איז אַ רינג אין אַ קייט פון אייביקן זײַן.

איך האָב צוריקגעלייגט גרעצן מיט שלום אַשן אויף דער פּאָליצע. סילווער האָט נאָך אַלץ נישט געענטפערט אויף מײַן שאלה וועגן דער מודעה אין צײַטונג. סאָלאָמיר האָט מיך געבעטן פּרובירן אָפּשרײַען די גזרה. אויב די הײַזער וועלן פאַרקויפט ווערן, וועט דאָך דער נײַער בעל־הבית העכערן דאָס דירה־געלט מי יודע וויפל.

— סילווער איז דײַן חבר, צי נישט? — האָט סאָלאָמיר געוואָלט וויסן.

הלוי איז אַרײַנגעקומען פירנדיק נאָך זיך ריימאַנדען בײַ דער האַנט. ער האָט אויסגעזען פריילעך און פאַרטראַכט. בײַם דער.ען סילווערן האָט זײַן בליק זיך געביטן. אין באַנק האָט ער מיך פון צײַט צו צײַט דערמאָנט, אַז מײַן חבר סילווער האָט נאָך נישט געקויפט בײַ אונדז קב״א־אַקציעס. ער האָט געלאָזט פאַלן אַ רמז, אַ שטאָכוואָרט אויף זײַן חשבון און געהייסן אויסרעכענען סילווערן ווער עס האָט שוין אַלץ געקויפט קענאַרד בערנזאַנס פּאַפּירן. אַז רײַכערע לײַט פאַר אים האָבן געוווסט וואָס צו טאָן מיט זייער

געלט. ווען די רײַכע זין פֿון פֿאַרשטאָרבענעם ווילי אַבני־שטײנער, דעם צו וועמען מען האָט אַ מאָל גערופֿן הלוין רעדן וועגן אַקציעס ווען יענער איז שוין געווען נאָענט צו גסיסה, ווען די רײַכע האָבן געקויפֿט בײַ אונדז קב"א־פּאַפּירן, האָט הלוי אויפֿגעהויבן דאָס טרײַבל פֿון טעלעפֿאָן איך זאָל קלינגען סילווערן און אים אָנזאָגן די בשורה. זאָג אים, האָט ער זיך דעמאָלט אונטערגעלאַכט, און אַליין האָט ער זיך געגרייט זאָגן סילווערן אין די אויגן אַרײַן דעם ריינעם אמת, ווען ער וועט זיך מיט אים טרעפֿן. אויך סילווער האָט פֿריִער נישט געגלייבט הלוין צו שטאַרק.

— שבתי־צביניק, — האָט ער אים גערופֿן.

איצט האָט סילווער געוואָלט אײַליק וויסן, ווער ס'איז די נקבה ייִנגלעריש פֿאַרקעמט, מיט וועלכער הלוי האָט זיך אַרומגעפֿירט. איידער איך האָב צײַט געהאָט ענטפֿערן האָבן זיי זיך ביידע ברייטהאַרציק באַגריסט, זיך אויסגע־פֿרעגט פֿרײַנדלעך וועגן געזונט, פּרנסה, משפּחה־ענינים און זיך געחידושט וואָס מען האָט זיך אַזוי זעלטן געטראָפֿן. סילווער איז מסכּים געווען אַז די צײַט איז שוין געקומען ער זאָל זיך אָפּרײַסן אויף אַ שעה אָדער צוויי פֿון זײַנע געשעפֿטן און אַרײַנקומען אין באַנק אַרײַן אויף אַ שמועס.

ער וועט נישט חרטה האָבן, — האָט הלוי געזאָגט, אַפֿילו פּשוטע אַרבעטער זענען געקומען צו אונדז זיך אָן עצה האַלטן וואָס צו טאָן מיט זייער געלט אין אַזעלכע אומרויִקע טעג. אויך אַזוינע וואָס האָבן נישט געהאַט קיין געלט זענען געקומען קויפֿן קב"א־אַקציעס. מען האָט זיך אָן עצה געגעבן. מען האָט פֿאַרקויפֿט עפּעס פֿון שטוב אַרויס אָדער מען האָט פֿאַרקויפֿט די שטוב. און הלוי האָט אָנגערופֿן נאָדלס נאָמען ווי אַ דוגמה. יענער האָט מיטן אַדערויף וואָס סילווער האָט אים געגעבן, נישט געקויפֿט קיין דירה נאָר אינוועסטירט דאָס גאַנצע געלט אין בערנזאָנס אַקציעס. איצט וואָלט ער שוין געקענט קויפֿן דרײַ דירות. נאָדלס רווח איז געווען סילווערס אַבדה. הלויס עצה אין צײַט וואָלט געמיינט געבן דעם אַדערויף אַ ביסל שפּעטער און אַליין אַרײַנכאַפּן דעם פֿאַרדינסט.

סילווער האָט אָנגעשטעלט אַ נײַגעריק פּנים, איבערגעפֿרעגט פּרטים וועגן דעם חשבון מיט נאָדלען און צוגעזאָגט מער נישט וואַרטן. ווי נאָר ער וועט פֿאַרקויפֿן די הײַזער וועט ער קומען מיטן געלט אין באַנק אַרײַן קויפֿן קב"א־אַקציעס.

— ער איז אַן עדות, — האָט הלוי אָנגעוויזן אויף מיר און זיך אַרויס־געאײַלט מיט ריימאַנדאַ דורכקוקן די אַנדערע צימערן אין צריף. אָבער רימער מיט דער בעטלערין זענען אַרײַנגעקומען און אים פאַרהאַלטן ער זאָל זאָגן דעם ווערט פון די אַקציעס. זוכנדיק די באַנק־קבלה האָט זיך מיטגע־שלעפּט פון זײַן קעשענע אַ פּאַפּירענער דאָלאַר. סילווער האָט זיך אײַנגע־בויגן און אים אויפגעהויבן מיטן שטריקל. דאָס האָט הלוי געשאָנקען רימערן דעם באַנקנאָט ווען ער האָט זיך צוגעשטופּט פרעגן דעם באַטײַט פון די ענגלישע ווערטער.

— און איצט ווייסטו שוין דעם טײַטש ? — האָט אים סילווער געפרעגט און אים צוריקגעגעבן דעם דאָלאַר.

רימער איז שטײַף געוואָרן. ער האָט אַרײַנגעשטופּט דעם באַנקנאָט מיט דער קבלה צוריק אין קעשענע און מער נישט געוואָלט הערן דעם ווערט פון זײַנע פּאַפּירן. ער האָט זיך נישט געריכט אַנטרעפן דאָ זײַן בעל־הבית, דער לעצטער פאַרשוין וואָס דאַרף וויסן אַז ער פאַרמאָגט געלט. איין מאָל אין חודש האָט ער ווי אַלע אין דער געגנט אָפּגעוואַרט סילווערן מיטן מזומנעם דירה־געלט, אָבער אויף שאלות האָט ער נישט געענטפערט. ער האָט אָנגעשטעלט אַ יחסניש פּנים און געזאָגט, אַז ער איז נישט קיין מפּיל־קינד, אין לאָדזש האָט מען שוין געוווסט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. אַ מענטש איז טאָקע בלינד און ער יאָגט זיך נאָך זײַן גליק אָבער יעדער דאָלאַר האָט זײַן שטריק. רימער האָט אַ זוך געטאָן זײַן באַגלייטערין. זי איז געשטאַנען מיט אַ בוך אין דער האַנט.

— מערי ? אַ בוך מיט מײַן נאָמען. אפשר האָט מען געשריבן וועגן מיר ? — האָט זי געפרעגט. איר קול איז געוווען הייזעריק און מיט איר לענגלעך פּנים און האָר פאַרפלאָכטן אין אַן אַ שיעור צעפּלעך האָט זי אָנגעכאַפּט דעם אָנבליק פון אַ ציגײַנערין. זי האָט נישט געלאָזט רימערן אַרויסנעמען פון אירע הענט שלום אַשס ראָמאַן און געזאָגט, אַז מען האָט פאַרשריבן איר אומגליק. מען האָט געפרעגט, האָט זי זיך נישט געשעמט און אַלץ דערציילט.

— ווער איז שלום אַש ? — האָט זי געפרעגט רימערן בײַם אַרויסשפּאַצירן.

— עפּעס אַ געשמדטער ייִד, — האָט ער זיך אָפּגערופן.

ווען אויך הלוי מיט זײַן סעקרעטאַרשע זענען אַרויס פון צימער האָט

סילווער געזאָגט, אַז אויב בעטלערס זענען אויך געוואָרן בעל־הבתּים פון קענאַרד בערנזאָנס אַקציעס איז עס אַ סימן אַז די בערזע האָט זיך פאַרשפּרייט ווי אַ מגפה איבערן לאַנד. ס׳וועט גורם זײַן האָט ער געמיינט, גרויסע קרבנות. ס׳פאָלק וועט פאַרדאַרבן ווערן. יונגע מענטשן וואָס דאַרפן פאַרטיידיקן דאָס לאַנד וועלן זיך צעפאָרן אין דער וועלט אַרײַן. ייִדישע קהילות אין דער וועלט וואַרטן שוין פון לאַנג אויף חתנים און כּלות פון ישׂראל. ווער זשע וועט בלײַבן אין דער מדינה? בלײַבן וועט אַ הייפל זקנים צו באַוויינען דעם חורבן בײַם כּותל־המערבי. אויף מײַן שאלה פאַר וואָס ער האָט עס הלוין נישט געזאָגט, פאַר וואָס מיט אים האָט ער אַנדערש גערעדט און נאָך צוגעזאָגט אַליין קומען אין באַנק אַרײַן אינוועסטירן אין די קב״א־אַקציעס דאָס געלט פון די פאַרקויפטע הײַזער, האָט ער מיר געענטפערט טרוקן און האַרט, אַז נישט איטלעכן איינעם דערציילט ער זײַן אמת. ער האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ בענקל, אַראָפּגענומען פון דער וואַנט דאָס באַזיל־בערטע בלעטל מיט מאָריס מירקינס אויסגעקריצטן נאָמען און געזאָגט, אַז יענער האָט אַ גאַנץ לעבן געשטרעבט צו אַ ייִדישע מדינה, געשיקט זײַנע ביכער און איצטער, ווען מען האָט געעפנט דעם מוזיי און די ביבליאָטעק, האָט מען גערעדט בלויז וועגן אַקציעס און וועגן געלט.

— אַ ייִד אין ישׂראל זאָל נישט וויסן ווער ס׳איז געווען שלום אַש?

— איך האָב באַטראַכט דאָס בלעטל מיט מירקינס נאָמען און האָב נאָכגעקלערט וואָס אַזוינס איז געוואָרן מיט זײַן טאָכטער און איר מאַן, דער נעגער, אין סיביר. אין מעלבורן, האָב איך געדענקט, האָט מירקין געשריבן פּעטיציעס צו באַרימטע מענטשן אין דער וועלט זיי זאָלן אים העלפן. ער האָט געשריבן צו דער ענגלישער מלכּה ווען זי איז נאָך געווען אַ פּרינצעסין. צום זינגער פּאָל ראָבסאָן, צו רוזוועלטס ווײַב, צום שרײַבער ראָמען ראָלאַן.

— איך וועל דיר דערציילן אַ געשיכטע מיט אַ דאָלאַר, — האָט סילווער אַ ביסל אַ פאַרטראַכטער זיך אָנגערופן.

דער טומל אין דרויסן האָט זיך פאַרשטאַרקט. הלוי האָט זיך פּלוצלינג אַרויפגעשטעלט אויף דער טרונע לעבן סאַלאַמירן, אויסגערופן אַז די אַלטע לאַטייניש כּתובה, וואָס אַלע געסט האָבן מסתּמא געזען הענגען אויף דער וואַנט לעבן ד״ר הערצל אין צימער פון די ייִדישע אוצרות, איז אַן אַלט ווערטצעטל, און ער האָט זי אויפגעהויבן מען זאָל זען דעם אײַנגערעמטן

בויגן אין זײַנע הענט. דער פּלאַץ איז געווען באַלויכטן מיט אַ סך לעמפּלעך וואָס זענען אַראָפּגעהאַנגען פון בוים.

ווען מיר זענען אַרויס אין הויף און דער עולם איז שטילער געוואָרן האָט הלוי איבערגעחזרט, אַז דער בויגן איז אַן אָבליגאַציע פון דער עסטרײַך־אונגאַרישער אימפּעריע, אַרויסגעגעבן אין קייסער פראַנץ־יאָזעפס צײַט. ס׳איז אויסגעשטעלט אין ענגלישע פונטן אויף אַ גאַר הויכן באַמינאַלן ווערט און גאַראַנטירט פון דער מלוכה־באַנק אין לאָנדאָן. דאָס אַלץ האָט ער איבערגעלייענט נאָך זײַענדיק אין צימער ווען ער האָט באַקוקט מיט זײַן סעקרעטאַרשע דעם מוזיי, און איצט, אויב מען וועט האָבן געדולד צו וואַרטן אַ ביסל, וועט ער אַרײַן מיט סאַלאַמירן אינעווייניק אין צריף, מען וועט אַרויסנעמען דעם בויגן פון דער רעם און איבערלייענען די תּנאים אָפּגעדרוקט אויף דער צווייטער זײַט. אויב ס׳וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז עס טראָגט פּראָצענט אויף פּראָצענט און די גאַראַנטיע פון דער ענגלישער מלוכה איז נישט באַגרענעצט, וועט עס מיינען, אַז דורך דעם האַלבן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעקליבן אַ היפּשע סומע געלט און סאַלאַמיר איז אַ בר־מזל, ער איז געוואָרן באַגליקט. מחמת ס׳איז אַ למוכ״ז־אָבליגאַציע, דאָס הייסט: נישט פאַרשריבן אויף וועמענס נאָמען, נאָר ווער ס׳וועט עס אָפּברענגען דער וועט באַקומען דעם באַטרעף.

אויך סאַלאַמיר איז געשטאַנען צעטומלט. ווען הלוי האָט אים איבערגעריסן אין מיטן די רייד און אײַנגערוימט אין אויער די בשׂורה, פרעגנדיק אויב עס זאָל בלײַבן אַ סוד אָדער מען זאָל דערציילן די געסט, האָט ער געהייסן דערציילן: מען זאָל זיך פרייען צוזאַמען מיט אים. ער האָט געדריקט הענט, צוריקגעווונטשן ברכות. פאַר דבורהן האָט ער זיך צערעדט וועגן שיינע־רחלען ווי אַזוי זי האָט דאָס צעטל געבראַכט אין שטוב אַרײַן און געזאָגט אַז עס איז אַן אַלטע כּתובה וואָס זי האָט אָפּגעקויפט פאַר אַ שיבוש בײַ אַ זקנה אויפן טויטנבעט. דערפאַר איז אים קיין מאָל נישט אײַנגעפאַלן נאָכקוקן צי עס איז ריכטיק. ער האָט אײַנגערעמט דעם בויגן און נישט געזען וואָס דאָס איז. ער האָט זיך געלאָזט פירן פון הלוין אינעווייניק אין צריף אַרײַן. אויך אַנאַרכין איז מיטגעגאַנגען. מען האָט זיך געשטופּט אַרום זיי אָנצוקוקן דאָס צעטל. מיט אַ מאָל האָט סאַלאַמיר באַמערקט אויך ריטאַ עולמי מיט איר מאַן. אויב ער האָט זיך געלאָזט ברענגען אַהער, האָט ער

אין זינען געהאַט, וועט ער שוין שענקען אַ ביסל געלט פאַרן מוזיי. טויטע — יאָ, און לעבעדיקע נישט? — האָט ער אים געהאַט געפרעגט. איצט וועט ער שוין נישט דאַרפן זײַן געלט. אייגנטלעך איז אַ שאָד געווען וואָס הלוי האָט אים איבערגעריסן די מחשבה. די ווערטער זענען אים געלעגן קלאָר אויפן צונג. איצט האָט ער שוין נישט געדענקט וואָס ער האָט געהאַט צו פאָרמולירן וועגן טויט, וועגן לעבן און וועגן שלום־עליכם. די סומע געלט וואָס הלוי האָט אָנגערופן האָט זיך אים אָוועקגעשטעלט אין מיטן.

ווען דער פּלאַץ אונטערן בוים איז געוואָרן פרײַ איז חיים ציפּורין געראָטן מיט וועמעס הילף זיך אַרויפשטעלן אויף דער טרונע און ער האָט גערופן מען זאָל שטיל זײַן, ער האָט אויך געהאַט עפּעס וואָס צו זאָגן. נאָך אַלעמען איז סאַלאַמיר געווען אַ שומר־לילה אין זײַן מושב־זקנים און ער האָט געדענקט דעם טאָג ווען ער איז אַרײַנגעקומען זיך באַכפּרעגן אויף אַרבעט. מען האָט אַרײַנגעשטעקט ציפּורין אַ גלאָז ווײַן אין דער האַנט און מען האָט געשריגן ער זאָל מאַכן אַ טאָסט. ער האָט געטופּעט מיטן שטעקן ס׳זאָל ווערן שטיל און ווען מען האָט זיך אײַנגעשטילט האָט ער אויסגערופן:

— לחיים פאַר קונסט און פאַר מזל!

ער האָט נישט באַוויזן אויסטרינקען. ער איז געפאַלן און זיך באַגאָסן מיטן ווײַן.

ס׳איז געוואָרן אַ מהומה, נישט אַלע האָבן געוווסט וואָס דאָ איז געשען. אַנשטאָט זיך אָפּרוקן פון בוים האָט מען זיך געשטופּט קוקן ווי ציפּורי ליגט אַ פאַרחלשטער אויף דער ערד. מ׳איז געלאָפן רופן אַ דאָקטער. ערנעסטינאַ האָט אָוועקגענומען שושנהן. זי האָט זי געגלעט אײַנצושטילן איר קלאָג. לודוויג קוטאָף האָט זיך מטפּל געווען מיט ציפּורין. ווען סאַלאַמיר איז אַרויס פון צריף איז שוין ציפּורי צו זיך געקומען. ס׳האָט זיך אָנגעזען אין זײַן פאַרחידושטן בליק, אַז ער האָט נישט געדענקט ווו ער איז און וואָס מיט אים איז פאַרגעקומען. קוטאָף האָט אים באַרויִקט ער זאָל ליגן שטיל און אים דערמאָנט וואָס ער האָט נאָר וואָס געטאָן. אַז ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן און גערופן מען זאָל טרינקען מיט אים לחיים. עפּעס האָט אַ צאַפּל געטאָן אין ציפּוריס אויגן. ער האָט זיך געפּרוווט אונטערהויבן, אָבער דער רוס האָט אים צוגעהאַלטן און נישט געלאָ.ט אים רירן זיך ביז דער דאָקטער וועט קומען. ציפּורי האָט זיך פאַרט געטאָן אַ דריי און געעפנט דאָס מויל.

זײַן צונג האָט זיך דאָרטן געוויקלט ווי אַנגעשוואָלן און אויסגעפּילט דעם גאַנצן חלל. ער האָט אָנגעהויבן רעדן אָבער אַרויסגעקומען איז בלויז:

— דאָ—דאָ—דאָ—דאָ—דאָ—דאָ—דאָ.

*

טייל געסט זענען געבליבן ביז דער דאָקטער איז געקומען און אַרויסגערופן אַן אַמבולאַנס אַוועקצופירן ציפּורין אין שפּיטאָל. סאָלאַמיר איז אַרומגעגאַנגען איבערן הויף מיטן צעטל אין דער האַנט און זיך געזעגנט דאָ מיט איינעם, דאָ מיט אַ צווייטן. ער האָט נאָך נישט קלאָר באַנומען וואָס דאָ איז אַלץ פאָרגעקומען. אין צריף האָט אים הלוי געזאָגט, אַז דאָס צעטל טראָגט פּראָצענט אויף פּראָצענט און ס׳וועט ווערט זײַן אַ סך מער ווי ער האָט אין אָנהויב געחשבונט. ווען דליק ס׳האָט זיך דאָרטן געשריבן, איז עס געווען אַן עמיסיע מיט ספּעציעלע פּריווילעגיעס פאַר די וואָס האָבן אָפּגעקויפט די צעטלען. ס׳איז באַקאַנט געווען אין דער געשיכטע פון דער בערזע, האָט אים הלוי געזאָגט, אַז ממשלות האָבן פון מאָל צו מאָל אַזוי געהאַנדלט כּדי צו פאַרגיטיקן קרובי־למלכות. בלויז בעלי־זכות האָבן געקענט אײַנהאַנדלען אַזעלכע אָבליגאַציעס און הלויס סברה איז געווען אַז אין לאָנדאָן איז נאָך פאַרבליבן אַזאַ קלוב וואָס פאַרנעמט זיך מיט אויפמאָנען די פאַרלעגענע חובות פון דער אונטערגעגאַנגענער אימפּעריע. ער האָט זיך געזעגנט און דערמאָנט סאָלאַמירן נישט וואַרטן נאָר קומען אויף צו מאָרגנס אין דער פרי אין באַנק אַרײַן און מען וועט אַהינשיקן אַ בריוו.

הלוי האָט זיך געאײַלט מיט ריימאָנדאַ אויף אַ שמועס אין אַ שטובקרײַז. זיי האָבן נישט געוווּסט ווו מאָרגנשטערן איז אַהינגעקומען. ער איז געזעסן אין שאָטן פון אַ פיגור מיט אַ פאַרשניטן פּנים און געזונגען שיכּורלעך אַ ליד:

וואָס מאַכן אונדזערע בערעלעך?

אַזוי האָט ער געזונגען קענאַרד בערנזאָנס פּאַפּירן. ריימאָנדאַ האָט זיך פאַרגנבהט הינטעראַרומער און אַ פּיר געטאָן איבער זײַן קאַרק פון אויבן אַראָפּ ביז אונטער זײַן קאָלנער מיטן שפּיצנאָגל פון אַ ווײַזנפינגער. זי האָט שוין געקענט זײַנע שטימונגען. אויך אין באַנק פלעגט ער אָפּט בלײַבן זיצן דערשלאָגן ברומענדיק צו זיך אַ ניגון. ער האָט נאָך אַלץ געהאַט טענות צו זײַן פאַרשטאָרבענעם טאַטן הלמאַי ער האָט אים נישט צוגעלאָזט צום

געשעפט און אים פֿאַרשיקט האַרעווען אין אַ קיבוץ. אַלע יאָרן האָט אים דער טאַטע געטריבן פון זיך און געשריגן ער זאָל זיך נעמען אַ ווײַב און זיצן אין נגב. אָבער מיט ווײַבער איז אים נישט צוגעגאַנגען גלאַטיק. אין אַ מלחמה, ווען אַלע מענער זענען אַוועק אויפן פראָנט, און ער איז געבליבן דער איינציקער זכר אין קיבוץ, האָט ער אויך דעמאָלט דעם שאַנס נישט אויסגעניצט.

מאָרגענשטערן האָט אויפגעצאַפּלט, זיך אויפגעשטעלט און נאָכגעגאַנגען הלוין. ער האָט זיך פאַרהאַלטן לעבן סאַלאָמירן, אַ קוק טאָן אויפן צעטל און געזאָגט, אַז ער וואָלט זיך געלאָזט קאָסטן אַ טויזנטער, רײמאָנדאַ זאָל זיך לייגן מיט אים אין בעט אַרײַן.

*

סאַלאָמיר האָט זיך אָפּגעקערט אויסצומײַדן ווּעגערן. יענער האָט שוין באַדאַרפט ליגן אין בעט וועדליק זײַן מינהג צו מאַכן נאַכט מיטן צופאַלן פון אָוונט. ער וועט אַרויסנעמען פון באַנק זײַן געלט און צוריקפאָרן קיין דײַטש־לאַנד, האָט ער אונדז געזאָגט, דאָרטן האָט ער געהאַט זײַן אייגענעם ווינקל און מען האָט זיך נישט אַרײַנגעמישט אין זײַנע פּריוואַטע ענינים. הלוי האָט באַליידיקט צדקה־אינסטיטוציעס און אויך סאַלאָמיר איז נישט געווען אין גאַנצן ריין פון חטאים אין זײַנע אויגן. ער האָט מיט פאַרשײַטע שאלות אויסגעגאַרט בײַ אים אינטימע פּרטים פון זײַן לעבן. אויך דאָס לאַנד האָט אים אויפגעהערט געפעלן ווערן. חדשים ווי ער איז נאָכגעלאָפן שושנה ציפּורין זי זאָל קויפן אַ נײַע שער צו שנײַדן די ריטלעך פון די ביימער. די בלינדע שכנה איז געשטאָרבן און די פּאָטשט האָט אויפגעהערט ברענגען יעדן טאָג די דײַטשע צײַטונג. נאָפט איז געוואָרן גאָר טײַער. אָכיבע מען וועט אים צוריק אַרײַננעמען אין קיבוץ ווּו ער האָט געלעבט עטלעכע יאָר ווען ער איז געווען דאָ דאָס ערשטע מאָל. ער האָט געשריבן אַ בריוו צו אַ באַקאַנטער דאָרטן און ער האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער.

— יענע וואָס איר בילד איז געווען פאַרשטעקט אין שטיילאַמפּ ? — האָט סאַלאָמיר געפרעגט.

ווּעגער האָט אַ לאַנגע ווײַלע געשאָקלט דעם קאָפּ אויף ניין.

*

דער אַמבולאַנס איז אָנגעקומען און די קוטאַפּס זענען מיטגעפאָרן מיט שושנהן אין שפּיטאָל אַריַין. מען האָט זיך געזעגנט אָן אַן איבעריק וואָרט. אויך דער שאָפער און די סאַרווערינס האָבן נאָכן אויפלאָדן די פעלדטישן און כּלים, זיך אַריַינגעזעצט אין טענדער און אָפּגעפאָרן. ס׳איז געוואָרן פּוסטער אין הויף. יהושע רימער און מערי זענען שוין געהאַט פריִער אַוועק, דער ערשטער טאָג אין דער וואָך האָט זיך געשטעלט ביַי זיי גאָר פרי. זיי האָבן באַדאַרפט כאַפּן אין באַגינען דעם ערשטן אויטאָבוס קיין תּל־אָביב. אַחוץ דעם האָט מערי איבערגעלאָזט אַ טאָכטער אין דער היים.

— אַ בלינדע, — האָט רימער געזאָגט. ס׳איז אים געראָטן אָפּרופן הלוין אָן אַ זיַיט און הערן דעם ווערט פון זיַינע קב״א־אַקציעס. ער האָט אויך געוואָלט אָנקוקן דאָס פראַנץ־יאָזעף־צעטל. מען האָט אויפגעוויקלט דעם בויגן אונטער אַ לאָמפּ ווו ס׳איז געווען ליכטיק.

— האָסט מיר ווען געהאַט נאָכגעשריגן כ׳זאָל קויפן אַ פּיִס, — האָט סאַלאָמיר זיך אָנגערופן. רימער האָט עס נישט געדענקט. ער האָט זיך דורכגעווונקען מיט מערין וועגן צעטל און געהייסן סאַלאָמירן זיך קויפן אַ ניַיע גאַרדעראָבע, איצט אַז ער איז געוואָרן אויפגעריכט.

— וועל איך זיך נישט שעמען רעדן מיט דיר אַ וואָרט, — האָט ער געזאָגט.

כ׳בין אַרויף מיט סאַלאָמירן אויף דער ווערענדע אָפּגעבן נאָדלען די יידישע ציַיטונג. ער איז נאָך געזעסן דאָרט מיט רייזלען און געשמועסט מיט דער אַלמנה פון קיאָסק וועגן קראַנקע מענטשן. חיים ציפּוריס פאַלן האָט זי דערמאָנט אין איר אייגענעם מאַן וואָס האָט פאַרקרענקט דאָס גאַנצע געלט ביז ער איז געשטאָרבן. ערשט נאָך זיַין טויט האָט זי אָנגעהויבן שפּאָרן און געקויפט קב״א־אַקציעס. זי האָט נישט געוואָלט הערן פון ווידער חתונה האָבן.

— כ׳בין שוין נישט קיין וויַיב פינף יאָר, — האָט זי געזאָגט.

רייזל האָט אַריַינגעלייגט די ציַיטונג אין טאַש און מען האָט זיך געזעגנט. ערשט ווען זיי זענען שוין געהאַט אַרויס פון הויף און בלויז זייערע קולות האָבן זיך נאָך געטראָגן, האָט זיך סאַלאָמיר דערמאָנט צו וועמען ס׳האָט אַ מאָל געהערט דער פילצענער הוט מיטן אָפּשטייענדיקן שלייף וואָס רייזל האָט איצט געטראָגן. מיר האָבן פאַרטרונקען ביר און ער האָט מיך דערמאָנט

אין דעם אַלטן פֿאַרפֿאַלק וואָס ער האָט געהאַט געבראַכט פֿון מושב־זקנים איך זאָל אויסזוכן אַ טעות אין זייערן אַן אַלטן באַנק־חשבון. זיי זענען ביידע געווען קליין, איידל געשמייכלט און אַרײַנגעמישט אין זייער דײַטשיש לשון העברעיִשע ווערטער. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט גאָלדענע מטבעות פֿון ביסמאַרקס צײַטן אין זײַנע טיפֿע קעשענעס און זי האָט אָפּירגעקוקט מיט איבערגעשראָקענע אויגן פֿון הינטערן פּילצענעם הוט מיטן געשטײַערטן שנאָל און אַפּשטייענדיקן שלייף ווי פֿליגל פֿון אַ פֿויגל. נאָך איר טויט האָט מען אַרויסגעוואָרפֿן דעם הוט און נאָדל האָט אים אַהיימגעבראַכט.

סאָלאָמיר האָט געוואָלט וויסן, וואָס איך האָב גערעדט מיט לייב סילווערן כאָטש איצט איז שוין נישט געווען קיין נפֿקא־מינה. אויב ס׳וועט זײַן ווי הלוי האָט פֿאַרויסגעזאָגט און ער מעג זיך באַטראַכטן ווי אַ גביר, מעג שוין סילווער פֿאַרקויפֿן אַלע הײַזער אין דער געגנט. נאָכן איבערלייענען די תּנאים איז הלוי געווען זיכער אַז דאָס צעטל איז קוראַנט. אין פֿיר שפּראַכן זענען די תּנאים געווען פֿאַרשריבן: ענגליש, דײַטש, פֿראַנצייזיש און האָלענ־דיש. אַנאַרכין האָט פֿאַרשטאַנען די אַלע לשונות און ער האָט זיך זייער איבערגענומען מיטן פּלוצעמדיקן אוצר. ער אַליין, האָט ער דערציילט, האָט פֿון קינדווײַז אָן געטרוימט נתעשר צו ווערן מיט איין מאָל. זײַן טרוים איז געווען, אַז ער וועט נעלם ווערן אָן אַ שפּור וווהין ער איז אַהינגעקומען. מען וועט מיינען אַז ער איז שוין פֿאַרשווונדן געוואָרן אויף אייביק, מען וועט טרויערן נאָך אים, און דעמאָלט וועט ער זיך צוריק באַווײַזן פֿאַר דער משפּחה: אַ מיליאָנער.

סאָלאָמיר איז אַרײַן אין צריף, אַרויסגענומען דעם בעזעם פֿון דבֿורהס הענט און געבעטן זי זאָל אויפֿהערן רייניקן אַ מינוט און אים אויסהערן. פֿריִער איז דבֿורה געווען גאָר פֿריילעך מיטן אומגעריכטן גליק. זיי וועלן איבערלאָזן דעם צריף און זיך אַריבערציִען אין אַ שענערער געגנט. מיט ביידע געווינסן וועט זי נישט מורא האָבן אָוועק פֿון דעם קיבוץ און זיך באַזעצן אין שטאָט. אַ הויז אויפֿן כּרמל־באַרג מיטן פּנים צום ים וואָלט איר זייער געפּאַסט. זאָל דער קיבוץ מקנא זײַן.

— וואָס עפּעס שיינע־רחל? — האָב איך געהערט דורכן פֿענצטער איר פֿאַרוויינט קול. כ׳בין אַרײַן אין די אַנדערע צימערן נישט צו הערן ווי זיי קריגן זיך. אין אַ ווינקל איז געווען אויפֿגעקלעפּט אַן אויפֿשריפֿט וואָס איך

האָב פריִער נישט באַמערקט: "צו מיַין פאָלק פון קבר וועל איך זינגען".
אין זיַין רעדע האָט סאָלאָמיר געפּרעגט די פאַרזאַמלטע געסט אין הויף צי דאָס פאָלק וועט דערהערן דאָס געזאַנג. כ'בין געגאַנגען פון שלום-עליכם צו שלום-עליכם. דאָ איז ער געזעסן אין שוואַרצוואַלד און דאָ האָט ער שפּאַצירט אין אַ וויַיסן קאַפּעליוש לענג-אויס אַ גרויען ברעג פון אַן אָזערע אין דער שווייץ. שלום-עליכם: אין לאָנדאָן, אין באַראַנאָוויטש, אין ריגע. אין פּעטערבורג האָט ער געטראָגן אַ רובאַשקע, אין אָדעס — אַ ברייטע פּעלערינע מיט אַ שניפּס און אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער. וואָס האָט עס אויסגעמאַכט וואָס ער איז געלעגן אין ניו-יאָרק אויפן טויטנבעט, אין קאַרלסבאַד האָט ער זיך אויפגעשטעלט פון דער שטרויענער שטול אויף ווערלכער ער איז נאָר וואָס געזעסן און זיך געלאָזן גיין מיטן טעפּל אויף דער קייט טרינקען קוואַלוואַסער.

אויך אין שלום-עליכם צימער האָב איך געהערט זייער קריגעריַי, בין איך אַוועק וויַיטער, סאָלאָמיר זאָל זיך נישט דאַרפן פאַר מיר בלאַמירן. אין צימער פון די ביכער האָב איך אַוועקגעשטעלט אויפן פּלאַץ די צוויי בענד וואָס זענען געבליבן ליגן אויף אַ בענקל. גרעצס געשיכטע און שלום אַשס ראָמאַן. אויך דאָס בלעטל מיט מאָריס מירקינס נאָמען האָט סילווער פאַרגעסן צוריק אויפהענגען אויף דער וואַנט. די געשיכטע וואָס ער האָט מיר דערציילט וועגן דאָלאַר, האָט געהאַט צו טון מיט מירקינס טאָכטער. סילווער גופא האָט אים געבראַכט אַ גרוס פון איר. ס'איז אים אויסגעקומען צו זיַין געשעפטלעך אין דער נאָענט, איז ער אַריַינגעפאָרן קיין רוסלאַנד, געשמירט דאָרטן ווו מען האָט באַדאַרפט און זיך דערשלאָגן צו איר אין וויַיטן סיביר. דעם מאַן, דעם נעגער האָט מען דערהרגעט. זי האָט ער געפונען אין אַ פאַרוואָרפענעם העק. זי האָט זיך אויסגעהאַלטן פון געבן ענגלישע לעקציעס. אַ פרעמד אויג זאָל נישט זען, האָט זי אַרויסגענומען אַ זילבערנעם דאָלאַר וואָס איר האָט זיך איַינגעגעבן צו באַהאַלטן אַלע יאָרן און דערציילט סילווערן אַז אין שווערע מינוטן ווען דאָס האַרץ הייבט אָן נאָגן און ס'פאַרבענקט זיך איר נאָך אַ היים, נאָך אַ פריַינדלעכן בליק, נאָך אַ היימישן מענטש, נאָך פריַיהיַיט, זיצט זי און קוקט אין געהיים אויף דער זילבערנער מטבע.

סאָלאָמיר האָט דורכן פענצטער גערופן איך זאָל אַרויסקומען. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין הויף צעטומלט און אויפגערעגט. ער האָט נישט געוואָלט

רעדן נישט וועגן דבורהן און נישט וועגן שיינע־רחלען. מען וועט זי אויפ־זוכן, האָט ער געזאָגט, און איר אָפּגעבן איר חלק. איך האָב געספּקט צי איך זאָל אים איבערגעבן סילווערס ענטפער וועגן די הײַזער, טאָמער האָט ער אויך מיר נישט געזאָגט דעם אמת, אַז ער האָט אַרויסגעשטעלט די הײַזער צו פאַרקויפן בלויז כּדי צו דערגיין זייער אמתן ווערט. ער האָט עס געטאָן איטלעכן יאָר כּדי זיך אַליין אָפּשאַצן.

סאָלאָמיד האָט מיר באַגלייט ביז צו דער צפתער טיר. דער הויף האָט גאָרנישט אויסגעזען אַזוי ליידיק מיט די שטיינער, די פיגורן און די שאָטנס. נאָך אַ קליינעם מהלך, ווען איך האָב זיך אומגעקוקט איז נאָך דער הויף געשטאַנען ליכטיק און פּלוצלינג האָבן די לעמפּלעך זיך פאַרלאָשן און ס׳איז געוואָרן פינצטער.

פרק ה

ביטחון

די ידיעה וועגן סאָלאָמירס צעטל האָט זיך פאַרשפּרייט אין דער סביבה און מען איז געקומען צו אונדז מיט פאַרשיידענע קוויטלעך, מיט אַלטע דאָקומענטן, מיט קינאה און האָפענונג ס'זאָל זיך אויך אָפּגעפינען אַן אוצר צווישן די פּאַפּירן. הלוי האָט אויסגענוצט דעם יצר נאָך געלט און פאַרקויפט קב"א־אַקציעס. ס'האָט זיך גערודערט מיט בערנזאַנס נאָמען. אַ שטענדיקער טומל איז געשטאַנען אַרום אונדזערע טישן. קליענטן האָבן פון אונטער וועגנס געשיקט טעלעגראַמען. רעזערוויסטן אין דער אַרמיי האָבן געשיקט זייערע ווײַבער מיט פאַרשריבענע אינסטרוקציעס, אַהיימ־געקלונגען פון די קאַזאַרמעס. אַקציעס האָבן זיך געהויבן מיט איטלעכן טאָג. דער קצב פּנחסיק האָט פאַרקויפט זײַן דירה און צוזאַמען מיט צבי מינץ דעם שאָפער געפאָרן קיין תּל־אָביב פירן וויכוחים אויף דער אַלענבי־גאַס. די בערזע דאַרף געהערן צום פאָלק, האָבן זיי אין אַ שמועס מיט אַ קאָרעספּאָנ־דענט גערופן אין ראַדיאָ. די פּרעסע האָט געשריבן וועגן נײַע מנהיגים, פירשפּרעכערס פון פאָלק, וואָס האָבן זיך געמערקט אַרויסשיילן פון צווישן די מאַסן. זיי זענען געוואָרן הלויס שומרי־ראָש און געבראַכט צו אונדז קליענטן פון דער בראַנזשע, שאָפערן און קצבים.

סאָלאָמיר האָט געבראַכט צו אונדז דעם ליטווישן ייִד פון אַנגאָלאָ. יענער האָט געוואָלט הערן פּרטים וועגן דעם פראַנץ־יאָזעף־צעטל. ער האָט געהאָט מיט זיך אַן אײַזערן קעסטל אין וועלכן ער האָט געהאַלטן זײַנע כינעזישע צעטלען, צוויי טויזנט דאָלאַר אַ שטיק. פאַרבלענדט פון די הויכע פּראָצענטן וואָס מען האָט צוגעזאָגט צאָלן האָט ער זיי אײַנגעקויפט אין משך פון יאָרן. דרײַסיק יאָר האָט ער אָפּגעפּינצטערט אין יענער ווילדערניש און געחלומט וועגן אויפשטעלן אַ משפחה אין ישראל. מיט איטלעכן בויגן וואָס ער האָט

אײַנגעקויפט אונטערן פּרײַז האָט זיך דער חלום דערגענטערט: אַ בתולה אין ישׂראל זאָל אים געבערן גערזעצלעכע קינדער. ער האָט געליטן פון אַ שווערן אולקוס און ביז הלוי האָט אים אויפגענומען האָט ער געטרונקען פרישע חלה אין אַ גלאָז מילך וואָס ער האָט באַשטעלט אין אַ דערבײַיקער קאָנדיטערײַ.

— ער זאָל מיר נאָר נישט אָוועקשטאַרבן — האָט ער געזאָגט צווישן איין ביס און אַ צווייטן, מײַנענדיק טשאַנג קײַ טשעקן, דעם כינעזישן גענעראַל, ווײַל כּל־זמן יענער האָט געלעבט, האָט אַן אַדוואָקאַט פון אַמעריקע אים געשריבן, איז דאָ אַ האָפענונג. ווען הלוי האָט זיך דערוווּסט אַז דע־גרינבערג האָט געבראַכט מיט זיך קיין ישׂראל אַ ביסל מזומן־געלט האָט ער אים פאַרקויפט קב״א־אַקציעס.

אויך די קוטאַפּס זענען געקומען צו אונדז וועגן געלט־ענינים און מיט־געבראַכט מיט זיך ווערטצעטלען פון צאַרישן רוסלאַנד, וואָס זיי האָבן אָפּגעהיט איבער אַלע זייערע וואַנדערונגען. ווען זיי זענען אַהיימגעקומען נאָכן אָפּפירן חיים ציפּורי אין שפּיטאָל אַרײַן, האָבן זיי אויפגעעפנט דאָס פּעקל, אָפּגעווישט דעם שטויב פון אַלע יאָרן און אָפּגעזעסן אַ שעה, אפשר מער, איבער די פּאַפּירן. אַ צענטער חלק פון דעם וואָס זיי זענען אַ מאָל ווערט געווען וואָלט געקלעקט אויף קבורה־הוצאות. זיי האָבן נאָך אַלץ נישט געוווּסט ווו זיי וועלן באַערדיקט ווערן, ווען די שעה וועט קומען. זיי האָבן איבערגעריסן דעם משׂא־ומתן מיט די כּלומרשטע אַפּוטראָפּסים פון דער רוסישער קירך — אַגענטן פון קרעמל. פון די פאַרהאַנדלונגען מיטן ענגלישן פּאַסטאָר איז אויך גאָרנישט אַרויסגעקומען. יענער האָט זיי פאַרבעטן קומען תּפילה טאָן אין זײַן קלויסטער כאָטש איין מאָל אַ וואָך. דאָס איז געווען זײַן באַדינג. אָבער קוטאָף איז נישט געווען קיין גלייביקער און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט מתפּלל זײַן צו וועלכן ניט איז גאָט. ווערליק זײַן באַנעם איז דער באַגריף גאָט אַ פאַרגענגלעכע פּאַסירונג אין דער מענטשלעכער געשיכטע און דאָס לעבן פון אַ מענטש — אַן איינמאָליקע זאַך. דער טויט — אַ לעצטער אַקט. מיטן פיזישן סוף פון יחיד האָט זיך געענדיקט אַלץ וואָס ער האָט בײַם לעבן מיט זיך פאַרגעשטעלט. השארת־הנפש איז נישטאָ. קוטאָף האָט בלויז נישט געוואָלט אַז זײַן גוף זאָל זיך וואַלגערן ערגעץ אין אַ טהרה־שטיבל ביז אַ ייִשוב אין ישׂראל וועט זיך מרחם זײַן און אָפּטיילן פיר איילן קרקע

אין זײַן תּחום. ווען נאָר ס׳איז דערגאַנגען צו אים די ידיעה פון אַזאַ פאַל אין ישׂראל האָט עס אים פאַרשאַפט עגמת־נפש. פון בן־זאב, דעם געוועזענעם מיניסטער אין מושב־זקנים, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז יענער האָט זײַן גוף מנדב געווען דער וויסנשאַפט. איז זיי אײַנגעפאַלן, אים און ערנעסטינאַ, צו טאָן דאָס זעלבע. אָבער שפּיטעלער און אוניווערסיטעטן האָבן מער נישט גענומען קיין טויטע בחינם. הדסה־שפּיטאָל האָט זיך געהייסן באַצאָלן. דערפאַר זענען זיי געקומען צו אונדז, הלוי זאָל אויסגעפינען אויב ס׳איז פאַראַן אַזאַ מין אַגענטור וואָס פאַרנעמט זיך מיט אויפמאַנען אויך בײַ רוסלאַנד די חובֿות פון צאַרישן רעזשים.

הלוי האָט צוגעזאָגט אויספאָרשן דעם ענין און ווען זיי זענען אַוועקגע־גאַנגען האָט ער אַרײַנגערוקט דאָס פּעקל צאַרישע פּאַפּירן אין איינעם פון זײַנע שופלאָדן פול מיט אַנדערע פאַרלעגענע דאָקומענטן. סאַלאָמיר איז אונטערגעבליבן הערן דעם תּוכן פון בריוו וואָס מיר האָבן אַוועקגעשיקט קיין לאָנדאָן. צוזאַמען מיטן בריוו צום קלוב וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אויפמאָנען די חובֿות פון דער עסטרײַך־אונגאַרישער אימפּעריע, האָבן מיר מיטגעשיקט אַ פאָטאָגראַפיע פון צעטל. דאָס צעטל גופא, מען זאָל עס נישט צוגנבֿענען, האָט סאַלאָמיר באַהאַלטן אין אַ קליינער קאַסע, וואָס ער האָט אָפּגעדונגען בײַ אונדז אין באַנק.

— ס׳זעט אויס ווי אַ קבֿרל — האָט ער געזאָגט ווען ער האָט עס דאָרטן פאַרשלאָסן. ער האָט אַ סך מאָל איבערגעלייענט זייער פאַרזיכטיק די פּאַראַ־גראַפן אויף ביידע זײַטן פון בויגן. ס׳האָט געררייצט זײַן נײַגער צו וויסן עפּעס מער וועגן די דאָזיקע ענינים. ער האָט זיך קיין מאָל נישט פאַרטראַכט, אַז וועגן בערזע זענען געשריבן געוואָרן גאַנצע געשיכטעס. אין ייִדיש האָט ער זיך נישט אָנגעטראָפן אויף אַזעלכע ביכער. אויך נישט אין העברעיִש. שוין צוליב דעם וואָלט זיך אים געלוינט אָפּפרישן זײַן דײַטש און זיך אויסלערנען ענגליש. צײַט איז שוין מער נישט געווען קיין מניעה. ער האָט אויפגעגעבן די שמירה אין מושב־זקנים, געשלאָפן אין די נעכט און זיך געשפּירט פריש און אויסגערוט. די קעלט האָט זיך שוין מער נישט אײַנגעגעסן אין זײַנע ביינער. אַ ציטער איז נאָך געבליבן. דער מוזיי איז געשטאַנען אָפן. מען איז נאָך דערווײַלע נישט געקומען אויסלײַען ביכער אָדער קוקן אויף שלום־עליכמען, אָבער אויך אין צפת איז דער אָנהויב נישט געווען קיין

לײַכטער. ער געדענקט טעג װען קײן נפש האָט זיך דאָרטן נישט באַװיזן. ס׳האָט זיך געמאַכט אַז אַ פאַרבײַגײער האָט געכאַפּט אַ בליק דורכן פענצטער, אַנגעשטעלט אַ נײַגעריק פּנים אָבער אַרײַנגײן אינעװײניק און איבערלאָזן אַ מטבע אין טעצל — דאָס נישט. שײנע־רחל פלעגט אָפּלאַכן פון אים װען ער פלעגט אַלײן אַרײַנװאַרפן אַהין אַ זשמעניע מטבעות צו מאַכן אַ רושם אַז דער מוזײ פּוסטעװעט נישט און קײן אורחים פעלן נישט. אױך דאָ האָט ער עס געטאָן און פאַרשטעלט מיטן טיש אַ שפּאַרן חלק פון דעם אַרײַנגאַנג. דבורהן איז נישט געפעלן געװאָרן אַזאַ מין סדר. װאָס עפּעס בעטלען? האָט זי פאַרקרימט מיט דער נאָז. פאַרקױפן בילעטן האָט אױסגעזען מער בכבודיק אין אירע אױגן.

ס׳האָבן זיך אױסגעלאָזט אירע אַנגעגעמלטע שבתים און זי איז אַהײמ־געפאָרן װאַרטן אױף אַן ענטפער פון לאָנדאָן. זי װעט מאַכן אַ פּרוּװ און װױנען מיט סאָלאָמירן אַ יאָר צײַט אין שטאָט. זײ זענען בײדע געפאָרן אױף שבת צו דער טאָכטער אין דאָרף אַרײַן, סאָלאָמיר זאָל זיך באַקענען מיט דער משפּחה, ער האָט זיך דאָרטן אַרױסגעכאַפּט מיט אַן איבעריק װאָרט װעגן פריערדיקן געװינס, װען רישין האָט נאָך געלעבט, פאַרגעסנדיק אַז מען האָט דער טאָכטער װעגן דעם נישט דערצײלט, טאָמער װעט דער אײדעם זיך הײסן געבן אַ העלפט. דער אײדעם האָט זיך טאַקע אױפגערעגט, אַ רציחה האָט זיך אַנגעצונדן אין אים און ער האָט געפאָדערט זײַן חלק. ער האָט געװאָרנט סאָלאָמירן, אַז טאָמער עס װעט פעלן אַ פּרוטה פון דער סומע װעט נישט טױגן. באַלד אין אָנהױב האָט מען געקוקט קרומלעך אױף סאָלאָמירן און אים אױסגעהונגערט, געזשאָלעװעט אַ פרישע גלאָז טײ. דער אײדעם האָט אים געװיזן װי אַזױ צו קװעטשן צװישן די פינגער דאָס אָפּגעניצטע טײ־בײַטעלע, טרוקן און פאַרגעלבט, דאָס װאַסער זאָל באַקומען פאַרב. "קװעטש, קװעטש — האָט יענער געזאָגט — װעט דאָס גלאָז װערן טינקעלער".

— אַ באַנדיט. פּעיִק צו הרגענען אַ מענטש — האָט סאָלאָמיר זיך באַקלאָגט װען ער איז פון דאָרטן צוריקגעקומען.

ער האָט געװאַרט אױף אַן ענטפער פון לאָנדאָן דורכצופירן זײַנע פּלענער. פון מאָל צו מאָל האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אין קעלער אַרײַן אַ קוק טאָן אױפן צעטל. לאָנדאָן האָט געשװיגן און אפשר האָט מען עפּעס פאַרזען. ער

האָט געוואָלט וויסן דעם ריכטיקן טײַטש פֿון פֿאַרשיידענע טערמינען: ׳אָקס׳, ׳קום׳, ׳פּאַרי׳. און וואָס מיינט אָזוינס, ׳די תּקופֿה פֿון פּדיון׳. צי האָט שוין דער קלוב אויפֿגעמאָנט פֿאַר וועמען אַ חוב. הלוי האָט געהאַט אַ פּיזמון וועגן צײַט און געדולד. ער האָט אים געמעגט ברומען אויך וועגן זיך אַליין, ווײַל ער האָט נאָך אַלץ געוואַרט אויף אַן ענטפֿער פֿון דער שווייץ. נישט וואָס ער האָט געספּקט צי ער וועט באַקומען דעם קב״א־פּאָסטן. ס׳איז נישט געווען קיין צײַט צו ספֿקן. מיט איטלעכן טאָג האָבן זיך געמערט נײַע קליענטן. ס׳יאַגעניש צו קויפֿן קב״א־אַקציעס האָט פֿאַרכאַפּט יונג און אַלט. אין סאַלאָמירס סבֿיבֿה האָט דער קלאַנג פֿון זײַן מזל פֿאַרשטאַרקט דעם אייפֿער נאָך געלט. אויך בן־זאבֿ, דער געוועזענער מיניסטער, ריטאַ עולמיס געליבטער, האָט געבראַכט צו אונדז אַ פּעקל באַנק־הפּועלים־אַקציעס וואָס ער האָט אָפּגעהיט שוין צענדליקער יאָרן. ער איז נישט געווען אויף דער עפֿענונג פֿון מוזיי, אָבער הערנדיק פֿון ריטאַ עולמי וואָס דאָרטן איז זיך פֿאַרלאָפֿן איז אים אײַנגעפֿאַלן אָפּצײַען אַ מאָל אַ חשבון פֿון זײַן אייגן פֿאַר־מעגן. אַ גאַנץ לעבן איז ער געווען פֿאַרנומען מיט כּלל־ענינים און אָפּגעשטופּט פּריוואַטע באַדערפֿענישן אַן אַ זײַט. ווער האָט די אַלע יאָרן אין זינען געהאַט אייגננוציקע הצטרכותן? ער האָט אָבער געזען ווי די באַנק־הפּועלים האָט מיט דער צײַט זיך צעוואָקסן, אויפֿגעשטעלט הויכע בנינים אין די גרויסע שטעט, געעפֿנט פֿיליעס אין די קלענסטע שטעטלעך פֿון לאַנד, אָפּצווײַגן אין די גרויסע כּרכים פֿון דער וועלט, איז ער פֿאַרבליבן רויִק, ווײַל ער איז דאָך געווען פֿון די ערשטע שותּפֿים צום עשירות. באַצאָלט אַ מאַנדאַטאָרישע לירה פֿאַר יעדן בויגן, אַ פֿאַרמעגן אין יענע יאָרן.

— יסוד־אַקציעס — האָט ער נישט אַן שטאָלץ געזאָגט און צוגערוקט הלוין דאָס פּעקל.

ער איז געקומען צו אונדז מיט ריטאַ עולמי. איר מאַן איז געווען אַוועק קיין אַמעריקע פֿאַרקויפֿן דער דאָרטיקער טעלעוויזיע אַ פֿילם וועגן ייִדישע מצבֿות און זי האָט זיך דאָ וואָס מער אַרײַנגעלאָזט אין מיסחר מיט אַקציעס. איר חשבון האָט געוויזן גרויסע רווחים אָבער ס׳איז מער נישט גענוג געווען פֿאַר איר און זי האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַן אַמביציע צו פֿאַרכאַפּן אַ שליטה אין דער קב״א־געזעלשאַפֿט. זי האָט געהאַט רײַכע זין, יענע האָבן געהאַט רײַכע שותּפֿים און ס׳האָט נישט אויסגעזען אַזוי אוממעגלעך. דער

פלאַן איז געווען בײַ דער האַנט, כאָטש די קב״א־געזעלשאַפט איז שוין געוואָרן אַ קאָנגלאָמעראַט אויף אַ וועלט־מאַשטאַב.

— כ׳וועל אים נאָך זאָגן אַ דעה אין זײַנע געשעפטן — האָט זי געזאָגט וועגן קענאַרד בערנזאָן. זי האָט געבראַכט הלוין אַ בראָשור וואָס דוד עולמי האָט געלאָזט אָפּדרוקן אין אַמעריקע וועגן אַ פּלאַן אויפצוהיטן פאַר שפּעטערע דורות פאַרוואָרלאָזטע יִדישע בית־עלמינס אין אייראָפּע.

הלוי האָט אַרײַנגעלייגט די בראָשור אין אַ שופלאַד און דורכגעקוקט די באַנק־הפועלים־אַקציעס. קיין פּריילעכס האָט ער נישט געהאַט אַנצוזאָגן, אָבער בן־זאב האָט זיך גאָרנישט אָנגערופן און זײַן מראה האָט זיך נישט געביטן ווען ער האָט געהערט פון הלוין, אַז ער האָט געלעבט אין אַ טעות, אויב ער האָט געמיינט די גאַנצע צײַט אַז זײַנע פּאַפּירן האָבן ווען נישט איז געהאַט אַ ווערט. אין יענע יאָרן האָט מען פאַרן געלט געקענט קויפן אַ דונאַם לאַנד אין צענטער פון תל־אָביב אָבער איצט וואָלט עס קוים געקלעקט אויף אַ מיטאָג אין אַ רעסטאָראַן. בן־זאב האָט נישט איבערגעריסן הלוין מיט אַ וואָרט, צוגערוקט צו זיך איינעם פון די בויגנס פאַרשריבן מיט רש״י־כּתב, געטאַפּט צווישן די פינגער אַ ברעג פון גרויען פּאַפּיר, שאַרסטקע און געמיין, פאַרהאַלטן זײַן בליק אויף די אונטערשריפטן פון די באַנק־דירעקטאָרן אין יענער צײַט, מענטשן וואָס ער האָט געקענט, זײַנע נאָענטע חברים, זיי האָבן שוין אַלע נישט געלעבט, אויסגעטוישט אַ שטומען בליק מיט ריטאַ עולמי, געזען אַז די ריי צו דער קאַסע איז צו לאַנג און מותּר געווען אויף די עטלעכע פּרוטות פּראָצענט וואָס די באַנק וואָלט אים אויסגעצאָלט נאָכן אָפּשנײַדן די קופּאָנען. ריטאַ עולמי האָט געשמייכלט צו אים אָן אַ שמייכל אויף אירע ליפּן. דער מיסחר און די ליבע האָבן זי ייִנגער געמאַכט. זי האָט שפּעטער איבערגעשריבן אויף בן־זאבס נאָמען אַ פּעקל קב״א־אַקציעס.

שמואל סאָלאָמיר האָט יאָ געוואָלט וויסן דעם אונטערשייד צווישן זײַן צעטל און בן־זאבס אַקציעס. זײַנס איז געוואָרן טײַערער, נישט קוקנדיק וואָס די מלוכה איז אונטערגעגאַנגען, און בן־זאבס פּאַפּירן זענען פאַרבליבן אָן אַ ווערט, כאָטש די באַנק־הפועלים, ווי ער האָט געהערט, האָט זיך שוין פאַררעכנט צווישן די גרעסטע הונדערט און פופציק בענק אין דער וועלט.

— למה ? — איז געווען זײַן שאלה.

הלוי האָט זיך אַרײַנגעלאָזט אין לענגערע פּילפּולים וואָס דעם תּמצית

דערפון האָב איך געהערט פון רעקאָרדער נאָך סאָלאָמירס טויט. די עסטרייַך־אונגאַרישע אימפּעריע האָט אַרויסגעגעבן די עמיסיע לטובת דעם יחיד. די ממשלה האָט געוואָלט באַרייַכערן אירע אַנשי־שלומנו און זי האָט געפונען אַ געזעצלעכן אויפן דאָס צו טאָן. זי האָט גענומען אויף זיך צו צאָלן אַ הויכן פּראָצענט פאַר אַ געווייַנטלעכן חוב. לאָנדאָן האָט גאַראַנטירט, ווייַל פראַנץ־יאָזעף האָט פאַרמשכּונט זייַנע גיטער אין ענגלאַנד. די מלוכה איז אונטערגעגאַנגען, אָבער די גיטער זענען פאַרבליבן צו דעקן די חובות. די כּוונה פון דער באַנק־הפּועלים, בעת זי האָט אַרויסגעגעבן די אַקציעס, איז לכתחילה געווען אַ פאַרקערטע: לטובת דעם כּלל אויפן חשבון פון יחיד. דער כּלל איז רייַך געוואָרן, דער יחיד — נישט. די קב״א־געזעלשאַפט האָט, וועדליק הלויס אייַנזען, אויסגעקליבן אַ דריטע שיטה: לטובת ביידן, דעם יחיד און דעם כּלל. דער יחיד איז אַפילו געשטעלט געוואָרן אַ סך בילכער. טאָמער איז נאָר אַרויס אַ קלאַנג וועגן גוטע פּראָספּעקטן פאַרן כּלל האָט שוין דער יחיד געזען רווחים אין זייַנע אַקציעס.

סאָלאָמיר האָט אויסגעברייטערט דעם געדאַנק וועגן יחיד און כּלל און אים פאַרוואַנדלט אין אַ ראיה אויף אַנדערע ענינים. לעבן און טויט למשל. נאָר ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט, ווי ער איז זיך אַליין מודה געווען. ס'האָט זיך אים מער נישט געטראַכט וועגן טויט און אומזיסט האָט ער געזוכט ווידער אָנצוקניפּן אין געדאַנק דעם פאַרלוירענעם פאָדעם פון זייַן רעדע אויף דער עפענונג פון מוזיי. ס'איז אים דעמאָלט ווי אַ בליץ קלאָר געוואָרן פאַר וואָס דער טויט איז אַ רינג אין דער קייט פון אייביקן זייַן, אָבער ער האָט מער נישט געפונען דעם ריכטיקן נוסח. טאָמער האָט ער זיך פאַרטראַכט וועגן אומשטאַרבלעכקייט, וועגן שלום־עליכמען, איז אים גלייַך געקומען אויפן זינען דאָס פראַנץ־יאָזעף־צעטל און קענאַרד בערנזאָנס אַקציעס. ס'איז נישט פאַרגאַנגען קיין האַלבע שעה ער זאָל נישט טראַכטן וועגן זיי ביידן. ווען ער איז טרויעריק געוואָרן האָבן זיי אים פריילעך געמאַכט. ער האָט מער נישט געשפּירט די קעלט אין זייַנע ביינער. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף מיט אַ געשוואָלענעם האַלדז, מיט היץ, מיט אַ ווייטיק איבערן גאַנצן גוף, האָט ער נישט גערופן קיין דאָקטער, נאָר געשיקט אַ שכן נאָך דער צייַטונג און זעענדיק פון די באַריכטן אַז זייַנע קב״א־אַקציעס האָבן זיך געהויבן איז ער געלעגן און געחשבונט אין קאָפּ די רווחים. ס'האָט זיך אים

גאָרנישט געטראַכט וועגן שטאַרבן. ער האָט אויפגעהערט זוכן זײַנע פאַר־לוירענע כּתבים און אָפּגעלייגט אויף שפּעטער די געשיכטע פון זײַן לעבן, וואָס ער האָט גערעכנט צו באַשרײַבן. ער האָט אַרײַנגערעדט מעשׂיות אין רעקאָרדער און זיך אַרומגעטראָגן מיט אים אויף אַלע גענג, אויף די נסיעות איבערן לאַנד, ווען ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט זוכן שיינע־רחלען. דבורה איז געקומען פון קיבוץ צוויי מאָל אַ וואָך שפּילן אין קאָרטן. צו מאָל האָט זי איבערגענעכטיקט בײַ אים. ער האָט נישט געהאַט דערווײַלע פון וואָס צו לעבן, האָט זי אים געבראַכט פּראָדוקטן פון קיבוץ און אים אַוועקגעשענקט איר קעשענע־געלט, וואָס זי האָט אָפּגעשפּאָרט זינט רישינס טויט, כּלומרשט אַ הלוואה, ביז עס וועט אָנקומען אַן ענטפער פון לאָנדאָן.

ווען לאָנדאָן האָט געענטפערט און געבעטן אַרײַנשיקן געלט צו דעקן פאַרשיידענע הוצאות פון קלוב, מיטשיקנדיק אַ בינטל לייען־מאַטעריאַל, האָבן זיך באַשטעטיקט הלויס סברות, אַז דאָס אָפּגעפונענע צעטל האָט געהערט צו אַן עמיסיע מיט ספּעציעלע פּריווילעגיעס. קיינער האָט נישט געמאָלדן וועגן דער אַבדה און סאַלאַמיר האָט געהאַט אַלע רעכט אויפצו־מאָנען דעם חוב. ווי באַלד די פּאַרמשכּנטע גיטער אין ענגלאַנד וועלן פאַר־קויפט ווערן וועט דאָס צעטל זײַן פון די ערשטע צו ווערן אויסגעלייזט. מען האָט מיטגעשיקט פאָטאָגראַפיעס פון די בנינים וואָס האָבן געהערט צו דער אימפּעריע. זיי וואָלטן שוין פון לאַנג פאַרקויפט געוואָרן, אָבער מדינות וואָס זענען געווען אונטער פראַנץ־יאָזעפס שליטה, ווי אונגאַרן, עסטרײַך, רומעניע, יוגאָסלאַוויע, אויסצורעכענען בלויז אַ טייל פון זיי, האָבן געפאָדערט אַ רעכט אויפן איבערגעבליבענעם פאַרמעגן. דערפאַר האָבן זיך די פּראָצעסן געצויגן אַזוי פיל יאָרן. איצט איז די סיטואַציע געוואָרן גינציק פאַר די קרעדיטאָרן. דער קלוב האָט אָפּגעהיט די רעכט פון די בעלי־הצעטלען. ענגלאַנד האָט תּמיד געשמט מיט איר צדק.

סאַלאַמיר איז געקומען מיטן בינטל לייען־מאַטעריאַל צו אַנאַרכינען, צו מיר, אויף צו פאַרטײַטשן אַ וואָרט, אַ שורה. די קוטאַפּס האָבן אין דער אויסגערעכנטער רשימה פון קרעדיטאָרן געפונען נעמען פון באַקאַנטע און פון פּערזענלעכע פרײַנד. אייניקלעך פון מלכים, פּרינצן, גראַפינעס, יורשים פון הויכע מיליטער־לײַט. ערנעסטינאַ קוטאַף האָט אים געהאָלפן אויספילן ביאָגראַפישע פּרטים אויפן צוגעשיקטן פראַגעבויגן. אויך זײַן נאָמען וועט

דאָרטן פאַרצייכנט ווערן. ער האָט געהאַט אַ ברירה זיך אויסקלײַבן די אותיות, גרעסערע האָבן געקאָסט עפּעס מער. אָבער סאָלאָמיר האָט נישט געהאַט קיין געלט אויף דעם אַלעמען. דער מוזיי האָט נישט אַרײַנגעטראָגן קיין הכנסה, קיין ביכער האָט מען נישט אויסגעבאָרגט. ס'איז אים אַ שאָד געווען צו פאַרקויפן אַ חלק פון די קב"א־אַקציעס, מחמת זיי האָבן זיך געהויבן כמעט מיט יעדן טאָג, האָט ער אָנגענומען הלויס עצה, פאַרמשכּונט די אַקציעס און גענומען נאָך אַ הלוואה אין באַנק.

— ער איז אַרײַן אין אַ גוטער געזעלשאַפט — האָט הלוי געזאָגט וועגן אים.

איצטער האָט שוין דבורה מודיע געווען אין קיבוץ, אַז זי וועט גיין וווינען אין שטאָט אַ יאָר צײַט. זי איז אַרומגעגאַנגען מיט סאָלאָמירן באַקוקן הײַזער אין דער הייך אויפן באַרג, אַראָפּצו לעבן ים. אויב לאָנדאָן האָט געענטפערט און זיך געהייסן איבערשיקן געלט איז קיין ספק נישט אַז דאָס צעטל וועט זיך אויסלייזן אין צײַט. אַזעלכע קרעדיטאָרן, סאַמע פירשטן, איז נישט אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט.

*

נאָדל האָט פאַרשפּרייט גוזמאות וועגן סאָלאָמירס פאַרבינדונג מיט לאָנדאָן. אַנשטאָט פאַרטיילן נאַפּט און פּרוכטן איז ער פאַרפאָרן צו אונדז מיטן וואָגן, צוגעבונדן ס'פערד צו אַ סלופּ לעבן בנין און אַרײַן מיט דער בײַטש זיצן לעבן אונדזערע טישן און זיך צוהערן צו די שמועסן פון קליענטן וועגן רווחים אויף דער בערזע. קענאַרד בערנזאָן איז געוואָרן זײַן העלד. ער האָט נאָך אַלץ פאַרדרייט זײַן נאָמען און געוווּסט צו דערציילן אַז די ענגלישע מלכּה וועט אים דאָס יאָר מאַכן פאַר אַ לאָרד. נאָדל האָט געהערט, אַז קענאַרד בערנזאָן וועט אָפּקויפן בײַ סאָלאָמירן דאָס אימפּעריע־צעטל, כּדי אַרײַנצוקריגן אין זײַנע הענט די פאַרמשכּונטע גיטער אין ענגלאַנד.

אויך צו סאָלאָמירן איז מען געקומען מיט פאַרשיידענע דאָקומענטן. יהושע רימער האָט געבראַכט צו אים מערי די בעטלערין, זיך צו עצהן וועגן אירן אַן ענין, וואָס זי האָט אַלע יאָרן געהאַלטן בסוד. סאָלאָמיר איז געקומען מיט זיי צו אונדז. אין אַ ווינטערטאָג, אַ קעלט אין דרויסן, זענען זיי געקומען וואַרעם אָנגעטאָן און מערי האָט אַרויסגעצויגן פון עפּעס אַן אונטערקלייד

אַ רשימה פון צירונג באַגראָבן אין פּוילן. זי האָט אויסגעטראַכט אַ פּלאַן צו ראַטעווען דעם אוצר וואָס זי און איר מאַן האָבן באַהאַלטן אונטערן הויז, איידער דער דײַטש איז אַרײַן אין שטעטל, אַ יישוב הינטער קראָקע. ס׳פּאַפּירל איז געווען באַשריבן מיט ברייטע קינדערשע אותיות. אין אָנהויב האָט מען געמאַכט צוויי רשימות, נאָר איר מאַן איז אומגעקומען און זי האָט אירע פאַרלוירן אין לאַגער. נאָך דער מלחמה האָט זי פון זכרון פאַרשריבן דאָס צירונג. זי האָט אַלץ געדענקט. הלוי האָט געכאַפּט אַ קוק אין דער רשימה: גאָלד, ברילליאַנטלעך, רינגלעך, זילבערוואַרג, איידלשטיינער — און געפרעגט פון וואַנען מען קען זײַן זיכער אַז דאָס אַלץ ליגט נאָך דאָרטן באַגראָבן. ס׳איז דאָך געווען אַ מלחמה אויף דער וועלט. גאַסן, דערפער, שטעט זענען חרוב געוואָרן. ער האָט עס געזאָגט אָן חידוש, ווײַל פון אַזוי פיל דאָקומענטן מיט וועלכע מ׳איז געקומען צו אונדז הערן עפּעס אַ גוט וואָרט, פון די אויסגעטראַכטע מעשׂיות וועגן באַהאַלטענע אוצרות און גלייבענישן אין פאַרשיידענע מזלות, האָט הלוי זיך אויפגעהערט חידושן. זײַן אייגן ווײַב, דניאלה, האָט אויסגעחלומט אַ מזלדיקן נומער אויף צו געווינען געלט. זי האָט געוואָרפן קאָרטן אין שטוב און געשטריקט שאַטקעס פאַר פלעשער אויפצוהענגען אויף די ווענט.

מערי האָט זיך געפּאָרעט צווישן אירע קליידער ביז זי האָט אַרויסגעדער־טאַפּט פון עפּעס אַ קעשענע אַ פאָטאָגראַפיע, אויף וועלכער ס׳האָט זיך אָנגעזען אַ שטוב, איר אייגנס ביז די גויים האָבן עס צוגעראַבעוועט. די שטוב איז נישט באַשעדיקט געוואָרן אין דער מלחמה, געבליבן גאַנץ פון אַלע זײַטן און דאָס איז דער בעסטער סימן אַז דער אוצר ליגט נאָך דאָרטן באַגראָבן אומבאַרירט. ווען זי האָט זיך באַפרײַט פון לאַגער האָבן שוין גויים דאָרטן געוווינט און זי האָט מורא געהאַט אויסזאָגן נאָך וואָס זי איז געקומען. זי האָט זיך אויך געשראָקן אַרומצודרייען אין דער סביבה. מען האָט געהערט פון פאַלן, ווען גויים האָבן געשאָכטן אַ לעבן געבליבענעם ייִד און אים באַגראָבן ווי אַ הונט. הלוי האָט באַקוקט דאָס בילדל און געמאַכט אַ חשבון וויפל יאָרן ס׳זענען שוין פאַרבײַ פון זינט די מלחמה האָט זיך געענדיקט. ס׳איז נישט געווען זיכער אַז דאָס הויז איז נאָך דאָרט געשטאַנען. מען האָט עס שוין אַוודאי צענומען און אויפגעשטעלט פילשטאָקיקע הײַזער, ווי ס׳איז געוואָרן דער מינהג אויף דער וועלט און עמעצער האָט זיכער געפונען דעם

אוצר. מערי האָט אַרויסגענומען אַ פֿרישע פֿאָטאָגראַפֿיע, וואָס אַ פֿרײַנדלעכער פֿויער האָט איר צוגעשיקט נאָך נישט מיט קיין יאָר צוריק. יענער האָט באַהאַלטן איר טאָכטער ווען דער דײַטש איז אַרײַן. זי האָט אים גוט באַצאָלט דערפֿאַר. זי איז נישט געווען תּמיד אַ שלעפּערין און אַ מאָל האָט זי געהאַט מיט וואָס צו צאָלן. דאָ אין ישׂראל איז זי געוואָרן פּאַרוויסט און פֿאַריאָמערט אָבער אַ מאָל האָט זי געהאַט אַ היים, אַ מאַן, אַ פֿיגור. מענטשן האָבן איר נאָכגעקוקט ווען זי איז אַרויס אין דרויסן. שיין ווי אַ שפּאַנישע טענצערין, אַזוי האָט מען געזאָגט וועגן איר.

הלוי האָט איר צוריקגעגעבן דאָס פּאַפּירל. דער גאַנצער פּלאַן איז אים נישט געפֿעלן געוואָרן. די באַנק זאָל אויפֿן סמך פֿון דער רשימה איר געבן אַ הלוואה, מיטן געלט וועט זי קויפֿן קבֿ״א־אַקציעס, ווען די סומע וועט ווערן דרײַ־פֿיר מאָל אַזוי פֿיל, וועט מען שיקן דעם בחור קיין פּוילן אויסגראָבן דעם אוצר.

— וואָס פֿאַר אַ בחור? — האָט ער נישט פֿאַרשטאַנען.

— ס׳מאַכט זיך אַ חתן פֿאַרן בלינדן מיידל — האָט רימער זיך אָנגערופֿן. ער האָט זיך נישט געפֿילט פֿרײַ צוליבן טומל אין באַנק און חושד געווען טאָמער הערט מען זיך אונטער. מערי האָט אויך נישט אויסגעזאָגט דעם אַדרעס פֿון הויז אין פּוילן, פֿאַר מורא אַז מען וועט אַוועק אַהין, אויסגראָבן דעם אוצר און אים צונעמען. זי האָט צוריקגעגעבן הלוין דאָס צעטל ס׳זאָל בלײַבן אין באַנק. רימער האָט גאַראַנטירט. ער האָט פֿאַרמשכּונט זײַנע פּאַפּירן, האָט מען געגעבן מערין אַ הלוואה און זי האָט געקויפֿט קבֿ״א־אַקציעס. ס׳האָט זיך נאָך אַלץ געלוינט קויפֿן קענאַרד בערנזאָנס סחורה. מומחים האָבן פֿאָרויסגעזאָגט גוטע צײַטן פֿאַר דער געזעלשאַפֿט. ס׳איז געווען צו דערוואַרטן גרויסע רווחים פֿון דעם אָפּמאַך וואָס קענאַרד בערנזאָן האָט געשלאָסן מיט די לענדער פֿון דער דריטער וועלט. מאָסקווע האָט אים פֿאַרבעטן מיט אַ גאַנצער סוויטע עצה־געבערס וועגן פּראָיעקטן אין סיביר. מ׳האָט געשמועסט אַז די קבֿ״א־געזעלשאַפֿט וועט זיך אונטערנעמען ברענגען פֿון צפֿון אַן אײַזבאַרג קיין סאַודיע צו צאַפּן פֿון אים וואַסער הונדערט יאָר. מאָרגנשטערן האָט געבראַכט אַ ידיעה פֿון אַן אויסלענדישער צײַטונג, אַז קענאַרד בערנזאָן וועט זיך גטן מיט זײַן ווייב, דאָס אַמעריקאַנער מיידל מיט וועלכן ער האָט חתונה געהאַט לעבן דעם כּותל־המערבֿי, און זיך פֿאַרקנסן

מיט אַ טאָכטער פון דער אָפּענהיימער משפחה, די רײַכסטע ברילִיאַנטן־סוחרים אין דער וועלט.

ווען צו יעקב נאָדל דעם בעל־עגלה איז דערגאַנגען אַ קלאַנג וועגן מעריס אוצר באַגראָבן אין פּוילן, איז ער אַרײַנגעקומען אין באַנק אַרײַן און אויסגעזאָגט הלוין אַז ער האָט ליגן באַהאַלטן אַן אוצר אין זײַן שטוב. ער האָט אַלע יאָרן געקויפט גאָלדשטיקער און זײַן ווײַב האָט זיי פאַרשטעקט אין דער פּערענע. הלוי האָט אים געמאַכט אַ חשבון, אַז ער האָט אין איינע דרײַ פערטל יאָר פאַרדינט אויף דער בערזע מער געלט ווי פון צעפירן נאָפט און פרוכטן פאַר די לעצטע צען יאָר. דאָס האָט אויפגערייצט נאָדלס חשק צו פאַרדינען נאָך מער געלט און ס'איז אים אַרײַן אַ רעיון אין קאָפּ צו פאַרקויפן דאָס גאָלד און קויפן קב"א־אַקציעס. ער וועט אַרויס מיט רווחים, וועט ער עס צוריק אָפּקויפן. גאָלד, האָט ער געהערט, האָט זיך דווקא נישט געהויבן אין ווערט פאַרן לעצטן יאָר. ער האָט געקײַט אַ לאַנגן שטרוי און געזאָגט הלוין אַז ווען דער טאָג וועט קומען און ער וועט זיך דאַרפן אַרויסציִען פון דער דירה, וועט ער צוריקגעבן סילווערן דאָס אַנטגעלט און זאָל יענער שרײַען חי־וקיים. ער וועט גאָר אָפּקויפן די דירה און אויס געשעפטן מיט יענעם. דאָס זעלבע האָט נאָדל געטענהט פאַר רייזלען זײַן ווײַב, ווען ער האָט אויפגעטרענט די פּערענע און אַרויסגעקליבן פון צווישן די פעדערן דאָס גאַנצע גאָלד. ער האָט עס געבראַכט צו טראָגן אין באַנק אַרײַן אין אַ פּאָר אַלטע מענערשע זאָקן, ס'זאָל נישט אויפרײַסן די אויגן, ס'עסק האָט זיך געלוינט. נאָך דעם ווי ער האָט געקויפט קענאַרד בערנזאָנס פּאַפּירן זענען זיי גלײַך געשטיגן און געוויזן שפּאָרע פּאַרדינסטן.

באַהאַלטענערהייט איז הלוי מקנא געווען נאָדלען און אַנדערע קליענטן וואָס האָבן פאַראיבעריקט געלט אויף צו קויפן קב"א־אַקציעס. ווי אַזוי האָט נאָדל, אַן עם־הארץ, וואָס האָט אונטערגעשריבן טשעקן מיט דרײַ צלמלעך, אָפּגעשפּאָרט אַזוי פיל גאָלד? פון קישקעגעלט איז קיינער נאָך נישט רײַך געוואָרן. הלוין אַליין איז פון די שׂכירות אין באַנק נישט געבליבן קיין פּרוטה בײַם סוף פון חודש. אויך אַנאַרכין האָט נישט פאַראיבעריקט קיין פּרוטה פון זײַנע פאַרדינסטן אין באַנק. און זיי זענען דאָך ביידע געווען בקי אין פינאַנץ־ענינים. דאָס באַאַמטנטום, זענען זיי ביידע מסכּים געווען, האָט פאַרלוירן דאָס חשיבות אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און דאָס לעבן האָט

זיי נישט באַהאַנדלט צו פּיַין. ווענדליק זייערע פעיִקייטן האָבן זיי זיך פאַרדינט אַ בעסערע מערכה אין ישראל. הלוי האָט זיך אַרויסגעהאָלפן מיטן געדאַנק וועגן גוטן פּאָסטן, וואָס האָט געוואַרט אויף אים אין דער קב״א־געזעלשאַפט און ער וועט דאָרט באַקומען הויכע שכירות, אַנאַרכין ווידער — מיט די חשבונות אויפן פּאַפּיר. ס׳האָט געטראָפן אַז די רווחים האָבן זיך אַוועקגע־שטעלט ווי ממשותדיק פאַר זײַנע אויגן. ס׳איז געווען אַ ממשות פון אַ רגע, אָבער זייער קאָנקרעט, וואָס האָט אים אונטערגעזאָגט אַז עס וועט אָנקומען אַ שעה, ער וועט פאַרקויפן די אַקציעס און אָפּנעמען מיליאָנען.

הלוי האָט זיך נישט איַינגעהאַלטן און געבאָרגט ביַי ריימאָנדאַ, זײַן סעקרעטאַרשע, אַ ביסל געלט אויף צו קויפן קב״א־פּאַפּירן. זײַנע עצות וואָס ער האָט געגעבן אַנדערע זענען נישט געווען איבערגעטריבן. ער האָט אַליין אויך געגלייבט אין דער צוקונפט פון דער קב״א־געזעלשאַפט, אַניט וואָלט ער נישט געפונען אין זיך אַזוי פיל כּוחות צו אַרבעטן טאָג און נאַכט. ער איז איטלעכן אָוונט געגאַנגען ערגעץ אין אַ שטובקריַיז. ס׳איז אים נישט אויסגעקומען צו זיַין אין דער היים. ריימאָנדאַ איז אויך געוואָרן אַ דעה־זאָגערין אין בערזע־ענינים. זי האָט אַראָפּגערעדט פון פלאַטפאָרמעס און געפּאָדערט מע זאָל בײַטן געזעצן אין לאַנד. מיר האָבן שוין געהאַט אונדזערע סימנים ווען הלוי האָט איבערגענעכטיקט ביַי איר אין שטוב. פון איר פלעגט ער קומען צו דער אַרבעט אַ פערטל שעה פריִער און מיטגעבראַכט פלעצלעך מיט ווײַסן קעז, באַשמירט מיט האָניק, צו פאַרבײַסן צען אַ זייגער צום טיי. פון דער היים האָט ער געבראַכט דינע שניטקעס שוואַרצלעך ברויט, צעשניטן אויף אַ העלפט. אין אַ פרימאָרגן, ווען הלוי האָט אויפגעוויקלט אַ פלעצל מיט קעז און האָניק האָט אַנאַרכין אים צוגעוואָרפן אַ רמז, אַז מען ווייס מיט וועמען ער האָט זיך די נאַכט מתענג געווען און אים אויפגעזומט אַ זמרל, אַ שלאָגער פון אַמאָליקע צײַטן: O, Paree, O, Paree!

*

בערנזאָנס שליח, סער דייוויד סטעפאַרד, וועלכער איז אַלע מאָל געקומען קיין ישראל און צוריקגעפאָרן, האָט פאַרבעטן אַנאַרכינען קיין שווייצאַריע אויפן חשבון פון דער קב״א־געזעלשאַפט. הלוי האָט אים אָנגעזאָגט זיך נאָכפרעגן דאָרטן וועגן קב״א־פּאָסטן אין לאַנד, ווען עס וועט אָנקומען דער

ענדגילטיקער ענטפער. ער אַליין איז שוין געווען גרייט זיך געזעגענען מיט דער אַרבעט אין באַנק. אין אַ פרייַען טאָג, אין אַ שבת, אַ יום־טוב, ווען די באַנק איז פאַרמאַכט פאַר קהל, וועט מען זיך אַוועקזעצן דורכקוקן אַלע שופלאָדן, כּדי איבערצולאָזן נאָך זיך אַ ריינעם טיש.

מיר זענען פאַרוואָרפן געוואָרן מיט זייער אַ סך דאָקומענטן. מען האָט געבראַכט צו אונדז קוויטלעך אויסגעוואַשן צווישן גרעט, צעביסענע פון מייַז. איינער האָט געבראַכט צו אונדז אַ צעטל, ווו דער פּראָצענט האָט זיך גערעכנט אין מילן, אַן אַמאָליקע מטבע, אַ טויזנטסטל פון אַ פּרוטה. אַ צווייטער איז געקומען מיט הלוואה־צעטלען וואָס די מדינה האָט אויסגעלייזט מיט יאָרן צוריק. איינס פון די צעטלען איז געהאַט אַ מאָל אַרויס מיט אַ גרויס געווינס און ביז איצט נישט אויסגעלייזט געוואָרן. הלוי האָט זיך שפּעטער געבייזערט אויפן בעל־הזכיה, הלמאַי יענער האָט נישט אַ פּינטל געטאָן אַז אויג ווען ער האָט אים אָנגעזאָגט די גוטע בשׂורה. הלוי האָט גאָרנישט באַמערקט אַז יענער איז בלינד. אַ היסח־הדעת האָט זיך אַרייַנגעכאַפּט אין זייַן בליק און ער האָט אויפגעהערט שפּירן וואָס אַרום אים טוט זיך. ער האָט נישט באַמערקט חיים ציפּורין שטיין לעבן אים, ביז אַ קליענט האָט זיך באַקלאָגט אַז מען הערט זיך אונטער צו זייַנע פּריוואָטע געשעפטן. הלוי האָט מיטן ערשטן בליק נישט דערקענט ציפּורין, כאָטש יענער האָט זיך קיין סך נישט געביטן און ווינציק באַשעדיקט געוואָרן פון זינט ער איז געפאַלן אין סאַלאָמירס הויף. ער איז געוואָרן דאַרער, שטייַפער. אונטער זייַנע ברילן האָט איין אויג אויסגעזען גרעסער פאַרן אַנדערן. ס'האָט אויסגעפילט דאָס גאַנצע שייַבל. זייַן רונדיק פּנים האָט זיך אויסגעאיידלט און געוואָרן דרייַ־קאַנטיק. ער האָט געהאַלטן אַ קוויטל אין דער האַנט און מען האָט נישט פאַרשטאַנען זייַן פאַרלאַנג. הלוי האָט גערעדט צו אים ווי צו אַ שטומען, אַ טויבן, ווי צו אַ קינד, באַנוצט פאַרשיידענע לשונות. ציפּורי האָט אים געענטפערט, אָבער אַרויסגעקומען איז בלויז דאַ־דאַ־דאַ־דאַ־דאַ.

נישט דאָס ערשטע מאָל ווי ציפּורי האָט זיך אַרייַנגעשטעלט אין באַנק און אונדז געשטערט אין דער אַרבעט. אויב סאַלאָמיר איז בייַגעווען האָט ער אים אייַנגענומען און אים אַהיימגעפירט, אַניט האָט מען געקלונגען אין מושב־זקנים און ווער פון די קוטאַפּס אָדער שושנה ציפּורי אַליין איז געקומען נאָך אים. אין דער היים האָט ער אַלעמען טיראַניזירט. אין אַנהויב, ווען ער

איז צוריקגעקומען פון שפּיטאָל, איז ער דווקא געווען הכנעהדיק און פּאָל־געוודיק. האָט מען אים פאַרגעשטעלט אַ גאַסט און ער האָט יענעם דערקענט — האָט ער געוויינט אַן טרערן און אָן אַ קול. שפּעטער האָט זיך באַזעצט אין אים אַ רישעות און יעדע קלייניקייט האָט אים דענערווירט. מען האָט אַזוי גיך נישט פאַרשטאַנען וואָס ער וויל, האָט ער זיך געכאַפּט צו שלאָגן. ער האָט גענומען זײַן טאַגע, דאָס שאַכברעטל, נאָך עטלעכע מלבושים און זיך אַרײַנגעצויגן אין אַן אויסגעליידיקטן צימער גלײַך מיט אַלע פּענסיאָנערן. ער האָט נישט געוואָלט וווינען מיט ווײַב. אויך עסן האָט ער נישט געגעסן באַזונדער אין זײַן דירה, ווי עס פּאַסט פאַר אַ בעל־הבית, נאָר צוזאַמען מיט די זקנים. ער האָט זיך נישט געקענט ריין האַלטן און ערנעסטינאַ קוטאַף האָט זיך מיט אים מטפּל געווען. זי האָט אים געקאָרמעט, געבאָדן, געפירט אין קלאָזעט, ראַזירט דאָס פּנים. זי האָט געלאָזט וואַקסן זײַנע באַקנבערד לויט דער נײַסטער מאָדע דעמאָלט אין לאַנד, אַראָפּ צו ביז אונטער די אויערן, און געקוקט צוזאַמען מיט אים אין וואַנטשפּיגל, ער זאָל הנאה האָבן פון די שפּיצן פאַרשניטן גלײַך אויף גלײַך.

איין מאָל האָט אים קוטאַף געטראָפן זיצן אויף דער שטול מיטן שאַכברעטל אויפן שויס, האָט ער געבראַכט די שטוקעס און זיי האָבן געשפּילט. ציפּורי איז נישט געווען מסוגל צו מאַכן אַ ריכטיקן גאַנג, קוטאַף האָט געשפּילט פאַר ביידן. ס׳איז געוואָרן כמעט אַ מינהג. נישט אויסגעגאַנגען אַ טאָג אָן אַ פּאַרטיע שאַך.

איך האָב אָוועקגענומען ציפּורין פון הלויס טיש. אין דרויסן איז געווען האַלב רעגנדיק און ער איז געקומען אַנגעטאָן אינעם גראַנאַטענעם רעגן־מאַנטל מיטן פּאַסיק און די שליפּעס. אויפן קוויטל איז געווען פאַרצייכנט אַ לענגערער נומער, מער ווי צען ציפערן צעטיילט דאָ און דאָרטן מיט אַ שטראָך. הלוי האָט זיך דערמאָנט וואָס ציפּורי האָט אַ מאָל געטענהט פאַרן ווײַב, אַז ער האָט אײַנגעקויפט פאַרן איבעריקן געלט קב״א־פּאַפּירן און ס׳איז אים אײַנגעפאַלן אַז דאָס קוויטל מיט ציפערן קען גרײַלעך זײַן דער געהיימער קאָנטע־נומער ערגעץ ווו אין אַ באַנק. מען האָט אַרויסגערופן שושנהן דורכן טעלעפאָן זי זאָל קומען אַהיימנעמען איר מאַן. מען האָט איר געהאַט עפּעס וואָס צו זאָגן. זי איז פאַרפאַרן צו אונדז אין דעם נײַעם ענגלישן אויטאָ און זיך אַרײַנגעיאָגט אין זאַל צוזאַמען מיט אַ קודלעוואַטן

הונט, געל ווי אירע אָפּגעפאַרבטע האָר. הלוי האָט איר געוויזן דאָס קוויטל און זיך משער געווען אַז דאָס איז איר מאַן געקומען סוף־כּל־סוף אויסזאָגן ווי ער האָט אַהינגעטאָן דאָס איבעריקע געלט.

שושנה האָט געקוקט אויפן פּאַפּירל מיט אַ פאַריאַכמערטן בליק. אירע תּנועות זענען געווען צעשרויפט. זי האָט זיך געבייזערט אויפן הונט, אויף איר מאַן און איר הייזעריק קול האָט זיך אַרײַנגעשניטן אינעם שטייענדיקן טומל פון שרײַבמאַשינען, טעלעפאָנען, אַנדערע קולות. זי האָט מער נישט געהאַט קיין כּוחות צו טראָגן אויף אירע אַקסלען דעם עול פון מושב־זקנים. אין די באַגינענס האָט זיך איר מער נישט געגלוסט אויפשטיין פון בעט און אָנפירן מיט דער ווירטשאַפט. ווען נישט די קוטאַפּס וואָלט זי פאַרשלאָסן דעם אַנשטאַלט. זי האָט באַטאַפּט דאָס קוויטל, געקוקט אויף די ציפערן מיט אַ צודרינגלעכן בליק, זיך געפרוווט עפּעס דערמאָנען. פאַר וואָס האָט ציפּורי נישט געוואָלט אויסזאָגן אַלע יאָרן ווו ער האָט פאַרשטעקט דאָס געלט? ווען ער האָט געהאַט אַ צונג אין מויל האָט ער זיך געמאַכט פאַר אַ שטומען און געשוויגן, איצט ווען דאָס לשון איז אים אָפּגענומען האָט זיך אים פאַרגלוסט אויסזאָגן זײַנע סודות. ווען דער שׂכל איז געווען האָט ער געזאָגט ליגן, ווען ער האָט אים פאַרלוירן איז ער געקומען זאָגן דעם אמת. זי האָט אויסגעדרייט איר קאָפּ צו חיים ציפּורי און אַרײַנגערעדט אים אין פּנים אַרײַן, אָנזאָגנדיק אַז ער האָט פאַרשפּעטיקט די באַן.

— האָסט זיך געכאַפּט צו שפּעט, מײַן טײַערער מאַן — האָט זי צוגעגעבן.

זי האָט אָנגעוויזן אויף די אַקסלען פון זײַן רעגן־מאַנטל, אַז זיי זענען שוין מער נישט אונטערגעבעט מיט שווייצאַריש געלט. אין זײַנע אויגן האָט זי אויפגעטרענט די נעט און אַרויסגעצויגן די באַנקנאָטן ער זאָל זען אַז זײַן סוד איז קיין סוד נישט געווען. זי האָט געמיינט אַז ער וועט זיך מצער זײַן ווען זי האָט אים צוריקגעגעבן דעם מאַנטל אָן דעם געלט, אָבער ער האָט גאָר געשמייכלט.

— ווי אַ גולם — האָט זי געזאָגט.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט און אים אָנגעהויבן אַרויספירן פון באַנק, רופנדיק אים מיט אַזעלכע נעמען ווי פילאָסאָף, מאַנספאַרשוין, פאַנטאַזיאָר. זי האָט געהאַלטן די טיר ברייט צעעפנט ביז חיים ציפּורי האָט זיך אַרויסגע־פּלאָנטערט אין דרויסן אַרויס און נאָך אים דער קודלעוואַטער הונט מיט

די קורצע באוואקסענע פּיס. הלוי האָט איר צוגעזאָגט זיך נאָכפרעגן אין די אַנדערע בענק ביי אונדז אין שטאָט, אויב ס'איז פאַרשריבן ביי זיי אַ קאָנטע מיט אַזאַ נומער און ער האָט אַריינגעשטופּט דאָס קוויטל אין זיינס אַ שופלאָד.

*

ווען אַנאַרכין איז צוריקגעקומען פון שווייצאַריע, ווו ער האָט פאַרבראַכט פערצן טעג אויפן חשבון פון זיין פריינד סער סטעפאַרד, האָט ער מיט־געבראַכט פון דאָרטן דעם ענדגילטיקן ענטפער, אַז הלוי איז באַשטימט געוואָרן ווי דער פאַרשטייער פון דער קב"א־געזעלשאַפט אין ישׂראל. די שריפטלעכע באַשטעטיקונג האָט באַדאַרפט אָנקומען אַ ליאַדע טאָג, העכסטנס אַ חודש, און דער שליח איז באַפולמעכטיקט געוואָרן, ווען ער וועט קומען אין לאַנד, אַרומרעדן מיט הלוין אַלע פאַרמעלע ענינים. הלוי האָט מער נישט געוואַרט און באַשטימט אַ טאָג אויף אַפּרייניקן זיין טיש. אין אַ שבת אין דער פרי, נאָך אַ וואָך פון רעגנס, האָבן מיר אַלע דריי זיך אַריינגעלאָזט מיט דער הינטערטיר אין באַנק אַריין און פאַררוקט די פאַרהאַנגען איבער די שויבן, מ'זאָל נישט זען אין דרויסן אַז מען אַרבעט. אינעווייניק איז געווען קיל און טוכלע. אַ פייכטקייט האָט באַטריבט דאָס געמיט און ס'האָט זיך נישט געגלוסט אָנהייבן עפּעס טאָן. דער געדאַנק אַז דער קב"א־פּאָסטן איז שוין אַזוי גוט ווי געלעגן אין זיינע הענט און ער האָט סוף־כל־סוף דערגרייכט זיין ציל, האָט געמאַכט הלוין אומגעדולדיק צו דער אַרבעט אין באַנק. ער האָט מער נישט געקענט פאַרטראָגן די טעגלעכע ענינים און געוועזן טעג ווען ער איז נישט געקומען צו דער אַרבעט. ער איז אַרומגעפאָרן מיט ריימאַנדאַ באַקוקן בנינים, פּאַסיקע פאַר קב"א־קאַנצעלאַריעס. זיי האָבן זיך ביידע געלערנט טרייבן אַן אויטאָ. מאַרגנשטערן האָט זיך געקויפט אַ גרויסן שעוראָלעט און זיי געפירט קיין ירושלים און קיין תל־אָביב.

— מען וועט גלייך פון אָנהויב אַן זיך שטעלן גרויס — האָט הלוי איבער־געחזרט.

איצטער איז ער געזעסן לעבן זיין טיש, איינגעהילט אינעם אָרעמען מאַנטל, דעם זעלביקן וואָס ער האָט געטראָגן אין יענער רעגנדיקער נאַכט, און זיך אונטערגעפוילט אַרויסצורוקן אַ שופלאָד. ער האָט אַרויסגערוקט איינעם,

אַ האַנט די ברייט, און געקוקט אַן חשק אויף די דאָקומענטן וואָס ער האָט פון דאָרט אַרויסגעצויגן און צעלייגט אויפן טיש. ער האָט אונטערגעהויבן אַ בריוו געשריבן קיין שווייצאַריע, וואָס מען האָט נישט אַוועקגעשיקט, זיך פאַרקוקט אויף אַנאַרכינען, וועלכער איז געזעסן לעבן זײַן טיש און געצונדן די ליולקע לענגער ווי געוויינטלעך, און געפרווט פאַרטרײַבן אַ געפיל פון קינאה. וועגן די וווּנדערס און עשירות וואָס אַנאַרכין האָט זיך דאָרטן אָנגעזען האָט ער שוין געהערט מיט טעג צוריק. אויב ס'איז אמת וואָס אַנאַרכין האָט דערציילט, די מסיבות ווו ער איז געווען פאַרבעטן און דאָרטן זיך אָנגעטראָפן אויף וועלט־באַרימטע מענטשן, וואָס זענען געקומען אַהין אָפּגעבן כבוד דעם שעפער פון דער קב״א־געזעלשאַפט, אויב אַנאַרכין האָט נישט איבער־געטריבן וועגן דעם זילבער און גאָלד אין די פּאַלאַצן, וועגן די אומשאַצלעכע געמעלן אויף די ווענט, וועגן די שיינע פרויען, — אויב ס'איז אמת וואָס אַנאַרכין האָט דערציילט, האָט ער, הלוי, דאָ אָפּגעפרעמדט אַ לעבן. אָפּגע־אַרבעט יאָרן נישט אויפן ריכטיקן פּלאַץ.

גראָד איצט, ווען ער איז געשטאַנען פאַר אַ נײַער תקופה, האָט דאָס דאָזיקע געפיל אים נישט אָפּגעלאָזט און איטלעכער טאָג אין באַנק האָט זיך געצויגן צו לאַנג. אַלץ וואָס ער האָט אויפגעטאָן האָט מער נישט אויסגעזען וויכטיק אין זײַנע אויגן. נישט אַ,וי האָט ער געמיינט וועט זײַן דאָס געפיל ווען ער וועט זיך דאַרפן צעשיידן מיטן אַנשטאַלט פאַר וועלכן ער האָט אָפּגעגעבן זײַנע בעסטע יאָרן. ווײַל נאָך אַלעמען האָט ער דאָ עפּעס אויפ־געטאָן. די באַנק איז באַשטאַנען פון אַ זאַלכל מיט אַ הינטערקעמערל, ווען ער האָט אָנגעהויבן דאָ אַרבעטן. אַ קליענט איז געווען אַ נאָווינע. פקידים האָבן געגענעצט. ווער האָט דעמאָלט געהערט וועגן אַקציעס? אויף דער אַלענבי־גאַס אין תל־אביב, פאַרשטופּט אין אַ ווינקל פון אַ בנין, האָט צוויי אָדער דרײַ מאָל אַ וואָך זיך צונויפגעזאַמלט אַ האַלבער מנין אַלטע ייִדן געקומענע פון ווין, פראַנקפורט, בערלין און זיך געשפּילט אין בערזע. מען האָט געמיסחרט אויף דײַטש מיט אַ האַלבן טוץ ווערטפּאַפּירן, כּמעט פון העלביקן סאָרט און מען האָט אָפּגעקויפט איינער בײַם אַנדערן די זעלביקע סחורה מיט דעם אונטערשייד פון פּרוטות אין קורס. וועד האָט געוווּסט פון דיווידענדן? ס'האָט זיך איין מאָל באַוויזן אַ קליענט מיט אַ צעטל און קופּאָנען — האָט ער זיך גלײַך צוריקגעצויגן, ווען ער האָט געהערט וועגן

פּראָצענט, אויסרופנדיק אַז מען טאָר עס נישט נעמען לויטן דין. הײַנט וואָלט עס קײנער נישט געזאָגט. די באַנק איז געוואָרן גרויס און אונדזער אַפּטײל — דער פּיבערדיקסטער אבר פון אַנשטאַלט. די בערזע איז אַרײַנגעדרונגען אין אַלע שטיבער און קענאַרד בערנזאָנס נאָמען האָט געקלונגען איבערן גאַנצן לאַנד.

— איז דאָרטן, הײסט עס, געווען חי געלעבט — האָט ער זיך אָנגערופן צו אַנאַרכינען און אַוועקגעלײגט אַן אַ זײַט דאָס בריוול קײן שווײצאַריע. דער צווײטער בריוו אין געווען פון עמוס שיי, דער יונגער פּקיד וואָס האָט געוואָלט אָפּקויפן דעם קב״א־פּאָסטן אין לאַנד. הלוי האָט געדענקט דעם תּוכן פון אויסנווייניק און זײַן מראה האָט זיך פּלוצלינג געביטן. ער האָט נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט די עטלעכע שורות, מיר זאָלן הערן דעם פּרײַז וואָס יענער האָט אָנגעבאָטן און מודיע געווען אַז עס איז געקומען דער טאָג צו ענטפערן דעם חוצפּהדיקן בחור. די חוצפּה איז הלוין דווקא געפעלן געוואָרן. נאָר בראַוואָ מענער רײַסן זיך גלײַך פון אָנהויב צום סאַמע שפּיץ. ער וועט פאַרלייגן עמוסן מיטאַרבעטן אין דער קב״א־געזעלשאַפט. מיט אַ האַלבן טוץ אַזעלכע חברה־לײַט וועט מען אײַננעמען דאָס לאַנד. מען וועט צוגרייטן פּלענער און מיטן געלט פון די פאַרקויפטע אַקציעס אָפּקויפן אַלץ וואָס כּדאַי. ווו נאָר אַ פאַבריק אין אַ צרה — וועט מען אַרײַן מיט אַ ביסל געלט און איבערנעמען די שליטה. ס׳איז געווען אַן אײַזערנער כּלל, תּמיד גילטיק אין מיסחר: מענטשן אין צרות פאַרקויפן ביליק. מען וועט נישט דורכלאָזן קײן שאַנסן. ער וועט אַוועקזעצן עמוסן מיט אַ מאַפּע פון די וויכטיקסטע אונטערנעמונגען אין לאַנד אויסצושפּירן זייער מצב און ווו נאָר מען וועט געפינען ערגעץ ווו אַ פעלער וועט מען אָנהייבן פון דעם פּונקט, זיך אַרײַנגראַבן אַהין און אַרײַננעמען דעם עסק אין די אייגענע הענט. מען וועט זיך צעשפּרייטן מיט כּוח. פאַבריקן, אַגענטורן, געווערקשטעלן, האַנדל, נאַפט, ים־המלח, דאָרף און שטאָט, מען וועט איבערנעמען די ווירטשאַפט אין לאַנד. און אויב די ידיעה אַז קענאַרד בערנזאָן וועט עולה זײַן קײן ישׂראל וועט זיך אַרויסווײַזן פאַר ריכטיק און מען וועט איבערגעבן אין זײַנע הענט דורכצופירן דעם שוין לאַנג פּלאַנירטן פּראָיעקט, אַ קאַנאַל אין דעם ברייט פון לאַנד צווישן ביידע ימען, וועט די קב״א־געזעלשאַפט ווערן די הערשערין איבער דער מדינה. הלוי האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט

פלענער און ס'איז קלאָר געווען אַז ער וועט נישט קומען מיט לײדיקן באַגעגענען קענאַרד בערנזאַנס שליח. ער האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטל, אים אויפגעהאַנגען אויף אַ הענגערל הינטער זיך און געריבן עטלעכע מאָל די הענט אַנצושאַרפן דעם חשק צו דער אַרבעט.

— איך וועל דאַרפן אויך קריגן אַ פּאָסטן — האָט אַנאַרכין זיך אָנגערופן און אַרויסגעלאָזט פּאַמעלעך אַ פול מויל מיט רויך.

הלוין האָט ער דאָס ביז איצט נישט געזאָגט. פאַר מיר האָט ער אין אַ פרימאָרגן אין אויטאָבוס זיך באַרימט אַז דאָס האָט ער און נישט קיין אַנדערער געפועלט מען זאָל באַשטעטיקן הלוין די קב"א אַנפירערשאַפט אין לאַנד. מען האָט דאַרטן גאַרנישט געטראַכט וועגן הלוין און מען האָט זיך נישט איבערגענומען מיט זײַנע בקשות, מיט זײַן אַרומלויפן איבער די שטוב־קרײַזן, מיט זײַן פאַרשפּרייטן קענאַרד בערנזאַנס רעיונות און פּאַפּירן. אויף שווייצאַריע האָט עס נישט געמאַכט קיין רושם. אָבער אַנאַרכין האָט זיך משתדל געווען בײַ זײַן פרײַנד סער דייוויד סטעפּאַרד און יענער האָט אויס־געפועלט בײַ קענאַרד בערנזאָן דעם פּאָסטן פאַר הלוי.

— אמתע פרײַנדשאַפט איז אַלץ — האָט ער מיר אין אויטאָבוס געזאָגט מיט אַן אָנווונק אַז דאָס האָט ער געבאַרגט אַ פּראַזע בײַ אַן ענגלישן שרײַבער, דעם נאָמען האָט ער נישט אָנגערופן.

איצט איז ער געגאַנגען אַהין און צוריק לעבן אונדזערע טישן מיט די ברילן פאַררוקט הויך איבערן שטערן און די ליולקע, מיט הפסקות צווישן די פינגער און ליפּן. דער אייראָפּעיִשער דעפּאַרטאַמענט פון דער קב"א־געזעלשאַפט האָט זיך געבייטיקט אין מענטשן וואָס קענען אַ סך שפּראַכן. ער וועט גלײַך אַרײַן אין דער אָנפירערשאַפט. ס'איז אים גאַרנישט אײַנגעפאַלן זיך נעמען צו דער אַרבעט. ער האָט נאָכגעקוקט הלוין ווי ער האָט אַרויפגעשטעלט אַ שופלאָד אויפן טיש ס'זאָל זײַן לײַכטער סאָרטירן דאָקומענטן און זיך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געזאָגט עפּעס קלוגס, וואָס רופט אַרויס אַ שמייכל.

הלוי האָט זיך אָנגעשלאָגן אויף דער בראָשור וואָס ריטאַ עולמי האָט אים געבראַכט אַ מתנה פון איר מאַן, צוגעשיקט פון אַמעריקע. **גדר־אבות** איז געווען דער טיטל. אַזאַ פלאַן געשטיצט אויף ענלעכע פּרינציפּן ווי די וואָלונ־

טירן אין קיבוצים, אַז ייִדישע יונגע־לײַט און מיידלעך פון די פרײַע לענדער זאָלן פאָרן קיין אייראָפּע אויף קורצע תּקופות, אָפּהיטן און רייניקן האַלטן אַרום צוויי טויזנט ייִדישע בית־עלמינס, מיט אַ מסקנא אַז עס וועט זײַן לטובת ביידן, דער יוגנט און דער טראַדיציע. ער האָט עס אַ בלעטער געטאָן און נאָך דעם זיך גענומען צום לייענען די שבחים וואָס דער קצב און דער שאָפער מיט זייערע ווײַבער האָבן אים צוגעשיקט פון אַ לוסטרײַזע אין אייראָפּע. זיי וועלן אייביק דערמאָנען צום גוטן זײַן נאָמען, האָט זיך געשריבן אין בריוו. ער האָט איבערגעלייענט אַ שורה דאָ און דאָרטן, מיר זאָלן הערן און איבערגעלאָזט אין גאַנצן נישט געענטפערט אַנאַרכיִנס ידיעה וועגן פאַסטן אין אייראָפּע. ס'האָט זיך אָנגעזען אויף זײַן פּנים, אַז ער האָט עס נישט גענומען צו ערנסט. אויך די מעשׂיות וואָס אַדעלאַ האָט אים אָנדערציילט וועגן איר מאַן, אַז זי האָט אים געכאַפּט פלירטעווען מיט בערנזאָנס שליח, האָט ער אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. מענטשן טראָגן זיך אַרום מיט פאַנטאַזיעס, האָט ער מיר נישט איין מאָל געזאָגט. דניאלה, זײַן ווײַב, האָט פאַנטאַזירט אַז די בלעכלעך און די רינגען וואָס זי האָט אָנגעהאָנגען אויף די פלעשער אין די געשטריקטע שאַטקעס זענען פון אמת גאָלד. הלוי האָט אַרויפגעשטעלט אַ פוס אויפן שטול און געלייענט בקול־רם וואָס גאולה מינץ האָט געשריבן אין נאָמען פון ביידע משפּחות, אַז אין אייראָפּע האָבן זיי איינגעזען קענאַרד בערנזאָנס אמתע גרויסקייט. ס'האָט זיך געררודערט מיט אים אין אַלע גרויסע שטעט. אין יעדער שטאָט זענען זיי געגאַנגען אין די בענק זיך נאָכפרעגן אויף דעם קורס פון די קב״א־פּאַפּירן. אַ דאַנק די גרויסע רווחים האָבן זיי באַשלאָסן פאַרלענגערן זייער נסיעה. די שיינע האָטעלן האָבן געפאַנגען זייערע הערצער. זיי האָבן געגעסן אין די רײַכסטע רעסטאָראַנען, געפאָרן אויף אַ לוסטשיף לענג־אויס דער ריוויערע. הלוי האָט געטאָן מיט זיי דעם גרעסטן חסד, ווען ער האָט זיי געהייסן פאַרקויפן האָב־און־גוטס און אײַנקויפן אין דער געהעריקער צײַט קב״א־פּאַפּירן. זאָלן אָקסן אַרבעטן, האָט גאולה מינץ ציטירט אין בריוו איר מאַנס אַ ווערטל, און געוווּנטשן קענאַרד בערנזאָן, הלוי און אונדזער באַנק אַ לאַנג לעבן. נאָך איידער זי איז אָוועקגעפאָרן, ווען גאולה מינץ איז געקומען צו אונדז קויפן אויסלענדישע וואַלוטע, האָט זי דערציילט ווי גליקלעך זי האָט זיך געשפּירט צוליב דער נסיעה, וואָס וועט אָוועקנעמען איר מאַן פון זײַן קאַכאַנקע. זי

האָט זייביידן געטראָפן זיך קאַטשען אין בעט. זי האָט נישט אָנגעהויבן פאַרשטיין וואָס אַזוינס ער האָט אין יענער דערזען; הענט און פיס און דאָס איבעריקע — אַ לאָקשנברעט.

מיר האָבן נישט באַוויזן אויסטרייַבקען די קאַווע וואָס איך האָב פאַרקאָכט, ווען ס'האָט זיך געהערט אַ קלאַפּן אין פענצטער. הלוי האָט אָפּגעשאַרט אַן עק פאַרהאַנג. ריימאָנדאַ האָט אים גערופן אין דרויסן אַרויס, אַנווייַזנדיק אויפן אויטאָ אין וועלכן מאָרגנשטערן איז געזעסן נישט אָפּשטעלנדיק דעם מאָטאָר. זיי האָבן גערופן הלוין אויף אַ לענגערן שפּאַציר אין די בערג פון גליל, האָט ער געכאַפּט אויף זיך דעם מאַנטל, געטאָן אַ לענגערן זופּ קאַווע און זיך אַרויסגעטראָגן אין אייַלעניש פון באַנק. ער האָט אַפילו צוריק נישט אַרייַנגערוקט דעם שופלאָד און געבעטן מיט אַ ווונק מיר זאָלן עס טאָן נאָך דער אַרבעט. אָבער מיר זענען אויך לאַנג נישט פאַרבליבן. געטרונקען צו ביסלעך די קאַווע, אַרייַנגעשטופּט אַלע דאָקומענטן אין די שופלאָדן און זיי צוריק פאַררוקט אין די טישן. מיר האָבן צוריקגעשטעלט די שטולן און פאַרקלאַפּט די טיר הינטער זיך. אויטאָבוסן זענען נישט געפאָרן צוליב שבת, זענען מיר געגאַנגען צו פוס אַ לענגערן מהלך לענג־אויס שטילע גאַסן. פון אַ שול האָט זיך געהערט דאָס קול פון אַ בעל־תפילה. אויך אין אַ פּריוואַטער שטוב האָט מען מתפלל געווען. אַ ייִד אייַנגעהילט אין טלית איז אַהיימ־געגאַנגען מיט זייַן ייִנגל פון דאַוונען. אַ בחור אויף אַ פערד האָט פאַרביי־געריטן אין מיטן גאַס. דער דרויסן איז געווען פריש מיט ווינטער. אין דער זון איז געווען וואַרעם, אין שאָטן איז געווען קיל. אַנאַרכין האָט מיר געוויזן פאָטאָגראַפיעס פון זייַן נסיעה אין דער שווייץ. אין קענאַרד בערנזאָנס פּאַלאַץ האָט ער פאָטאָגראַפירט אַזאַ מין שטיילאַמפּ, וואָס מען האָט אים אָנגעצונדן האָט ער געלויכטן און געוויינט מיט גאָלדענע טרערן. ער האָט אויך פאָטאָ־גראַפירט אַ גרויס געמעל אויף דער וואַנט, קענאַרד בערנזאָן אינעם לבוש פון אַ ריטער אויף אַ ווייַס פערד. פון צווישן די פיס פון פערד ביז אין ווייַטן הינטערגרונט האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ שלאַכטפעלד מיט געפאַלענע קעמפערס. ער האָט געהאַט נאָך פאָטאָגראַפיעס פון זיך, צוזאַמען מיט זייַן פרייַנד סער דייוויד סטעפאַרד. יענער האָט אים אַרומגעפירט איבער בערג און טאָלן און נאָך וווּנדער־שיינע מקומות. ס'וועט פאַרבלייַבן אין זייַן זכּרון אויף לאַנגע יאָרן. אַנאַרכין האָט געלויבט די ברייטהאַרציקייט פון זייַן

פרײַנד. קענאַרד בערנזאָן האָט אין זײַנע אויגן אַלעמען איבערגעלויכטן. אויך אַנאַרכינס מזל האָט אַ שײַן געטאָן אין קענאַרד בערנזאָנס ליכט. איידער מיר זענען זיך צעגאַנגען האָט אַנאַרכין זיך אָנגערופן:

— וואָס די ריימאַנדאַ, זי יענצט זיך טאַקע אַרום מיט ביידע קאַוואַליערן?

*

דער קלאַפּ איז געקומען פּלוצלינג. מיט איין מאָל זענען די קב״א־אַקציעס געפאַלן אויף אַ העלפט. ווערדליק הלויס עצה איז סאַלאַמיר אַרומגעלאָפן באַרגן געלט אויף אײַנצוקויפן ביליק די פּאַפּירן און נישט פאַרזאַמען, ווי דאָס פריִערדיקע מאָל, אַרײַנצוכאַפּן אַ לײַכטן פאַרדינסט ווען די אַקציעס וועלן זיך ווידער הייבן. די באַנק האָט אים מער נישט געגעבן קיין הלוואות, ווייל ער האָט נישט געהאַט וואָס צו פאַרמשכונען (ער האָט דעם מוזיי קיין מאָל נישט אָנגערירט), האָט ער אָנגעבאָרגט געלט בײַ מענטשן אין מושב־זקנים, בײַ שושנה ציפורי, בן־זאב דעם מיניסטער, ריטאַ עולמי און אַפילו בײַ וועגערן האָט ער אַרויסגעקראָגן אַ גרעסערע סומע געלט, אַ גמילות־חסד אויף אַ קורצער צײַט, מחמת וועגער האָט זיך שוין געגרייט צוריקפאָרן קיין דײַטשלאַנד. מען האָט סאַלאַמירן געבאָרגט געלט, ווײַל מען האָט געוווסט וועגן זײַן אוצר אין לאָנדאָן און ס׳איז שוין אויך געהאַט אָנגעקומען פון דאָרטן די נײַע בראַשור, ווו זײַן נאָמען איז געווען באַצייכנט מיטן טיטל דאָקטאָר. די אַנדערע נעמען, אַפּשטאַמיקע פון דער האַבסבורגער משפחה, האָבן געמאַכט אַ רושם אין מושב־זקנים, סאַלאַמיר איז געווען דאָרטן דער איינציקער פאַרטרעטער פון ישראל.

הלוי האָט אים אויפגעוויזן מיט לאָגישע פאַקטן, פאַר וואָס מען מעג אָנבאָרגן געלט און אויפקויפן ביליק די קב״א־אַקציעס, אָן שרעק און אָן ספקות וועגן סכנות. דער בעסטער באַווײַז איז געווען דאָס פריִערדיקע מאָל, ווען די אַקציעס זענען געפאַלן ערב קענאַרד בערנזאָנס חופה אין ישראל, און ווער ס׳האָט דעמאָלט זיך צוגעהערט צו הלוין און אײַנגעקויפט ביליק די פּאַפּירן איז אַרויס גאַר גיך מיט גרויסע רווחים. ווער עס האָט זיך געשראָקן האָט געליטן הפסדים. דאָס איז אייגנטלעך געווען דער תמצית פון מיסחר אויף דער בערזע. אַקציעס זענען געפאַלן און זיך געהויבן און מען האָט געדאַרפט וויסן ווען אַרײַן און ווען אַרויס פון שפּיל.

דעם געדאַנק האָט הלוי איבערגעחזרט פאַר אַלע אונדזערע קליענטן. מרדכי מאָרגענשטערן האָט פאַרקויפט זײַן שעוראַלעט. ריטאָ עולמי האָט שוין מער נישט געהאַט וואָס צו פאַרקויפן אָדער פאַרמשכונען, אָבער זי האָט געהאַט רײַכע פרײַנד און משפחה און זי האָט אָנגעבאָרגט געלט בײַ וועמען ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. נאַדל האָט פאַרקויפט אַ פערד און די שפּײַכלערס מיט אַלטע זאַכן פון זײַן הויף. די אַלמנה פון קיאָסק האָט אַרײַנגעבראַכט דאָס געלט פון דער לעבנס־פאַרזיכערונג, וואָס זי האָט אָפּגענומען נאָך איר פאַרשטאָרבענעם מאַן. דער פאָטאָגראַף אויף די טרעפּ פון קינאָ איז געקומען מיט אַ בינטל געלט. אַנאַרכין האָט אינוועסטירט אין די קב״א־פּאַפּירן דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט פון זײַנע צוויי זין, מאַטראָסן אויפן ים. דער קצב און דער שאָפער מיט זייערע ווײַבער האָבן איבערגעריסן זייער נסיעה איבער אייראָפּע. זיי זענען געקומען צו לויפן צו אונדז פאַרטומלט און צעררודערט. הלוי האָט זיי באַרויִקט און געהייסן ברענגען נאָך געלט.

בלויז דבורה מישורי האָט זיך מער נישט געלאָזט אָנרעדן פון הלוין און סאַלאָמירן. דאָס פאַלן פון די אַקציעס האָט זי קראַנק געמאַכט. זי איז געקומען אָן אָפּגעשוואַכטע, אָנזאָגן אַז זי האָט דאָס מאָל געלערנט אַ לעקציע און ווי נאָר די אַקציעס וועלן זיך ווידער הייבן, וועט זי אַלץ פאַרקויפן, אַרויס פון דעם מיאוסן עסק און פאַרגעסן אין דער גאַנצער פרשה מיט קענאַרד בערנזאָן בראש. זי האָט זיך נישט אויפגערעגט אַזוי ווי דאָס פריִערדיקע מאָל, נישט חושד געווען קיינעם און באַשולדיקט בלויז זיך אַליין, וואָס זי האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון פאַלשע יצר־הרעס. אויך דאָס צעטל פון קייסער פראַנץ־יאָזעף האָט אויפגעוועקט אין איר אַ בײַטעם. וואָס איז איר אַרויסגעקומען פון סאַלאָמירס נאָמען אָפּגעדרוקט אין גאָלד צווישן פרינצן און מלכים, אַז לאָנדאָן האָט דעם חוב נישט אָפּגעשיקט? אויפן סמך פון צעטל און איר אייגן געלט האָט זי מודיע געווען אין קיבוץ וועגן איר פּרוּוו צו גיין וווינען אין שטאָט אַרײַן אַ יאָר צײַט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען האָט דאָרטן די גאַנצע צײַט געוווסט וועגן איר פריִערדיקן געווינס. זי האָט עס מער נישט אָפּגעלייקנט. איצט האָט זי באַדאַרפט אויסזוכן אַ נײַעם תּירוץ פאַר וואָס דאָס גיין וווינען אין שטאָט איז אַראָפּ פון סדר־היום. ווי נאָר די אַקציעס וועלן זיך הייבן וועט איר פוס נישט אַריבערטרעטן די שוועל פון אַ באַנק.

די אַקציעס האָבן זיך נישט געהויבן. הלוין האָט עס אָנגעהויבן נאָגן צוליבן

כלל, אַז געפֿאַלענע אַקציעס וואָס הייבן זיך נישט באַלד מיט אַ ראַזמאַך האָבן אַ נטיה צו פֿאַלן נאָך נידעריקער. ער האָט געבעטן אַנאַרכינען זיך אָנפֿרעגן בײַ זײַן פֿרײַנד סער דייוויד סטעפֿאַרד. ער האָט אַליין אויך געשיקט אַ דעפּעשע קיין שווייצאַריע. אין דער וואָך ווען ס'איז אָנגעקומען פֿון דאָרטן די שריפֿטלעכע באַשטעטיקונג אַז ער איז געוואָרן דער קב"א־פֿאַרשטייער אין ישׂראל זענען די אַקציעס געפֿאַלן איין טאָג נאָכן אַנדערן, ביז דער מיסחר מיט זיי האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעשטעלט. אין די באַריכטן האָט מען לעבן אַלע סאָרטן פֿון קענאַרד בערנזאָנס פּאַפּירן צוגעשטעלט אַ שטרײַכל, אַ סימן אַז זיי זענען אַראָפּ פֿון מאַרק.

*

אין שווייצאַריע האָט די פּאָליציי פֿאַרכאַפּט קענאַרד בערנזאָנס קאָנצעלאַריעס און די אָנפֿירערשאַפֿט אַרעסטירט. עטלעכע בענק דאָרטן האָבן גלײַך אָנגעזעצט און מענטשן האָבן פֿאַרלוירן זייער אָפּגעשפּאָרט געלט. אויך אין אַנדערע לענדער האָבן בענק באַנקראָטירט איינע נאָך דער אַנדערער. אין דער פּרעסע האָט זיך געשריבן וועגן מהומות און סקאַנדאַלן. אַ דירעקטאָר האָט זיך גענומען דאָס לעבן. אַ גרויסער גביר האָט זיך אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון צוועלפֿטן שטאָק. זײַן געליבטע האָט זיך פֿאַרסמט. אַן ענגלישער מיניסטער איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. קענאַרד בערנזאָנס מעשׂים זענען אַרויף אויפֿן סדר־היום אין אייראָפּעיִשע פּאַרלאַמענטן, אין שטאָקהאָלם, רוים. די איטאַליענישע רעגירונג האָט רעזיגנירט. קאָרעספּאָנדענטן האָבן מיט איטלעכן טאָג אויפֿגעדעקט נײַע שווינדלערייען. ס'איז געוואָרן אַ געיעג צווישן זשורנאַליסטן נאָך פּרטים וועגן דער קאָרופּציע און שוחד. מען האָט אויך נישט באַהאַלטן די סטאַטיסטיק, מיט וויפֿל ייִדן קענאַרד בערנזאָן האָט זיך אַרומגערינגלט. קענאַרד בערנזאָן גופֿא האָט געטענהט אַז עס איז אַלץ שקר וכזב. אינטריגעס פֿון שׂונאים, נישט פֿאַרגינערס, אַנטיסעמיטן. ער וועט זיך באַפֿרײַען פֿון תּפֿיסה און קעמפֿן פֿאַר צדק און אמת.

אויך בײַ אונדז האָט זיך גערודערט. ס'איז געווען פּריילעך אין באַנק. מ'האָט געוויינט און געחלשט, זיך געבונטעוועט און געבעטן תּחנונים. געוואָרנט און געשאָלטן, געוואָרפֿן שטיינער, געבראָכן שויבן, געמאַכט דעמאָנסטראַציעס. נאָדל בעל־עגלה איז נאָך פֿריִער געטראָפֿן געוואָרן. נאָך

אין טאָג ווען ער האָט אַרויסגענומען דאָס גאָלד פון דער פּערענע האָט רייזל זײַן ווײַב זיך אַרײַנגעלייגט אין בעט און שוין מער פון דאָרטן נישט אַרויס. נאָדל איז אַרומגעלאָפן אַ פאַריאָכמעטער און נישט געוווסט צי זי שטאַרבט אים אַוועק פון עפּעס אַ קרענק, אָדער זי גייט אויס פון בענקשאַפט נאָכן גאָלד. ער האָט גערעדט צו איר, גערופן איר נאָמען, צוגעזאָגט גוטע צײַטן. די אַקציעס וועלן זיך הייבן, מען וועט צוריק אָפּקויפן דאָס גאָלד, אָפּגעבן סילווערן דאָס האַנטגעלט און מען וועט בלײַבן מיט דער שטוב און מיט די חיות. ער האָט גערעדט צו איר איידל און צוגעזאָגט אַז אַזוי ווי אַ מאָל, אין די פריִערדיקע יאָרן, וועט ער זיך לייגן פאַר נאַכט אויף אַ ליגשטול אין הויף און זי וועט אים פאָרלייענען טשיקאַווע מעשׂיות פון יִדישן בלאַט, געשיכטעס וואָס זענען זיך פאַרלאָפן מיט מענטשן אויף דער וועלט. אָבער רייזל האָט נישט אָפּגעענטפערט. דער הונט האָט פון דאָרטן אָפּירגעבורטשעט. ער האָט זיך אַרונטערגערוקט אונטער דער פּערענע און טאָמער האָט מען זיך דערנענטערט צום בעט האָט ער געבילט בייז און גרוליק. ס'איז נישט געווען ווער ס'זאָל אים קאָרמענען. אַ טרונק וואַסער האָט ער געכאַפּט אין הויף, פון די בלעכן אויפן לײַטער. טאָמער האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף אַ פויגל האָט ער אים פאַריאָגט. חיות האָבן זיך אַרומגעיאָגט הונגעריק אין שטוב. די קאַץ איז פאַרשוווּנדן געוואָרן און צוריקגעקומען מיט אויסגע־ביסענע פלעקן האָר אויף איר פעל. אויסגעהונגערט, מיט אַ ביסטרען בליק אין אירע אויגן, האָט זי אַרויסגעלאָזט גאַרגלדיקע קולות ווי דאָס טערקלען פון אַ טויב, און פאַרצוקט די אַרומלויפנדיקע קורטשיקלעך אין שטוב. מ'האָט זיך מער נישט אַרומגעיאָגט פראַנק און פרײַ. די קאַץ האָט געלאָקערט אויף אַלץ וואָס האָט זיך באַוועגט. אויך דער הונט האָט געווייַנט, ווען זי האָט זיך געשטעלט אַ געהאַרביקטע אויף זײַן וועג צום לייטער נאָך וואַסער. זי האָט אים נישט צוגעלאָזט צו אַ ביין.

אין דער וואָך ווען די קב״א־אַקציעס זענען אונטערגעגאַנגען איז רייזל געשטאָרבן. אין די טעג פון שיבעה איז מען געקומען אַרויסוואַרפן נאָדלען פון שטוב, ווײַל ס'איז אויסגעפאַלן דער טאָג ווען ער האָט באַדאַרפט באַפרײַען דאָס הויז. סאָלאָמיר האָט מיך מיטגערופן צו לייב סילווערן אָפּשרײַען די גזירה.

— ער איז דײַן חבר צי נישט? — האָט ער געוואָלט וויסן.

סילוּוער האָט נישט געוואָלט הערן פון רחמנות. אויך אונדזער פריינדשאַפט האָט ער נישט גענומען אין קאָן.

— חברשאַפט איז חברשאַפט און ביזנעס איז ביזנעס — האָט ער אָפּגע־פסקנט שאַרף און טרוקן.

נאָך דער שיבעה האָט נאָדל אָנגעלאָדן עטלעכע מאָל זיין פּלאַטפאָרמע און אוועקגעפירט אין מאַרק אַריין פאַרקויפן די שטובזאַכן. מיטן באַטרעף וואָס ער האָט אָפּגעלייזט און מיטן איבעריקן געלט וואָס סילוּוער האָט אים אויס־געצאָלט האָט ער זיך איינגעקויפט אַ בעט אין אַ מושב־זקנים פאַר אָרעמע־לייט.

ריטאַ עולמי איז געשטאָרבן פון האַרצשלאַק. איר מאַן, דוד עולמי, האָט מען געבראַכט צו פירן פון עפּעס אַ שטעטל אין פּוילן. מען האָט אים געקלונגען אַהין און אָנגעזאָגט די טרויעריקע בשורה, איז ער אַריינגעפאַלן אין דער אַלטער מעלאַנכאָליע און מער נישט געקומען צו זיך. טאָג נאָך טאָג איז ער געזעסן אין אַ הילצערנעם פאָטעל, אין זאַל פון שושנה ציפּוריס מושב־זקנים. זיין לאַנגע נאָז האָט זיך פאַרלענגערט כּמעט ביז צום שפּיץ פון דער גאָמבע און פאַרשטעלט אַ חלק פון זיין מויל. ער האָט סיי ווי נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט און אויף זיין פּנים האָט זיך נישט אָנגעזען קיין שאָטן פון אַ מחשבה.

דווקא אין יענע טעג האָט שושנה ציפּורי זיך דערמאָנט אינעם קוויטל מיטן געהיימען חשבון וואָס זי האָט ביי אונדז איבערגעלאָזט, הלוי זאָל זיך נאָכפרעגן אויף דער קאָנטע אין אַנדערע בענק. זי האָט אַרויסגעקראָגן דאָס קוויטל און אַליין גענומען אויף זיך די טירחה אָפּצוגעפינען דאָס לעצטע ביסל געלט פון דער פאַרלוירענער סומע וואָס חיים ציפּורי האָט גענהאָט מיט זיך, ווען ער איז געפאַלן דאָס ערשטע מאָל אויפן וועג צו אונדז אין באַנק אַריין. זי האָט אים אַריינגעזעצט אין שיינעם אויטאָ און מיטגענומען אין אַלע בענק, אפשר וועט אַ באַאַמטער אים דערקענען, וועט זי זיך איינ־שפּאָרן רייד. זי האָט אויך געמיינט אַז אפשר וועט ציפּוריס זכרון זיך אויפוועקן אַ רגע, ווען זי וועט אים אַריינפירן אין אַ באַנק און ער וועט אָנווייזן ווו ער האָט פאַרן געלט געקויפט קב״א־פּאַפּירן. מ׳האָט איר געזאָגט, אַז אַפילו דער חשבון וועט זיך ווו אָפּגעפינען, איז דער גאַנג איבער די בענק שוין איבעריק, ווייל די קב״א־געזעלשאַפט איז דאָך אונטערגעגאַנגען

און אַפֿילו זי וועט געפֿינען די קאַנטע, וועט עס זײַן אַ חשבון פֿון טויטע אַקציעס.

אָבער שושנה ציפּורי האָט זיך נישט צוגעהערט וואָס מען האָט צו איר גערעדט. זי האָט אויפֿגעהערט וויסן, האָט זי געזאָגט, וואָס איז ליגן און וואָס איז אמת; וועלכע אַקציעס זענען טויט און וועלכע זענען לעבעדיק; וואָס איז חלום און וואָס איז וואָר; די וועלט איז געוואָרן צעדרייט און מען קען נישט דערגיין אַ טאָלק ווער ס'איז גערעכט און בײַ וועמען ס'געפֿינט זיך דער אמת, בײַ קענאַרד בערנזאָן אין דער שווייץ, אָדער בײַ דוד עולמי אין אַ ווינקל פֿון איר עסזאַל וואָס פֿינצטערט אָפּ גאַנצע טעג אינעם הילצערנעם פּאָטעל און טאָמער רירט מען אים אָן לאָ.ט ער אַרויס קרומע געוואַלדן. זי האָט שוין מער נישט געוווּסט וואָס ווײַטער. אפשר וועט מען יענעם אין דער שווייץ באַפֿרײַען פֿון תּפֿיסה: אפשר וועט דוד עולמי קומען צום זינען, אפשר וועלן די אַקציעס ווידער אויפֿלעבן.

מרדכי מאָרגענשטערן האָט זיך אַרומגעדרייט אין באַנק מיט פֿאַרלאָשענע אויגן. ער האָט אָנגעכאַפּט הלוין אין אַ צעטומלטער מינוט און אים געהייסן געדענקען אַז איצט, ווען ער האָט פֿאַרלוירן זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן און געבליבן אָן מיטלען צום לעבן, וועט ער נישט איבערחזרן די מעשׂים פֿון זײַן טאַטן, עליו השלום. נאָך דעם ווי מען האָט זײַן טאַטן באַשווינדלט און אויסגעשטעלט צום נאַר האָט ער אין די לעצטע חדשים זיך געשטעלט פֿאַרנט פֿאַרן געשעפֿט, וואָס אַ מאָל איז עס געווען זײַנס, מיט אַ שילדל אָנגעהאָנגען אויף זיין ברוסט, די גאַס זאָל לייענען די אויפֿשריפֿט און מישפּטן: 'דער געקריוודעטער'.

ווען הלוי האָט אָפּגענומען די שריפֿטלעכע באַשטעטיקונג פֿון שווייצאַריע, אַז ער איז קענאַרד בערנזאָנס פֿאַרשטייער אין לאַנד איז ער געגאַנגען זוכן דאָס געלט פֿון דער קב"א־געזעלשאַפֿט. ער האָט די גאַנצע צײַט אָלעמען באַרויִקט, אַז אין ישׂראל וועט דער אָנווער נישט זײַן אַזוי גרויס, ווײַל לויטן אָפּמאַך מיט דער רעגירונג האָט קענאַרד בערנזאָן נישט געטאָרט אַרויספֿירן קיין איין לירה וואָס די געזעלשאַפֿט האָט אָפּגענומען. פֿאַרקערט, קענאַרד בערנזאָן האָט זיך שריפֿטלעך מתחייב געווען צו אינוועסטירן אין ישׂראל געלטער פֿון אַנדערע מדינות און אויף דעם סמך האָט ער אַרויסבאַקומען אַ דערלויבעניש צו פֿאַרשפּרייטן איבערן לאַנד זײַנע אַקציעס. דאָס אַלץ איז נאָך אַרומגערעדט געוואָרן אויף דער קאָנפֿערענץ אין הילטאָן־האָטעל אין

תל־אביב. די באשלוסן זענען געוואָרן אָפּגעדרוקט און די ספרים זענען געשטאַנען אָפּן פאַר יעדן איינעם וואָס איז בקי אין די ענינים. אַפילו אַ געוויינטלעכער מענטש, נישט קיין מומחה אין די ענינים, וועט איינזען אַן מי דעם אמת.

— כּל־זמן דאָס געלט איז אין ישראל, וועט קיינער נישט ליידן — האָט הלוי איבערגעחזרט טאָג נאָך טאָג. פּנחסיק דער קצב און מינץ דער שאָפער האָבן אים געגלייבט. אויך ריימאָנדאַ. דער גאַנצער פּאַרפאַל האָבן זיי געהאָפט, וועט פאַרביי ווי אַ קאָשמאַרנער חלום. ענלעכע געשיכטעס זענען זיך שוין פאַרלאָפן אין דער היסטאָריע. מ׳האָט פאַרמישפּט אַן אומשולדיקן מענטש און שפּעטער האָט די וועלט זיך געשלאָגן על־חטא. הלוי האָט דערמאָנט דעם בייליס־פּראָצעס אין פּעטערבורג, די דרייפוס־געשיכטע אין פראַנקרייך.

ווען ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז קיין איין לירה פון די פאַרקויפטע קב״א־פּאַפּירן איז נישט געבליבן אין לאַנד; אַן סער דייוויד סטעפּאַרד האָט אָפּגע־נאַרט באַנק־דירעקטאָרן, פאַרפלאָנטערט מיט פאַרשיידענע תּחבולותן דאָס פינאַנץ־מיניסטעריום, האָט הלוי זיך געשטעלט לעבן פּענצטער מיט פּנים צום דרויסן און זיך געפעטשלט אין פּליך. זיינע לויזע באַקן האָבן זיך אַראָפּ־געלאָזט און אַ געבאָרגטער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּנים.

—ווו איז אַהינגעקומען דאָס געלט? — האָט ער געפרעגט.

אויך אין אַנדערע לענדער האָט מען אויף דעם קיין תּשובה נישט געפונען. ס׳איז ביי קיינעם נישט געבליבן קיין סימן פון געלט. און ס׳איז דאָך געגאַנגען אין גרויסע סומעס, מיליאַרדן דאָלאַרן. בלעטער פון פאַרשיידענע מדינות און לשונות האָבן איבערגעדרוקט השערות פון מומחים, אָבער אַלץ איז געבליבן אַ רעטעניש. באַשר בכן קענאַרד בערנזאָן האָט אויפגעשטעלט אַ נעץ פון פירמעס, פאַבריקן, אַגענטורן, געשעפטן אין כּמעט אַלע פרייע לענדער פון דער וועלט, געקויפט און פאַרקויפט וויסן און חומר אויסצואַרבעטן די נייסטע טעכנאָלאָגישע אינסטרומענטן פאַר מלחמה־ און שלום־צייטן, נאָך וועלכע ממשלות האָבן זיך געיאָגט, אָבער אַלץ, פירמעס, פאַבריקן, וויסן, חומר, איז געווען פיקטיוו,, אַן אויסגעטראַכטע מעשה. מען האָט געזאָגט אויף קענאַרד בערנזאָן, אַז ער האָט דורכגעפירט דעם פאָלקומסטן שווינדל אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אָבער ווו דאָס געלט איז אַהינגעקומען האָט קיינער נישט געקענט אָנווייזן.

*

אַצינד, אַז דאָס געלט איז אַוועק, האָבן זיך אַלע אָפּגעקערט פון הלוין. דער קצב, דער שאָפער, זייערע ווײַבער, ריימאָנדאַ, די בעל־הביתטע פון קיאָסק, די קראַנקן־שוועסטער פון שפּיטאָל. זיי האָבן געוואַרנט, געשאָלטן, געקלאַפּט אין די טישן, געפאָדערט מען זאָל זיי אָפּגעבן זייער שווער פאַרהאַרעוועט געלט. זיי זענען געשטאַנען אין דרויסן, לעבן אונדזער באַנק און געפאָרן קיין ירושלים דעמאָנסטרירן לעבן דער כנסת מיט פּלאַקאַטן און לאָזונגען. זיי האָבן געפאָדערט קאָנפיסקירן די בענק און אײַנזעצן הלוין אין תּפיסה. זיי האָבן גערופן צום געוויסן פון פאָלק און געהאַט טענות צו דער רעגירונג, הלמאַי זי האָט דערלאָזט אַז אין דער ייִדישער מדינה זאָלן אָפּגעטאָן ווערן אומבאַשטראָפט אַזעלכע געמיינקייטן און אומגערעכטיקייטן. זיי האָבן אַרויס־געשטעלט דעם פאָטאָגראַף און דעם ייִד פון אַנגאָלאַ ווי אומשולדיקע קרבנות. אַרבעטענדיקע מענטשן, וואָס שווינדלערס האָבן אויסגענוצט זייער תּמימות.

— פאַר וואָס שווײַגט די הסתדרות ? — האָט גאולה מינץ גערופן.

אַנאַרכין האָט אין מיטן טאָג פּלוצלינג גענומען דעם וואָזאָן מיטן קאַקטוס־בלימל און אַוועק צו זײַן פריִעדיקן טיש. צוזאַמען מיט די קב"א־אַקציעס איז אויך דער חשבון אין זײַנע ספרים געוואָרן אויס חשבון. ער האָט זיך געגרייט אויף אַ צוקונפט ווען ער וועט אַרויס אויף פּענסיע און אין עטלעכע טעג איז דאָס אַלץ אויסגערונען. נישט אַזוי דער חשבון אין די ספרים, נישט אַזוי דאָס געלט פון זײַנע זין, ווי די פרײַנדשאַפט וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען. איין מאָל אין לעבן האָט זיך אים געמאַכט אַ פרײַנדשאַפט און מ'האָט אים אָפּגענאַרט. ער האָט נישט גערעדט וועגן דעם אין אויטאָבוס אויפן וועג אין באַנק אַרײַן. סײַ ווי זענען געווען גאָסן, וואָס ווען דער אויטאָבוס איז אַהין אַרײַנגעפאָרן, האָט ער נישט געטאָרט אויסרעדן אַ וואָרט. אין מיטן דער אַרבעט האָט ער געטריבן פון זיך אומגעזעענע צוטשעפּענישן. ער האָט זיי פון אַ זײַט אַוועקגעפּאַטשט מיט דער האַנט. אין די פרימאָרגנס האָט ער נישט געטאָרט אַנרירן די קליאַמקע פון דער הינטערטיר. ווען איך בין אָנגעקומען אַ פּאָר טריט שפּעטער האָבן מיר געצויגן די היטלען און זיך גערופן 'אדון' איינער דעם אַנדערן. אַ סך מאָל, ווען איך בין אַרײַן אין אויטאָבוס, האָט ער געקוקט און מיך נישט דערקענט.

סאַלאָמיר איז אַוועק פון שטאָט, ווען ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט דער מיסחר מיט די קב"א־אַקציעס. ער האָט פאַרשלאָסן דעם מוזיי, גענומען מיט זיך דעם רעקאָרדער און געפאָרן קיין צפת זוכן שיינע־רחלען, צו פאַרשרייַבן אויף איר נאָמען אַ העלפט פון דעם אוצר וואָס ער וועט אָפּנעמען פון לאָנדאָן. טאָמער וועט עפּעס געשען מיט אים, וועט זי ירשענען געזעצלעך דעם מוזיי און דאָס צעטל. ער האָט אַרייַנגערעדט אין רעקאָרדער און אויסגערעכנט די נעמען פון די מענטשן וועמען ער איז שולדיק געבליבן געלט. דער באַנק, די ציפּוריס, די עולמיס, בן־זאב דעם מיניסטער, וועגערן. איך האָב דאָס אַלץ אַרויסגעהערט פון דער מאַשינקע, ווען איך האָב נאָך זייַן טויט אויפגעשריבן די מעשׂיות וואָס ער האָט געזאַמלט, צו דערציילן וועגן זייַן לעבן. ער איז געפאָרן קיין צפת, ווייַל ס'האָט זיך אים פאַרבענקט נאָך שיינע־רחלען. ער האָט זי נישט געטראָפן לאָזן זיך חברן מיט די מאָלערס אין צפת, וואָלט ער זיך אייַנגעבערענגט אַ סך עגמת־נפש. ער וועט איר דערציילן אַז דער ענין מיט דבורה מישורי איז געווען נישט מער ווי אַן עפּיזאָד אין לעבן. אַ שיינער עפּיזאָד, אָבער אַ פאַרגענגלעכער. דבורה איז נישט געווען דער מענטש וואָס זאָל זיך מקריב זייַן פאַר קונסט. מיטן געלט פון לאָנדאָן וועט ער איר אָפּצאָלן ביז אַ לעצטער פּרוטה און מען וועט פאַרבלייַבן גוטע פרייַנד. ער וועט נישט טראָגן אויף קיינעם קיין בייז האַרץ. ער האָט דבורהן געשריבן וועגן דעם, ווייַל זי איז געווען אַוועק מיט קיבוץ־חברים אויף אַ שפּאַציר אין מידבר סיני, ווען די קב"א־אַקציעס זענען אונטערגעגאַנגען.

ווען דבורה איז צוריקגעקומען פון שפּאַציר איז שוין געווען נאָך אַלעמען. נישט טרעפנדיק סאַלאָמירן אין דער היים האָט זי אים געזוכט אין באַנק, אין מושב־זקנים. זי האָט געמאָנט פון הלוין די אָבליגאַציע פון קייסער פראַנץ־יאָזעפס אימפּעריע. ווען זי האָט געהערט אַז סאַלאָמיר האָט אויך דאָס צעטל פאַרמשכּונט און ער איז שולדיק געבליבן דער באַנק אַ גרויסן חוב, האָט זי פאַרביסן די ליפּן און אויף צו מאָרגנס געקומען צו אונדז מיט איר טאָכטער און מיטן איידעם. יענער האָט אויסגעזען ווי סאַלאָמיר האָט אים אָפּגעשילדערט, אָבער די באַנק האָט אָנגעשטעלט שומרים צו האַלטן אָרדענונג און אייַנשטילן מהומות. זיי האָבן סייַ ווי נישט געליאַרעמט און זיך נישט געפּעסט, ווען זיי האָבן געהערט אַז פון געלט איז קיין פּרוטה נישט פאַרבליבן. זיי האָבן זיך געסודעט צווישן זיך און איבערגעלאָזט אַ קורצן אָנזאָג, סאַלאָמיר

זאָל זיך נישט דערוועגן ווײַזן פאַר זייערע אויגן, נישט אין קיבוץ, נישט אין דאָרף. ער וועט זיך לעבעדיק פון דאָרטן נישט אומקערן.

ווען סאַלאָמיר איז צוריקגעקומען פון צפת האָט ער געפונען אַליידיקן צריף. אַ שכן האָט איבערגעגעבן נעפלדיקע פּרטים, אַז מען איז אַנגעפאַרן מיט לאַסטוועגענער, דבורה, איר איידעם מיט זײַנע ברידער און שוואָגערס און אין איין האַלבן טאָג האָט מען אַלץ אָנגעלאָדן און אַוועקגעפירט. זיי האָבן אָפּגערייניקט דעם הויף און די צימערן, נישט איבערלאָזנדיק אַ שטיין, אַ בילד, אַ שיימע פון אַ בוך. וועגט זענען געווען ליידיק, פענצטער — צעעפנט, די טיר אַראָפּגעריסן פון די זאַוויסעס. זיי האָבן איבערגעלאָזט די שטיינערנע טרונע אין שאָטן פון בוים.

סאַלאָמיר האָט פאַרמאַכט די פענצטער, אויסגעגלײַכט די אַראָפּהענגענדיקע טיר, פאַרדרייט מיט דראָטלעך דעם פאַרלייגטן פּרעגט און אַוועק אין מושב־זקנים איבערשלאָפן די נאַכט. ער איז געוואָרן צוריק אַ שומר־לילה און אויך בײַ טאָג האָט ער געטאָן פאַרשיידענע טועכצן אָפּצואַרבעטן די חובות. ער האָט געהאָלפן ערנעסטינאַ קוטאַף זיך מטפל זײַן מיט חיים ציפורי, אים געפירט שפּאַצירן. ער האָט געלייענט פאַר דוד עולמין נײַס פון צײַטונג. די באַנק האָט אים געצוווּנגען אונטערשרײַבן אַ התחייבות, מ׳זאָל אים אַראָפּנעמען איטלעכן חודש אַ העלפט פון ביטוח־לאומי אויפן חשבון פון חוב. בלויז וועגער האָט נישט געקענט וואַרטן, מחמת דער קיבוץ האָט נישט געענטפערט אויף זײַן בקשה און ער האָט געוואָלט אָפּנעמען דאָס געלט און צוריקפאָרן קיין דײַטשלאַנד. סאַלאָמיר האָט אים צוגערעדט צופאָרן אין קיבוץ און אָפּעלירן צום געוויסן. זאָל ער אויסניצן זײַן חברטאָרין דאָרטן. ער אַליין, סאַלאָמיר, איז גרייט געווען מיטפאָרן מיט וועגערן, זײַן דאָרטן זײַן פירשפּרעכער און מליץ־יושר. ער האָט זיך לאַנג צוריק פאַרנומען מיט אַזעלכע ענינים.

זיי זענען אַהינגעפאָרן אין אַ מיטנוואָך. אָפּגעגעסן דאָרטן מיטאָג, אָבער מיט וועמען צו רעדן איז נישט געווען, האָבן זיי אָנגעקלאַפּט אין אַנאַ זאַנטאַגס טיר, וועגערס באַקאַנטע פון די צײַטן ווען ער האָט דאָרטן געלעבט. די זעלביקע וואָס איר בילדל מיטן טיכל אויפן קאָפּ, האָט סאַלאָמיר געפונען אין וועגערס צימער, ווען מיר האָבן אים געבראַכט קוטאַפּס שיך אַ מתּנה. אויפן וועג האָט שוין סאַלאָמיר געהערט וועגן איר, אַז זי האָט געלעבט אין

קיבוץ אָפּגעשיידט פון אַלעמען, ווי אַ נאָנע אין אַ קלויסטער. זי האָט זיי־
טאָקע נישט אַרײַנגעבעטן צו זיך אין צימער. אַ פענצטער האָט זיך אָפּגע־
שפּאַרט אויף אַ פערטל פּנים און זי האָט אַרויסגערופן:

— כ׳האָב דאָך געשריבן זאָלסט נישט קומען, האָסט נישט דערהאַלטן מײַן בריוו?

ווענער האָט געמאַכט אַ סימן אַז ער איז דאַרשטיק, האָט זי נאָך אַ ווײַלע אָפּגעשפּאַרט די טיר און אַ האַנט האָט אַרויסגעשטעקט אַ גלאָז. אויפן וועג אַהיים האָט ווענער זיך געטרייסט, אַז די נסיעה איז פאַרט נישט געווען אין גאַנצן אַרויסגעוואָרפן. אַנאַ זאָנטאַג האָט געדענקט זײַן באַליבט געטראַנק: אַ פערטל גלאָז מאַלינע־סאָק און דאָס איבעריקע סאָדע־וואַסער.

ער איז אַוועקגעפאָרן קיין דײַטשלאַנד ערשט נאָך דעם ווי סאַלאָמיר האָט אונטערגעשריבן אַ התחייבות, וואָס קען נישט אַנולירט ווערן, אַז ווען לאַנדאָן וועט אויסלייזן דאָס פראַנץ־יאָזעף־צעטל, וועט די באַנק אויסצאָלן דעם חוב וואָס סאַלאָמיר איז שולדיק געבליבן ווענערן פאַר די פינף אינסטיטוציעס וועלכע, ווענער האָט געשענקט נדבות איטלעך יאָר.

סאַלאָמיר האָט אויף זײַנע שפּאַצירן מיט ציפּורין אים דערציילט וועגן זײַנע אַמאָליקע יאָרן אין צפת און אים געפירט ווײַזן דעם אויסגעליידיקטן מוזיי. ער האָט אים געוויזן ווו די מצבות זענען געשטאַנען, די אַלטע פון די קדמונישע קרוגן, דעם קרײַז פון די זײַלן, ווו די בילדער זענען געהאָנגען, אַנטקעגן איבער דעם אַרײַנגאַנג — שלום־עליכם אויפן טויטנבעט און אַ ביסל ווײַטער — שלום־עליכם אין קאַרלסבאַד. ס׳איז געווען אַן אמתער מוזיי, אַ גאַנץ לעבן האָט ער געזאַמלט די אַנטיקן און עס קען דאָך נישט געמאָלט זײַן, אַז מען האָט דאָס אַלץ אָפּגעלייגט ערגעץ אין אַ ווינקל פון אַ שפּײַכלער. בלויז די ביכער האָבן דאָך פאַרנומען צימערן מיט ווענט. דערפאַר האָט ער זיך איין מאָל אַראָפּגעכאַפּט אין דאָרף אַרײַן צו דבורהס איידעם, אַ קוק טאָן אפשר וועט ער געפינען אַ סימן פון מוזיי. ס׳איז שוין געווען פאַר נאַכט, הינט האָבן געבילט און ער האָט שיִער נישט איבערגענעכטיקט די נאַכט אויפן שאָסיי. ער האָט פאַרגעסן אַז דאָס דאָרף געפינט זיך אויפן גרענעץ און ס׳איז נישט געווען קיין אויטאָבוס אויף צוריק. אויך צו דבורהן אין קיבוץ איז ער געפאָרן. צוויי מאָל איז ער געווען דאָרטן. ביידע מאָל, אָוונט

צו, האָט ער דורך אַ שפּאַלט פון פענצטער זי געזען שפּילן אין קאָרטן מיט אירע חברטעס. אויסגעוויזן האָט זיך אים אַז דאָס שפּילט זי אַזוי שוין טעג און נעכט, אָן איבעררײַס. ער איז געווען זיכער אַז ציפּורי האָט פאַרשטאַנען וואָס מען האָט צו אים גערעדט. ער איז געוואָרן אויסגעאיידלט און צוגענגלעך צו מענטשן. דאָס האָבן די פּילן וואָס ער האָט אײַנגענומען אים אַזוי געמאַכט. ציפּורי האָט זיך מער נישט געוואָרפן פאַר כּעס און נישט צעבראָכן קיין כּלים. ער האָט זיך געהאַלטן באַשיידן, ווי אַן אמתער סטאָיקער. אַזוי האָט סאַלאָמיר געזאָגט בײַ אונדז אין באַנק.

ער איז געקומען זעלטענער צו אונדז, כאָטש מיר זענען מער נישט געווען פאַריאָגט מיט אַרבעט און אַפילו אין מיטן טאָג אין געווען צײַט צו כאַפּן אַ שמועס. ווײַל צוזאַמען מיט די קב״א־פּאַפּירן זענען אויך אַנדערע אַקציעס געפאַלן און דער מיסחר אויף דער בערזע אין תל־אָביב האָט אײַנגעדרעמלט. מענטשן האָבן אַרויסגענומען זייער געלט און מער נישט געוואָלט הערן פון אַקציעס. מען איז געווען אַנטוישט און דערשלאָגן. פון צײַט צו צײַט איז אַ קליענט, וואָס האָט פאַרלוירן זײַן פאַרמעגן, אַרײַנגעקומען צו אונדז, זיך אַרומגעקוקט און אַרויסגעגאַנגען מיט עפּעס נישט דערזאָגטס אויפן געמיט. פּנחסיק דער קצב האָט זיך אָוועקגעצויגן אין אַ שטעטל אין גליל און געוואָרן דאָרטן אַ פאַרקויפער פון פלייש און תּנובה־פיש אין אַ סופּערמאַרקעט. זײַן ווײַב איז דאָרט געוואָרן אַ קאַסירערין און געלייזט דאָס געלט לעבן אַ רעכן־מאַשין. צבי מינץ דער שאָפער, איז אַוועק אין מידבר סיני, אַרבעטן אויף אַ בולדאָזער. גאולה, זײַן ווײַב, האָט דערציילט אַז ער איז אַהיימגעקומען איין מאָל אין דרײַ חדשים און זי אַליין איז געוואָרן אַ נייטאָרין אין אַן אתא־פאַבריק. יעקב באָדלען האָט מען געזען אויף אַ פּלאַטפאָרמע, כאַפּן אַ פּאָר מיט אַ פרעמדן בעל־עגלה. צו מאָל איז ער אַרײַנגעקומען צו אונדז זיצן אַ פערטל שעה, מיט די שווערע הענט אָנגעלענט אויף זײַנע צעשפּרייטע קני, און דער קראַק פון זײַנע הויזן און זײַן מויל — ביידע האַלב־צעעפנט. אין ביידע איז געווען לער און חושכדיק. הלוי האָט געדענקט די זאָקן אין וועלכע באָדל האָט געבראַכט דאָס גאָלד. דאָ און דאָרטן האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך אַ גאָלדשטיק אַ פעדערל פון דער פערענע. בלויז רחל אוחנה, די ריייניקערין פון אונדזער באַנק און אחמעד נעאַראַני האָבן נישט געוווסט וואָס ס׳איז געשען און האָבן געבראַכט הלוין אַ פּאָר אָפּגעשפּאַרטע לירות, ער זאָל קויפן

נאָך עפּעס אַ קב״א־אַקציע. אַחמעד נעאַראַנין האָב איך אין אַ וואַרעמען שבת־פרימאָרגן געטראָפן גיין זיגזאַגיק איבער דער גאַס, ווי ער וואָלט נאָכגעגאַנגען נאָדלס פערד־און־וואָגן און פאַרטיילט נאָפט.

*

ס'האָבן זיך געמאַכט שטילע טעג אין באַנק, ווען קיין שום קליענט האָט זיך נישט דערנענטערט צו אונדזערע טישן און אין די פרימאָרגנס איז נישט געווען וואָס צו זוכן אין די בערזע־באַריכטן. דער קורס פון די אַקציעס האָט זיך נישט געביטן. אַ פּונקט אַרויף אַ פּונקט אַראָפּ, קיין געשעענישן זענען נישט פאָרגעקומען און די פּירושים וועגן האַנדל זענען געווען ווי נעכטן און אייערנעכטן. אַ מאָל האָט זיך אויפגעוועקט אַ קאָרעספּאָנדענט פון אַ צײַטונג און פאַרויסגעזאָגט אַ באַלדיקע תּחיה פון דער בערזע, אָבער ס'איז פאַרבליבן בלויז אַ ווונטש, וואָס איז נישט מקוים געוואָרן. איצט איז שוין געווען צײַט דורכצוקוקן אַלע פאַרלעגענע פּאַפּירן און אָפּרייניקן אונדזערע טישן. איך האָב זיך גענומען צוריק אויפזוכן בעל־הבתּים פון צעטלען, נאָך פון מאַנדאַ־טאַרישע צײַטן. הלוי האָט אַרויסגעצויגן דאָקומענטן פון זײַנע שופלאָדן. דאָס בריוול פון עמוס שיי איז נאָך אַלץ געלעגן פאַרוואַלגערט און נישט געענטפערט. דער טעלעפאָן האָט געקלונגען און מען האָט אָנגעזאָגט הלוין אַז עמוס שיי איז נאָך אַלץ גרייט אָפּצוקויפן בײַ אים דעם קב״א־פּאָסטן אין לאַנד, פאַר איין לירה בלויז. ס'איז נישט געווען קלאָר צי דאָס האָט גערעדט עמוס גופא, אָדער אַן אונטערגעשטעלטער מענטש, אַ קליענט וואָס האָט פאַרלוירן זײַן פאַרמעגן און זיך געוואָלט נוקם זײַן פאַרן צער און עגמת־נפש וואָס הלוי האָט אים פאַרשאַפט. ס'האָט געמוזט זײַן אַזאַ איינער וואָס האָט געוווסט אונדזערע ענינים און אפשר האָט ריימאַנדאַ אונטערגעשיקט אַזאַ איינעם זיך צו רייצן מיט הלוין און אים פאַרשעמען. זי אַליין איז אַוועק פון שטאָט. כ'האָב זי געהערט רעדן אין ראַדיאָ וועגן פרויען־פרײַהייט.

ס'האָט הלוין ווײ געטאָן וואָס אַלע האָבן זיך פון אים אָפּגעקערט. אַלע שטובקרײַזן זענען זיך צעפאַלן און אין די אָוונטן איז נישט געווען ווו זיך אַהינצוטאָן. זײַן ווײַב, דניאלה, איז אין גאַנצן פון שטוב נישט אַרויס. זי האָט געשטריקט די שאַטקעס וואָס זי האָט גערופן אויף פראַנצייזיש: מאַקראַמע און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער אַריבער די דעכער פון די

הײַזער אין שטאָט ביז אַראָפּ צו צום ים. זי האָט באַצירט די פּלעשער און די שאַטקעס מיט זילבערנע בלעכלעך, באַגילדטע רינגען, מיט גלעזערנע גאָלקעס פון פאַרשיידענע קאָלירן, וואָס האָבן געגלאַנצט ווי ברילִיאַנטלעך אינעם עלעקטרישן ליכט.

— ס׳שײַנט און ס׳בלינצלט בײַ מיר — האָט הלוי אין אַ לײַכטן געמיט זיך אָנגערופן.

אויך דאָס פּעקל צאַרישע צעטלען וואָס די קוטאָפּס האָבן געבראַכט איז נאָך געלעגן בײַ הלוין אין שופלאָד. מיר האָבן אויסגעפונען אַ פירמע פון אַדוואָקאַטן אין אַמעריקע, וואָס האָט זיך געמישפּט מיט די איצטיקע מושלים אין קרעמל, זיי זאָלן אָפּצאָלן די חובות פון צאַרישן רע. שים, אָבער זיי האָבן אָנגענומען בעלי־צעטלען נאָר פון אַמעריקאַנער בירגערס. מיט פרעמדע האָבן זיי זיך נישט מטפּל געווען. נאָר פאַר די קוטאָפּס האָבן זיך געמאַכט גוטע אויסבליקן אַז דער הדסה־שפּיטאָל אין ירושלים זאָל אָננעמען זייער בקשה, אויך אָן אַן אָפּצאָל. בן־זאב, דער געוועזענער מיניסטער אין בן־גוריונס רעגירונג, האָט גענומען אויף זיך דערליידיקן דעם ענין. ער האָט נאָך געהאָט גענוג השפּעה אין לאַנד. מען האָט זיך נאָך גענייטיקט אין זײַנע עצות און ער איז געווען אַן אייגענער אין פאַרשיידענע קערפּערשאַפטן, קאָמיטעטן. אַפילו אַז מען האָט אים נישט גערופן אויף זיצונגען האָט ער זיך אויך נישט געלאַנגווײַליקט, ווײַל ער האָט געפירט אין מושב־זקנים אַ סטאַטיסטיק פון די דרוקפעלערן אין דער העברעיִשער פּרעסע. די פּאָסטשט האָט אים איטלעכן טאָג צוגעשטעלט פּעק מיט צײַטונגען, זשורנאַלן, פּעריאָדישע אויסגאַבן. אַ טאָג מיט אַ סך דרוקפעלערן איז געווען פאַר אים אַ גוטער טאָג.

הלוי האָט געפונען צווישן די פּאַפּירן אין שופלאָד די שריפטלעכע נאָמי־נאַציע אויפן קב״א־אַמט אין ישראל. ער האָט געהאַלטן דעם בויגן אין אַ בײַטל פון צעלולאָיִד, ער זאָל בלײַבן פריש און נישט פאַרגעלט ווערן. קענאַרד בערנזאָן איז שוין געווען אויף דער פרײַ. זײַן נאָמען איז נאָך אַלץ דערמאָנט געוואָרן אין צײַטונגען. מ׳האָט אויפגעדעקט אַ נײַעם שווינדל. נאָך אַ מענטש איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. מ׳האָט געפירט אַ סטאַטיסטיק פון די קרבנות וואָס די קב״א־געזעלשאַפט האָט גורם געווען, פון די משפּחות וואָס זענען פאַראָרעמט געוואָרן. קענאַרד בערנזאָן האָט זיך באַקלאָגט אַז ער האָט נישט צו צאָלן זײַן ווײַב, וואָס האָט זיך מיט אים געגט, אַזעלכע הויכע מזונות. אַלע

האָבן זיך אָפּגעקערט פון אים. די רײַכע הײַזער אין דער וועלט, די דופּאָנס, די ראָטשילדס, די אָפּנהײַמערס האָבן געלייקנט אַז זיי זענען געווען פאַרמישט אין זײַנע געשעפטן. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן, טאָמער מען וועט זיך נוקם זײַן און אים הרגענען. אַ צײַטונג האָט געשריבן אַז ער איז עולה געווען קיין ישׂראל אונטער אַ פרעמדן נאָמען און ער לעבט אינקאָגניטאָ אין אַ פאַרשטאָט פון תּל־אָביב. מען האָט ספּעקולירט אויב ער וועט זיך צושטעלן צום מישפּט אין שווייצאַריע. ס׳האָט געוואָרט אויף אים אַ מינימום פינף און צוואַנציק יאָר תּפיסה, אַזוי האָבן דערציילט צײַטונגען.

הלוי האָט אים געשריבן אין אַ בריוו, אַז ער האָט נישט אויפגעהערט גלייבן אין זײַן ערלעכקייט און ער ווייס פון נאָך מענטשן אין ישׂראל, וואָס זענען אין אים נישט אַנטוישט. הלוין האָט די מפּלה נישט צעטרייסלט און כאָטש אַלע האָבן זיך אָפּגעקערט פון אים און געדודפּט איז ער געבליבן זײַן געטרײַער נאָכגייער. ער האָט זיך נישט אַנטוישט אין קענאַרד בערנזאָנס אידעען, אין דעם ציל וואָס דער פאָלקס־קאַפּיטאַליזם האָט פאַר זיך געשטעלט: רײַך מאַכן אָרעמע מענטשן. דער פעלער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס קענאַרד בערנזאָן האָט זיך אַרומגערינגלט מיט פאַלשע ראַטגעבערס, גײַציקע אַדיוטאַנטן. זיי האָבן אים פאַרפירט. זיי האָבן אָפּגעטאָן הינטער זײַן פלייצע מיאוסע שטיק. נישט דערציילט דעם אמת. ווען ס׳איז געקומען צום יום־הדין, זענען זיי נעלם געוואָרן און די וועלכע מען האָט געכאַפּט האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון יעטוועדער שולד און אַלץ אַרויפגעלייגט אויף אים, אויף קענאַרד בערנזאָן. הלוי האָט אים געעצהט זיך דערווײַטערן אין דער צוקונפט פון אַזעלכע לײַט ווי סער דייוויד סטעפּאַרד. יענער האָט דערשמעקט די סכּנה און איז נעלם געוואָרן צו דער צײַט. דער אינטערפּאָל האָט אים אַרומגעזוכט.

איצט איז שוין הלוי געווען נוטה צו גלייבן אין די מעשׂיות וואָס אַדעלאַ האָט אָנדערציילט וועגן דעם שליח און איר מאַן, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן אין שטוב הינטער אירע אויגן. אָנאַרכין אַליין האָט נישט דערמאָנט מער זײַן וויזיט אין שווייצאַריע. צײַטנווײַז האָט ער זיך צוגעזעצט לעבן הלוין עפּעס זאָגן. ער האָט געשטאָפּט טאַבאַק אין דער ליולקע, געררייכערט און געשוויגן. אויף אַן אַסיפה פון באַנק־באַאַמטע איז ער געזעסן לעבן מיר און געצייכנט פאַרטראַכט אויף אַ בויגן פּאַפּיר דעם סימן פון דאָלאַר $ און דעם סימן פון

ענגלישן פונט £, אין לאַנגע גליַיכלויפיקע רייען, וואָס וויַיטער אַלץ קלענער און קלענער, ווי רעלסן פון אַ באַן, ביזן וויַיטן האָריזאָנט.

מיר האָבן אָפּגעריייניקט איין שופלאַד נאָכן צווייטן און דער מיסחר מיט אַקציעס אויף דער בערזע האָט נאָך אַלץ געדרעמלט. אויך ביַי אונדז איז געווען שטיל און דרעמלדיק און דער איינציקער טאָג ווען די באַנק האָט אויפגעלעבט איז געווען דער טאָג אין חודש ווען די פּענסיאָנערן פון פּאָלק האָבן זיך פאַרזאַמלט אויפצונעמען זייער חודש־געהאַלט, מדור־לדור האָט זיך עס גערופן.

סאָלאָמיר האָט אונדז דערציילט אַז אין מושב־זקנים האָט דער דאָזיקער טאָג זיך געשטעלט אַן אָוונט פריַער. באַלד נאָך אָוונברויט האָט מען זיך פאַר־רוקט אין ווינקלען און איבערגעלייגט פון קעשענע צו קעשענע פאַרשיידענע קוויטלעך, דאָקומענטן. מען האָט געמוטלט מיט די ליפּן חשבונות אויפן קאָפּ, געצייכנט ציפערן אויף שטיקלעך פּאַפּיר, אָפּגעהיט די פּאַספּאָרט־קאַרטלעך, זיי זאָלן נישט ערגעץ ווו פאַרלייגט ווערן אין דער לעצטער מינוט. ס'איז געווען אַ סכּנה צו שטערן ווען מיט אַ וואָרט. מ'האָט זיך אַרומגעדרייט פאַרסודעט און צעבייזערט. באַגינען האָט מען זיך געפּעדערט פריַער ווי געוויינטלעך, נאָך איידער דער טאָג האָט זיך געשטעלט און געלאָפן אַלע מאָל משתּין זיַין פון אויפרעגונג און מען זאָל אויך נישט דאַרפן אין באַנק פּלוצלינג אַרויס פון דער ריי און פאַרלירן דעם פּלאַץ. פרישטיק איז געווען אַן אָפּקו־מעניש. אין אַזאַ טאָג האָט גאַרנישט געשמעקט און ווי אַזוי סאָלאָמיר זאָל נישט האָבן אויסגעסדרט דאָס געשיר אויף די טישן האָט מען זיך געוואָרפן און באַקלאָגט אַז מען געפינט נישט וואָס מען דאַרף.

שעהען פריַער האָט מען געוואָרט אין דרויסן די באַנק זאָל זיך עפענען. צו מאָל האָט ווער פאַרלוירן זיַין געדולד און געקלאַפּט מיט די פויסטן אין די שויבן, אָבער די גלעזערנע טירן האָבן זיך קיין מאָל נישט געעפנט פאַר דער ציַיט. לויט זייער אָנטועכץ, לויט זייער אופן פון וואַרטן, שטייענדיק, זיצנדיק, איז געווען צו דערקענען פון וועלכע שבטים די פּענסיאָנערן שטאַמען. דער געוועזענער אינזשעניר פון אונגאַרן, זיַין גלאַט־ראַזירט פּנים באַוואָשן מיט ווילגערוכיקער זייף און ער אַליין אין געפּרעסטע קליידער, אַלץ פון איין קאָליר: קראַוואַט, הויזן, זאָקן; דער אַמאָליקער חלוץ, וואָס האָט געבויט שאָסייען, אַ רויטלעכע נאָז, אַ בייז פּנים און דער פּאַסיק פון

די הויזן אונטערן אַריבערהענגענדיקן בויך; אַן אַלטיטשקע אויפן טראַטואַר מיט אויסגעצויגענע פיס אַרומגעוויקלט אין אַ שלל באַבלימטע קליידער, אַנגעזאַמלטע אין שטיבער, רײַך און אָרעם; אַ זקן, דאַר און הויך אין העמד און באָרד, ביידע לאַנג און ווײַס.

ס'איז געווען סאַלאַמירס חוב צו ברענגען אין באַנק דוד עולמין, אָפּנעמען דעם אָפּצאָל פון ביטוח־לאומי. מ'האָט אים נישט באַדאַרפט צוליב דעם מטריח זײַן צו אונדז, נאָר די זין האָבן זיך אײַנגעעקשנט מען זאָל זייער טאַטן אַרויספירן איין מאָל אין חודש אויף דער פרישער לופט. זיי האָבן אויך געהייסן אַז סאַלאַמיר זאָל אים עפּעס פאַרלייענען יעדן טאָג, אַניט האָבן זיי געפאָדערט דאָס געלט וואָס ער האָט געבאָרגט בײַ ריטאַ עולמי. ס'האָט נישט געהאָלפן וואָס מען האָט אים געלייענט, דוד עולמי האָט זיך נישט אויפגעוועקט פון דער מרה־שחורה. ווען סאַלאַמיר האָט זיך לעבן אים צוגעזעצט מיט דער בראַשור גדר־אבות האָט עולמי אויפגעהויבן אַן אויג. אַזוי האָט זיך סאַלאַמירן אויסגעדאַכט. ס'זאָל נישט בלײַבן קיין אויסדאַכ־טעניש, האָט ער אַרויסגעלייענט וואָס עולמי אַליין האָט מיט דער הילף פון אַ שרײַבער אין אַמעריקע געשריבן וועגן דעם פּלאַן צו פאַרהיטן פאַר דער צוקונפט די יידישע בית־עלמינס. נאָך דער הקדמה זענען געווען דאָרטן ציטירט פסוקים פון באַרימטע יידן, וואָס האָבן פאַרויסגעפילט דעם גרויסן חורבן און געזוכט עפּעס אַן אויסוועג. דער פּאָעט הײַנע הײַנריך האָט זיך געשמדט. דער פילאָסאָף משה העס האָט אויסגעקליבן ארץ־ישראל. דער זשורנאַליסט סאָקאָלאָוו האָט געטראַכט וועגן דעם אינדזל מאַדאַגאַסקאַר, ד"ר הערצל איז מסכּים געווען אויף אוגאַנדע און דער פּאָעט מלך ראַוויטש איז געפאָרן באַקוקן אין אויסטראַליע אַ לאַנד מיטן נאָמען קימבערליי. אין זײַנע בריוו צו די יידן אין איירָאפּע האָט ער גערופן זיי זאָלן נעמען ווײַב און קינדער און אַנטלויפן פון גיהנום.

— פאַרגעסט נישט מיטנעמען די קברים! — האָט ער געשריבן.

אַ בלעטל ווײַטער האָט סאַלאַמיר זיך אָנגעטראָפן אויף דער מצבה פון דוד עולמיס קרוב, דעם באַרימטן רב ר' משה־דוד וועלטמאַן. אויך יענער האָט געזוכט אַן אויסלייז פאַרן פאָלק און זיך אונטערגענומען נאָך בײַם לעבן אַראָפּברענגען משיחן אויף דער וועלט. ווען ער איז אַרײַן אין טיפן עלטער האָט זיך אויפגעוועקט אין אים נאָך אַ רצון: זײַן פערט ווײַב, אַ יונגע

יתומה, זאָל נאָך זײַן פּטירה פאַרבלײַבן אַן אַלמנה, אַ פּרעמדער מאַנצביל זאָל פון איר נישט הנאה האָבן. ער האָט ביי ביידן נישט געפּועלט.

די שמירה אין די נעכט, די אַרבעט אַרום חיים ציפּורי און דוד עולמי האָבן צוגענומען ביי סאָלאָמירן די גאַנצע צײַט און ס'איז אים נישט געבליבן קיין פרײַע שעה. זײַן בעט איז געשטאַנען אין אַ קעמערל מיט צוויי דורכגענג. ביי נאַכט האָט אים נישט געאַרט, נאָר ביי טאָג האָט מען זיך געדרייט און אים געשטערט. ער האָט נישט געהאָט ווען צו זײַן מיט זיך אַליין. דער צריף איז געשטאַנען ליידיק. דבורה האָט צוגענומען דאָס בעט און די כּלים אין קיך. ווען די קעלט אין דרויסן האָט נאָכגעלאָזט און ס'האָבן זיך געשטעלט וואַרעמערע טעג האָט סאָלאָמיר אויסגעבעטן ביי שושנה ציפּורי אַ פּאָר אַלטע אָפּגענוצטע קאָלדרעס פאַר דער טרונע אונטערן בוים און פון מאָל צו צאָל האָט ער זיך אַהינגעכאַפּט אויסצוואָרעמען דעם גוף און אַ שעה אָפּדרעמלען.

צוריק וועגס פון רימערן, האָב איך אים דאָרטן געטראָפן אַרויסשטופן פון שאָטן דעם שטיינערנעם קאַסטן. הלוי האָט מיך געשיקט אָנזאָגן רימערן וואָס עס איז געוואָרן פון די קב"א-אַקציעס. מיר האָבן געשריבן צו אַלע קליענטן זיי זאָלן זיך נישט מיאש זײַן און קומען אויסהערן אונדזער מיינונג. רימער איז נישט געקומען. זײַן שטיבל איז געשטאַנען פאַרמאַכט. דורך דער שפּאַרונע פון לאָדן האָבן זיך אָנגעזען די שטובזאַכן, אָבער דאָס פּלאַטשיקע, פאַרזשאַ־ווערטע פּאָסטקעסטל איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט אונדזערע בריוו. אויך סאָלאָמיר האָט נישט געוווסט ווו רימער איז אַהינגעקומען. אויף ריטאַ עולמיס לוויה האָט מען אים אויפן בית-עולם נישט געטראָפן. סאָלאָמיר איז נישט געווען זיכער צי רימער האָט חתונה געהאָט מיט דער בעטלערין.

איך האָב אים געהאָלפן שטופן דעם שטיינערנעם קאַסטן. פריִערדיקע צײַטן האָט זיך תּמיד געמאַכט עפּעס אַ שכן וואָס האָט אים געהאָלפן שטופן אַהער און אַהין, איצטער איז שוין די געגנט געווען כּמעט פּוסט. אַ זקן איז געשטאָרבן, איז קיין נײַער אויף זײַן פּלאַץ נישט געקומען. לייב סילווער האָט מער נישט פאַרדונגען קיין דירות, אין אַ צײַטונג פון אויסטראַליע האָב איך געזען אַ גרויסן אָנאָנס מיט צוויי פאָטאָגראַפיעס: ס'אויסזען פון דער סביבה אַצינד און איר פּנים אין דער צוקונפט. דער אָנאָנס האָט געריימט דעם באַרג, דעם ים, די לופט אין אונדזער שטאָט און גערופן מענטשן מיט געלט אויפשטעלן ווילעס. נאָדלס הויף איז געשטאַנען פּוסט. דער גאַנצער שטח

איז געווען באַוואַקסן מיט אומקרויט, בריִעכץ, אַנדערע ווילדע גראָזן. קיין לעבעדיק נפש און קיין חפץ איז דאָרט נישט פאַרבליבן. דער געמיינער ריח פון די חיות האָט זיך נאָך געשפּירט אַ ביסל. אַ האַלבער דאַך איז געשטאַנען אָפן, אָן די שינדלען.

אויך בײַ סאַלאַמירן אין הויף איז נישט געווען מער וואָס צו זען. אַזוי האָט ער געזאָגט. ער האָט געזוכט און נישט געפונען אַ רער אונטערצולייגן אונטער דער טרונע ס׳זאָל זײַן לײַכטער צו שטופּן. ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ ריס אין דער וועראַנדע און געזאָגט, אַז עס גלוסט זיך אים נישט אונטער־זעגן דעם צווײַג וואָס האָט אונטערגעהויבן דעם דאַך. ווען נישט עפּעס אַ צונויפטרעף בײַ איינעם אַ פּראָפעסאָר אין שטוב, וווּהין מרדכי מאָרגענ־שטערן (וועלכער איז נאָך דער מפּלה פון די קב״א־אַקציעס צוריק געוואָרן אַ מוזיק־לערער) האָט אים אַהינגעפירט, און ער איז שוין נאָך דעם געגאַנגען אַהין איין מאָל אין חודש זינגען אַלטע יידישע פאָלקסלידער, וואָלט ער געמיינט אַז ער איז שוין פון לאַנג געשטאָרבן.

אין באַנק האָט אונדז סאַלאַמיר דערציילט וועגן די יונגע מיידלעך און בחורים, סטודענטן אין טכניון, געקומענע פון לאַטײַנישע און אַנגלאָ־סאַקסישע לענדער, וואָס כאָטש זיי האָבן קיין יידיש נישט געקענט האָבן זיי פאָרט געזונגען די לידער, ווי זיי וואָלטן געבוירן געוואָרן און געלעבט אַלע זייערע יאָרן אין די יידישע שטעטלעך אין פּוילן. אויף איין מיידל דאָרטן האָט סאַלאַמיר געוואָרפן אַן אויג. ווי שיין זי איז געווען, האָט איר קול געקלונגען נאָך שענער אין זײַנע אויערן. ער האָט איר געזאָגט אַז פון איר און פון די אַנדערע סטודענטן דערוואַרט ער אַ ישועה פאַר לשון־יידיש אין ישׂראל. ער האָט געהאַלטן פאַר זיי אַ לענגערן רעפעראַט. אַ מאָסן־רעדנער איז ער שטענדיק געווען, האָט ער זיי געפּרוווט איבערצײַגן, אַז גאָר אָפּט איז דאָס יידישע פאָלק געהאָלפן געוואָרן דווקא פון אָפּגעפרעמדטע זין. ער האָט געבראַכט אַ דוגמה פון ד״ר הערצל, וועלכער האָט נישט געקענט דאָס לשון פון פאָלק, פון משה רבנו, וועלכער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין פּרעהס הויף ווי אַ מיצרישער פּרינץ, און אַז דוד המלך האָט געהאַט אַן עלטער־באָבע אַ גויע.

זײַנע רייד האָבן געקלונגען אַ ביסל גוזמאַדיק. פון מאָרגענשטערן דעם מוזיק־לערער האָבן מיר געהערט אַן אַנדער ווערסיע. טייל פאַקטן זענען

געוועז ריכטיק. די סטודענטן האָבן נישט געקענט קיין ייִדיש. דער פּראָ־פעסאָר פון אַמעריקע האָט מיטגעבראַכט אַהער אַ ליבע צום ייִדישן פאָלקסליד נאָך פון זײַן טאַטנס שטוב און אַזוי ווי ער איז געוועז זייער באַרימט און מען האָט געוואָלט אַנגענומען ווערן אויף זײַן פאַקולטעט האָט ער איטלעכן סטודענט געשטעלט אַ תּנאַי, ער זאָל זיך אויסלערנען זינגען בײַ אים אין שטוב ייִדישע פאָלקסלידער.

די סטודענטן האָבן נישט פאַרשטאַנען וואָס סאָלאָמיר האָט פון זיי געוואָלט און זיי זענען זיך באַגאַנגען מיט אים ווי מיט אַ מענטש וואָס איז שוין אַ ביסל חסר־דעה. דעם פּראָפעסאָר איז סאָלאָמיר דווקא געפעלן געוואָרן צוליב די גנבים־ און חדר־לידער, וואָס ער האָט אים אויסגעלערנט און יענער האָט אים דערפאַר געשענקט אַ גאַנצן גאַנג פון אַן אַלטער ייִדישער שלום־עליכם אויסגאַבע. פאַר סאָלאָמירן איז עס געוועז אַ נײַער אָנהייב. אין באַנק האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט זיך נעמען אויף ס׳נײַ זאַמלען אַ ייִדישע ביבליאָטעק. דאָ, נאָכן אַרויסרוקן דעם שטיינערנעם קאַסטן פון שאַטן, האָט ער געהאָפט אַז דבורה וועט חרטה האָבן און צוריקקומען צו אים. זי וועט אָפּבריענגען דעם אַוועקגעגזלטן מוזיי. לאָנדאָן וועט אויסלייזן דאָס צעטל, וועט ער איר אָפּצאָלן דעם חוב.

אָבער ווען דבורה האָט זיך באַוויזן האָט שוין סאָלאָמיר נישט געלעבט. זי האָט אָפּגעוואָרט די לוויה בײַם טויער פון בית־עולם צוזאַמען מיט אַ חברטע פון שטאָט מיט וועלכער זי האָט געשפּילט אין קאָרטן. זי האָט געטראָגן אַ לײַכט גרין קליידל אין דער שטאַרקער היץ און פאַרדעקט די האָר מיט אַ שוואַרצלעך טיכל. זי האָט אָפּגעענטפערט אויף הלויס באַגריסונג מיט אַ גרינגן נויג און די גאַנצע צײַט פון דער לוויה זיך געהאַלטן פון דער ווײַטנס, אָפּגעזונדערט פון געזעמל באַגלייטערס און אַפילו בײַם קבר האָט זי זיך מיט קיינעם נישט אויסגעמישט.

אויך שיינע־רחל האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון אונדז. זי האָט אויסגעזען גאָר אין גאַנצן אַנדערש ווי סאָלאָמיר האָט זי אָפּגעשילדערט. אירע גרוילעכע שאַטענע האָר האָבן פאַרשטעלט דעם שטערן און די גרויסע, טונקעלע ברילן — אַ חלק פון איר פּנים. ווען הלוין איז געראַטן, נאָך דעם ווי איר באַגלייטער האָט אים געזאָגט ווער זי איז, כאַפּן מיט איר אַ קורצן שמועס, האָט ער איר מודיע געוועז, אַז מחמת זי איז פאַררעכנט געוועזן ווי

סאַלאָמירס געזעצלעך ווײַב, האָט זי אַ רעכט צו ירשענען וואָס ער האָט איבערגעלאָזט. קיין סך איז נישט פֿאַרבליבן. די רומישע טרונע אין הויף, אַ קאָמפּלעט שלום־עליכם אין ייִדיש, דער רעקאָרדער און דאָס פֿראַנץ־יאָזעף־צעטל פֿאַרמשכּונט אין באַנק.

שיינע־רחל האָט געוווּסט אַז סאַלאָמיר האָט זי אַרומגעזוכט, אָבער זי האָט מער נישט געהאַט בדעה זיך מיט אים צו טרעפֿן. זי האָט נישט געוואָלט ירשענען זײַנע זאַכן. אויך נישט די טאַשמעס מיט זײַנע מעשׂיות.

— וואָס האָט ער מיר צו זאָגן נאָכן טויט, וואָס ער האָט בײַם לעבן נישט געזאָגט — האָט זי האַלב געפֿרעגט.

*

— שמואליק איז געשטאָרבן! — האָט יהושע רימער אויסגערופֿן עטלעכע מאָל ווען ער האָט נאָך זײַן ברייטן שלום מקוננים, מיט וועלכן ער איז אונדז אַנטקעגנגעקומען, דערקענט הלוין און פֿון אים זיך דערוווּסט וועמען מיר האָבן אַהער באַגלייט. ער איז צו צו דער וואַנט לעבן טויער ווו אַ בלינד מיידל איז געזעסן אויף דער ערד מיטן קאָפּ אין שאָטן און די אויסגעצויגענע פֿיס אין דער זון, אַנידערגעשטעלט לעבן איר ביידע צדקה־פּושקעס, איר אַנגעזאָגט עפּעס און זיך צוריקגעקערט צו אונדז. בײַם דערהערן אַז קיין חזן איז נישט מיטגעקומען (ס'איז נישט געווען קיין געלט דערויף) און אַז אַ זקן אין מושב־זקנים האָט זיך געלאָזט אײַנבעטן אָפּצוזאָגן די תּפֿילות, האָט ער גענומען אויף זיך אָפּצוריכטן די לוויה. ער האָט אויך געזאָגט קדיש אויפֿן פֿאַרשאָטענעם קבֿר און גערעדט צום ניפֿטר עטלעכע ווערטער. ער האָט זיך מיט אים געזעגנט. ער האָט אים דערציילט אַז מערי איז געשטאָרבן מיט אַ קנאַפּן חודש צוריק און אים געהייסן גלײַך אַוועקגיין צו איר. ער זאָל זי אָפּזוכן, ווײַל זי ווייס ווער ער איז, זי וועט אים געדענקען און דערקענען. זיי האָבן נישט איין מאָל גערעדט וועגן אים און דערמאָנט זײַן נאָמען צום גוטן. ער האָט אים געהייסן זאָגן מערין זי זאָל נישט דאגהן, ווײַל די טאָכטער איז פֿאַרבליבן אין געטרײַע הענט. אַלץ וואָס ער האָט איר פֿאַרן טויט צוגעזאָגט האָט ער אויסגעפֿירט און שוין די וואָך וועט ער זיך אַרײַנכאַפּן אין באַנק אַרײַן איבערשרײַבן זײַנע אַקציעס אויפֿן מיידלס נאָמען. סוף־סוף האָט זיך געפֿונען ווער עס זאָל אים ירשענען. די ירושה איז שוין מסתּמא ווערט

געוואָרן אַ פֿאַרמעגן. ס'איז שוין געווען אַ מטמון נאָך דעמאָלט ווען ער האָט אין סאַלאַמירס הויף פֿאַרשריבן די סומע אויף דער קבלה. און רימער האָט אָנגעהויבן זוכן דאָס פּאַפּירל. ער האָט זיך באַטאַפּט דאָ און דאָרט מיט ביידע הענט און אָנגעהויבן איבערלייגן זאַכן פֿון איין קעשענע אין דער צווייטער. ער האָט אַרויסגעצויגן אַ פּעקל שנוראַוואָדלעס, אַ ליכט מיט אַ קנויט אין ביידע עקן, אַ שערל, אַ טאַבאַק־שקעטל. ס'האָט זיך נאָכגעשלעפּט דער גרינער דאָלאַר מיט אַ שטריקל, וואָס הלוי האָט אים געשענקט נאָכן וואָרפֿן באַקנאָטן אין סאַלאַמירס הויף. רימער האָט זיך פֿאַרפּלאָנטערט זוכנדיק די קבלה, ער האָט פֿאַרלוירן דאָס געדולד און אַרײַנגעשטופּט אַלע זאַכן צוריק אין די קעשענעס. אין באַנק וועט מען אים שוין זאָגן, האָט ער געהאָפּט, דעם ווערט פֿון די פּאַפּירן. ס'וועט סטייַען אויף אַ גאַנץ לעבן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַ צעטומלטער, זיך אָנגעבויגן און אַרײַנגעשריגן אין קבר:

— זאָג איר אַז דאָס בלינדע מיידל איז פֿאַרזיכערט מיט אַן עתיד!

איידער מען איז זיך צעגאַנגען האָט שושנה ציפּורי זיך אָנגערופֿן, אַז אויך די לעבעדיקע וואָלטן זיך געניייטיקט אין אַ גוט וואָרט און זי האָט אָנגעוויזן הלוין אויף דוד עולמין, אויף נאָדלען, אויף איר אייגענעם מאַן, ווען לודוויג קוטאַף האָט אונטערגעהאַלטן ער זאָל נישט אומפֿאַלן איבער די גרודעס ערד צווישן די קברים.

הלוי האָט זייער שיין מספּיד געווען דעם ניפטר. אַז מען זאָל אים וועלן אויסהערן האָט ער אויך די לעבעדיקע געהאַט וואָס צו זאָגן. ערשט מיט צוויי טעג צוריק האָט ער עס געזאָגט סאַלאַמירן, ווען יענער האָט זיך אַרײַנגעשטעלט אין באַנק אַרײַן מיט אַ פּעקל ביכער און מודיע געווען אַז ער האָט זיך גענומען אויף ס'בײַ זאַמלען אַ יידישע ביבליאָטעק. הלוי האָט אים דעמאָלט אָנגעזאָגט, אַז אויך אין לאָנדאָן האָט זיך עפּעס אַ ריר געטאָן אין שייַכות מיטן אימפּעריע־צעטל און אויך די בערזע אין תּל־אָביב האָט זיך אָנגעהויבן אויפֿוועקן פֿונעם לאַנגן דרעמל. ס'איז געווען אַ סברה, אַז נאָך איידער דער זומער וועט אַוועק וועט זיך שוין אָנהייבן דאָרטן צו טומלען און אויך בײַ אונדז אין באַנק וועט זיך אַ רודער טאָן. ער האָט געוויזן סאַלאַמירן קענאַרד בערנזאַנס ענטפֿער. יענער איז נאָך דערוויַילע פֿאַרנומען מיט רייַנוואַשן זײַן נאָמען אויף דער וועלט, אָבער ווי נאָר דאָס געריכט וועט אים באַפֿרייַען וועט ער זיך ווידער נעמען צו דער אַרבעט. ער וועט

נאָך אַ מאָל דעם טעות נישט איבערחזרן. די פילאָסאָפיע פון דער קב״א־געזעלשאַפט האָט נישט באַנקראָטירט.

באַמערקנדיק אויף שושנה ציפּוריס פּנים אַ קרומע מינע האָט הלוי זיך צוגעבויגן צו איר נעענטער.

— בטחון, מײַן ליבע פרוי, בטחון.

און דאָס האָט סאָלאָמיר געהערט פון הלוין ווען ער האָט זיך אַזוי צעלאַכט:

— בטחון, מײַן ליבער הער, בטחון.